STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04003

OYFN SHANSELOR

Jules Verne

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אויפֿן שאַנסעלאָר

זשול ווערן

אויפֿן שאַנסעלאָר

אַ געשיכטע פֿון אַ טראַגישער נסיעה

ראָמאַן

יידיש: מ. לאַנדוי

פֿאַרלאַג א. גיטלין, ווארשע.

DRUK J. WAGMEISTER. NALEWKI № 7

Printed in Poland.

1

טשארלזסטאָן, 27 סעפּטעמבער.

דריי אַ זייגער נאָך האַלבן טאָג פאַרלאָזן מיר דעם ברעג. דער ים־אָפּפלוס ווערט אונדז באַלד אַוועקטראָגן אין אָפענעם ים. קאַפּיטאַן הענטלי הייסט אויפהייבן די זעגלען, און דער צפון־דיקער ווינט יאָגט דעם „שאַנסעלאָר" פון האַפן.

פיר אַ זייגער גייען מיר איבער אַ שמאָלן קאַנאַל. צוליב דעם אָפּפלוס שטראָמט דאָ דאָס וואַסער מיט אַ געוואַלדיקער שנעלקייט. צום אָפענעם ים איז נאָך ווייט: מיר מוזן פריער אַדורכגיין דעם שמאָלן קאַנאַל.

ערשט זיבן אַ זייגער אין אָוונט האָט זיך גענומען וויגן די שיף אויף די פרייע כוואַליעס פון אַטלאַנטישן אָקעאַן.

„שאַנסעלאָר" איז אַ פּרעכטיקע שיף מיט דריי מאַסט־ביימער. זי קען אַריינגעמען אין זיך גאַנצע 900 טאָן, און גע־הערן געהערט זי צו דער פירמע „ברידער לירד אין ליווער־פּול".

דידאָזיקע שיף, וואָס איז באַשלאָגן מיט מעש, איז ערשט מיט צוויי יאָר צוריק אָראָפּגעלאָזט געוואָרן אויפן וואַסער. דאָס איז אַ שטאַרקע שיינע שיף און זי קרייסירט שוין צום דריטן מאָל צווישן טשאַרלזסטאָן און ליווערפּול.

אַז זי איז אַרויס פון טשאַרלזסטאָנער האַפן, האָט זי אַראָפּגעלאָזט די בריטאַנישע פאָן, אָבער אַ גענוי אויג וועט זיך קיינמאָל נישט טועה זיין אין איר אָפּשטאַמונג: זי איז אַן ע נ ג ל י ש ע, אָנגעהייבן פון דער וואַסערליניע און געענדיקט מיט די שפּיצן פון די מאַסטביימער...

און אַז איך האָב באַדאַרפט פאָרן קיין ענגלאַנד, האָב איך זיך געזאָגט: איך וועל דורכמאַכן דידאָזיקע נסיעה אויפן „שאַנסעלאָר..."

צי איז מיין אויסוואַל באמת געווען אַ גוטער—דאָס וועט, נאַטירלעך, באַווייזן די צוקונפט. דערווייל אָבער וועל איך מיר פירן אַ טאָגבוך. דאָס איז דער עיקר.

II

28 ס ע פּ ט ע מ ב ע ר.

דזשאָן סילאַס הענטלי, דער קאַפּיטאַן פון „שאַנסעלאָר" האָט אַ שם פאַר אַ גוטן פּראַקטישן קאַפּיטאַן, וואָס האָט שוין אַ היבש ביסל מאָל אַדורכגעשניטן דעם אַטלאַנטישן אָקעאַן.

דאָס איז אַ מענטש פון מיטעלן וווּקס מיט שמאָלע אַקסלען און מיט דער אויסטערלישער רגילות צו האַלטן דעם קאָפּ אויף אַ זייט—אויף דער לינקער זייט...

הגם איך האַלט מיך נישט פאַר אַ גוטן פיזיאָגנאָמיסט, דאָך מיין איך, אַז איך האָב מיר באַלד געשאַפן אַ ריכטיקע פאָר־שטעלונג וועגן אים, נישט געקוקט דערויף, וואָס געזען האָב איך אים בלויז אַ פּאָר מאָל.

יאָ, איך וועל נישט זאָגן, אַז סילאַס איז אַ שלעכטער ים־מענטש, אַז ער קען נישט זיין פאַך בשלומות. אָבער איך וועל זאָגן, אַז דער דאָזיקער מענטש צייכנט זיך נישט אויס מיט אַ שטאַרקן כאַראַקטער, מיט אַ סך ענערגיע, מיט גרויסע פי־זישע כוחות.

דאָס איז אַ מענטש, וואָס שטעלט שוואַכע טריט; דאָס פּנים איז אים מיד און אויסגעמאַטערט, די באַוועגונגען—פּאַסיווע, אַ זאָרגלאָזע נאַטור, אָבער נישט קיין אָנטשלאָסענע.

איך וועל אים האַלטן אויפן אויג און וועל אים עפּעס באַ־אָבכטן—ער פערנעמט דאָך עפּעס אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן אויפן „שאַנסעלאָר".

אויפן דעק פון דער שיף איז פאַראַן נאָך אַ מענטש, וואָס דער גורל זיינער ד'האָט אים אָוועקגעשטעלט אויף דעם וויכטיקן אָרט צווישן גאָט און דזשאָן סילאַס הענטלי: דאָס איז דעם קאַפּיטאַנס געהילף. איך קען אים גאָרנישט און וועגן אים וועל איך נאָך מסתמא רעדן אין די ווייטערדיקע נאָטיצן.

די שיפקאָמאַנדע פון „שאַנסעלאָר" באַשטייט דערוייל פון קאַפּיטאַן הענטלי, זיין געהילף, ראָבערט קורטיס, דעם לייטע־נאַנט וואַלטער, דעם באָצמאַן און פערצן מאַטראָזן ענגלענדער און פּאָרטוגאַלער. דאָס זענען אַלץ, קענטיק, זייער פּראַקטישע ים־לייט.

אַרויסגייענדיק פון טשאַרלזסטאָנער האַפן, האָבן זיי אויס־

בעצייכנט מאַנעווּרירט אונטער דער אָנפירונג פון דעם קאַפּי־טאַנס געהילף.

אכט פּאַסאַזשירן זענען דאָ אויף דער שיף—שוין צוזאַמען מיט מיר. איך קען זיי נאָך גאָרנישט, אָדער די באַקאַנטשאַפט וועט מסתמא שנעל געשלאָסן ווערן. דאָס איינטאָניקע לעבן, די אָפטע באַגעגענישן אויף אַזאַ קליינטשקן שטח, דער אַלגעמיי־נער גורל, וואָס טראָגט אונדז צווישן הימל און וואַסער—דאָס זענען די בעסטע פאַרמיטלער דערצו.

נעכטן און היינט האָט זיך נאָך קיינער נישט צוגעזעצט צו דעם אַלגעמיינעם טיש. מאַנכע האָבן אַוודאי געליטן פון דער ים־קראַנקהייט.

איך גיב דאָ די רשימה פון די פּאַסאַזשירן לויטן סדר, ווי מען האָט זיי פאַרצייכנט אין די שיפדאָקומענטן: מיסטער קיר, אַן ענגלענדער פון בופאַלאָ, און זיין ווייב; מיס גערביי, אַן ענגלענדערין, וואָס באַגלייט די פרוי קיר; ה׳ לעטורנער און זיין זון אַנדרע—פראַנצויזן פון האַווער; וויליאַם פאַלסטען, אַן אינזשיניער פון מאַנטשעסטער; ד. רעבי, אַ סוחר פון קאַר־דיף און ד. ר. קאַזאַלאָן — דער מחבר פון דעמדאָזיקן טאָג־בוך.

III

29 סעפּטעמבער.

„דער קאָנאָסאַמענט פון קאַפּיטאַן הענטלי, דאָס הייסט דער דאָקומענט, וואָס באַשטעטיקט די שיפלאָדונג און אירע

באדינגונגען, איז צוזאמענגעשטעלט אין אזא מין נוסח:

„די קאמיסיאנערן בראנספילד און קאמפ., טשארלזסטאן. איך, דזשאן סילאס הענטלי, דער קאפיטאן פון דער שיף „שאנסעלאר", וואס אנטהאלט 900 טאן אדער בערך אזויפיל, געפין מיך איצט אין טשארלזסטאן, און ביי דעם ערשטן גינסטיקן ווינט באדארף איך גיין מיט גאטס הילף און מיט דעם קירצסטן וועג קיין ליווערפול, דערביי האב איך אויפגענומען פון אייך, בראנספילד און קאמפ., די קאמיסיאנערן פון טשארלזסטאן, א פראכט פון 1,700 פעק באוול אין דעם ווערט פון 26,000 ליווער, אריבערצופירן עס אין אונטערדעק. דעמדאזיקן פראכט בין איך מיך מתחייב צו ברענגען אין דער פולסטער אפגעהיטקייט, אויב עס וועט, נאטירלעך, נישט קומען צו נישט פארויסגעזעענע מניעות אויפן ים און איבערענטפערן אים דער פירמע „בר. לירד" אדער עמעצן אנדערש, לויט איר אנווייזונג, באקומענדיק פון איר פארן וועג 2,000 ליווער. חוצדעם, אין הסכם מיט די ים־געזעצן און טראדיציעס, ווערט מיר באזונדער איינגעצאלט פאר די היזקות, וואס קענען קומען פון אווואריעס. דערמיט, אז די אלע התחייבותן, וואס איך נעם אויף זיך, וועלן פינקטלעך דערפילט ווערן, גאראנטיר איך מיט דער שיף און מיט מיין גאנץ פערמעגן, וואס איך באשטעטיק דא אויך מיט מיין חתימה אויף דריי אויטענטישע קאנאסאמענטן. אויב די חתימה פון איין דאקומענט ווערט געפסלט דורכן פראכט־אפנעמער, פארלירן די איבעריקע צוויי זייער קראפט.

טשארלזסטאן, 13 סעפטעמבער 1869.

דזשאן סילאס הענטלי."

ווי עס איז צו זען פון דעמדאזיקן דאקומענט, האט דער „שאנסעלאר" געפירט קיין ליווערפול גאנצע 1,700 פעק באוול. די

קאָמיסיאָנערן בראָנספילד און קאָמפּ. האָבן אָרויסגעשיקט די סחורה אויפן נאָמען פון דער פירמע „בר. לירד, אין ליווערפול".

דער פראַכט האָט כמעט פאַרנומען דעם גאַנצן אונטערדעק. פאַר דעם באַגאַזש פון די אַכט פּאַסאַזשירן האָט מען איבערגעלאָזט זייער אַ מאָגערן אָרט. דער „שאַנסעלאָר" איז געגאַנגען מיט פולן קיין ליווערפול.

IV

30 סעפּטעמבער—6 אָקטאָבער.

דער „שאַנסעלאָר" גייט זייער שנעל און אין דעם פּרט איז ער ממש אַן אויסנאָם צווישן די שיפן פון זיין גלייכן. ער מאַכט „ברייטע טריט" אויפן וואַסער און לאָזט איבער הינטער זיך אַ לאַנגן ווייסן פּאַס פון שוים, וואָס זעט אויס, ווי ווייסע שפּיצן אויפן בלויען פאָן פון ים...

דער אַטלאַנטישער אָקעאַן איז על-פּי-רוב רויק אין דער צייט. אונדזערע פּאַסאַזשירן ליידן שוין נישט מער פון דער ים-קראַנקהייט. דאָס לעבן גייט מיט זיין נאַטירלעכן סדר. איבעריקנס, האָט שוין כמעט יעדער איינער פון אונדזער הייפל פּאַסאַזשירן אַדורכגעמאַכט אין זיין לעבן אַ נסיעה אויפן ים.

אין דער מיטאָג-שעה זיצן אַלע ביים טיש. מען זיצט געמיטלעך, ווי אַ געזינדל. מען עסט, מען לאַכט, מען שמועסט.

עפּטער שמועס איך מיטן פראַנצויז. דאָס איז אַ מאַן פון אַ יאָר פינפאונפופציק, אַ הויכער, באָרד און האָר זענען גוט גרוי.

ער זעט אויס עלטער פון זיינע יאָרן, ווייל ער האָט שוין געהאַט אַ רעכט ביסל צרות אין זיין לעבן.

אפילו איצט, אויפן „שאַנסעלאָר", איז ער אויך אָנגעגאָסן מיט וויי און אומעט. אין דעמדראָזיקן מענטשן שלאָגט עפּעס אַן אומדערשעפּלעכער קוואַל פון אומעט.

מען זעט עס פון זיין אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, פון זיינע פאַר־צווייפלטע אויגן. דער מענטש לאַכט קיינמאָל נישט. ער שמייכלט, ווען ער רעדט מיטן זון. דער אלגעמיינער איינדרוק אָבער איז אַ גוטער. עס פילט זיך: אַ גוטער מענטש ליידט...

לעטורנער פאָרט צוזאַמען מיט זיין זון, אַ שיינער יונג פון צוויי־און־צוואַנציק יאָר. דער זון איז זייער ענלעך צום פאָ־טער. ווי איך האָב מיך שפּעטער דערוווסט, איז די סיבה פון דעם טאַטנס אומעט—טאַקע דער זון...

ער איז אַ קאַליקע, דער זון. ער הינקט אויפן לינקן פוס און קען זיך נישט באַגיין אָן אַ קוליע.

דער אַלטער פאַרגעטערט דעם זון. ער איז זיין לעבן, זיין טאָג־טעגלעכע מחשבה. מיר ווייזט אפילו אויס, אַז דעם זונס מום טוט אים מער וויי, ווי דעם זון אליין.

עס איז אַ מאָדנע בילד: אַ טאַטע באַדינט אַ קינד...

איינמאָל האָב איך אַ זאָג געטאָן דעם אַלטן:

„איך האָב געשמועסט מיט אייער אַנדרען. איך מעג אייך זאָגן, ער איז זייער קלוג און אַנטוויקלט."

דער פראַנצויז האָט געשמייכלט.

„יאָ,"—האָט ער געזאָגט,—„ער האָט אַ שלעכטן פוס. דער יונג, אָבער זיין נשמה איז אַ שיינע. דאָס איז די נשמה פון זיין מוטער, וואָס איז געשטאָרבן אין טאָג פון קינפּעט..."

לעטורנער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און האָט שטיל

געפרעגט:

„קענט איר אייך פאָרשטעלן די יסורים פון אַ פאָטער, וואָס זיין קינד איז געקומען אויף דער וועלט מיט אַזאַ מום?"

איך האָב מיך נישט געקענט איינהאַלטן און האָב געזאָגט:

„הער לעטורנער, איר נעמט עס זיך שוין צופיל צום האַרצן... יאָ, אייער אַנדרע האָט אַ שלעכטן פוס, אָבער דער־דאָזיקער פיזישער פעלער מאַכט דאָך אַ מענטשן נישט אַזוי אומגליקלעך, ווי מאָראַלישע יסורים, און מאָראַלישע יסורים, זע איך, ליגן מער אין אייך, ווי אין זון... אויב אייער זון ליידט, איז מסתמא בלויז דערפאַר, ווייל איר ליידט נאָכמער..."

לעטורנער האָט געזאָגט:

„יאָ, איר זענט גערעכט, אָבער איך מאַך עס אַזוי, אַז ער זאָל נישט באַמערקן מיינע יסורים... איך באַמי מיך תמיד, ער זאָל האָבן אַ גוטע שטימונג... איך ראָט אויס אין אים די ספקות און דעם אומעט. איך גיב אים ליכטיקע טעג, שמחה, נסיעות. שוין דריי יאָר צייט, ווי איך פאָר מיט אים אַרום איבער דער וועלט. איך ווייז אים נייע לענדער, שטעט... ער האָט געזען גאַנץ אייראָפּע און איצט האָב איך אים געוויזן די צפון־אַמעריקאַנישע שטאַטן... איך האָב אים דערצויגן דורך נסיעות, דורך בילדער פון אומבעקאַנטע מדינות, פעלקער, מנהגים... מיין יונג איז זייער אַ פעיקער און האָט אַ שיין האַרץ. טיילמאָל זע איך, ווי ער בלייבט שטיין מיט ברייט אויפגעריסענע אויגן פאַר אַ לאַנדשאַפט און קען זיך נישט באַרויקן. ער פילט שיינקייט און האָט געוואַלדיק ליב די נאַטור"...

„אָ, יאָ, דאָס לאָזט זיך באַמערקן,"—האָב איך צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

דער אַלטער האָט מיך אָנגענומען ביי דער האַנט און האָט זי שטאַרק אַ דריק געטאָן.

„אָבער ווי מיינט איר,״ — האָט ער געפרעגט מיט או-מעטיקע אויגן, — „צי קען אַ גוראָטן קינד מוחל זיין טאַטע-מאַמע, ווען ער ווערט געבוירן מיט אַ מום ?... זאָגט, איז עס מעגלעך ?״

דער אַלטער האָט זיך באַשולדיקט אין אַן אומגליק, אין וועלכן מען קען זיך, מיט אַ קלאָרן קאָפּ, נישט באַשולדיקן.

„איך פאַרשטיי נישט אייער פראַגע,״—האָב איך געזאָגט,— „איך פאַרשטיי נישט אייער לאָגיק.״

„אַך, וואָס רעדט איר ?״—האָט ער געפרווט איינוועגדן, אָבער דער זון האָט איבערגעריסן אונדזער שמועס.

ער איז אַרויס פון קאַיוטע אויפן שיפדעק, אַ צעפרידע-נער, אַ שמייכלענדיקער.

מיר האָבן זיך אַנידערגעזעצט אויפן שיפבאַנק און גע-נומען שמועסן פון אונדזער לעבען אויפן „שאַנסעלאָר״, פון ים, פון וועטער.

לעטורנער האָט אויך נישט שטאַרק געהאַלטן פון קאַפּי-טאַן.

„דאָס איז אַ שוואַכער מענטש,״— האָט ער געזאָגט,—„און ער מאַכט אויף מיר אַן איינדרוק פון אַ נישט אויסגעשלאָפענעם... מיט אַזאַ קאַפּיטאַן קען מען זיך נישט איבעריקס גוט פילן אין אַן אומרויקער ים-מינוט... זעט איר, דער געהילף איז אַ כוואַט! ער געפעלט מיר מיט זיינע ברייטע אַקסלען, מיט זיינע פיזישע כוחות, מיט זיין ענערגיע...״

ביי דידאָזיקע ווערטער האָט זיך ראָבערט קורטיס באַוויזן אויפן בריקל. ער איז געשטאַנען גלייך און רויק, ווי אויסגע-

גאַסן פון שטאָל.

„אָט דאָס איז דער ריכטיקער ים־מענטש.״—טראַכט איך קוקנדיק אויף דערדאָזיקער שטאָלענער פיגור. — „מיט אַזאַ איי־נעם איז יעדע צרה אַ האַלבע צרה... ער קען זיך געבן אַן עצה. ער קען עפּעס אויפטאָן מיט זיינע אייזערנע הענט. און אַזאַ מענטש איז בטבע אויך אַ גוטער. ער האָט ליב צו העלפן... ער האָט פּשוט הנאה דערפון...״

אויסגעפאָרשט דאָס וועטער און נאָכגעקוקט, צי די זעג־לען זענען גוט אָנגעצויגן, איז ער צוגעגאַנגען צו אונדז מיט אַ שמייכעלע. אונדזער שמועס האָט אים, קענטיק, פאַראינטערע־סירט.

ער האָט אונדז אָנגעגעבן מאַנכע פּרטים וועגן יענע פּאַ־סאַזשירן, מיט וועלכע מיר זענען נאָך געשטאַנען אַ ביסל פון דערווייטנס. הער קיר און זיין ווייב, אַ שטייגער, זענען אַמערי־קאַנער—פון צפון־אַמעריקע, זענען זייער רייך, מיליאָנערן. זיין קאָלאָסאַלן פאַרמעגן האָט הער קיר געמאַכט ביי נאַפט־שפּעקו־לאַציעס, וואָס נישט איין מענטש איז שוין פון זיי בתּעשר גע־וואָרן.

אַן איינדרוק אָבער מאַכט הער קיר פון אַן אויפגעקו־מענעם, פון אַן ערשט אויסגעבאַקענעם גביר, אָן טראַדיציעס און אָן מאַנירן.

זיין גאַנצע ליבע טוט ער אַריין אין עסן, טרינקען, אין מאָגן־הנאות.

אין זיינע קעשעניש הערט זיך תּמיד דער קלאַנג פון מעטאַל. קיין הויכע מחשבות האָט ער נישט. עס גייט אים גאָר־נישט אָן. אויף מענטשן קוקט ער מיט פאַראַכטונג, פון אויבן אַראָפּ, אָבער זיך אַליין פאַרגעטערט ער. די גאַנצע וועלט—דאָס

איז ער און זיין געלט, און ווייטער איז אַלץ גאָרנישט.

עס איז גאָר אַ חידוש, ווי אַזוי האָט עס אַזאַ מענטש, אַזאַ עגאָיסט, וואָס האָט בלויז ליב זיך און דעם מאָגן מיט זיי־נע הנאות, זאָל זיך אַרויפזעצן אויפן „שאַנסעלאָר", אפילו אַ שיינע שיף, אַ גוטע שיף, אָבער איר קאָמפאָרט איז פאָרט אַ באַגרענעצטער.

פאַראַן שיפן, וואָס צייכענען זיך זיכער אויס מיט מער קאָמפאָרט, ווי דער „שאַנסעלאָר". טאָ וואָס האָט ער צו זיצן אויף דערדאָזיקער שיף?

די פרוי קיר איז נישט בעסער פון איר מאַן. דערזעלבער עגאָיזם און דיזעלבע גלייכגילטיקייט צו אַלץ, וואָס רירט נישט אָן דירעקט איר פּערזאָן.

אַלט איז זי ביי אַ פערציקער, אָבער זי האָט שוין גרויע האָר ביי די שלייפן. זי קוקט—און זי זעט גאָרנישט, זי האָט אַן אָפן אויער—און זי הערט גאָרנישט. זי מאַכט אַן איינדרוק פון אַ מענטשן, וואָס האָט נישט קיין איין מחשבה אין קאָפּ.

די איינציקע באַשעפטיקונג אירע באַשטייט אין דעם, וואָס זי האַלט נאָר אין איין פייניקן און מוטשען איר באַצאָלטע באַגלייטערין, די מיס גערביי, און אָט די באַשעפטיקונג פירט זי אויס בשלמות.

מיס גערביי איז אַ יונג מיידל, אַן ענגלענדערין. זי איז אַלט איינגאַנצן צוואַנציק יאָר...

זי איז בלאָנד און שיין, און באַזונדערס שיין זענען אי־רע טונקל־בלויע אויגן. אירע ראָזע ליפּלעך וואָלטן ממש געקאָנט פאַרכישופן, ווען מיס גערביי וואָלט געהאַט מער צייט און מער בעלעגנהייט צו שמייכלען...

זי קען נישט שמייכלען, ווייל עפּטער וויל זי גאָר וויינען,

פרוי קיר דערגייט איר די יאָרן מיט אירע קאַפּריזן, מיט איר משוגעת פון אַ מיליאָנערין, מיט איר ווילדער איבערגעזעטיקט־קייט...

דאָס מיידל ליידט און מוז שווייגן: דער מיליאָנער צאָלט דאָך איר.

אַזוי האָט ראָבערט קורטיס געענדיקט די כאַראַקטעריסטיק וועגן דעם אַמעריקאַנישן פּאָרל.

דאָס איז געווען אַן אינטימער שמועס צווישן אונדז. איך דערמאָנען שמועס האָט ער נישט פיגורירט, ווי אַ געהילף פון קאַפּיטאַן, נאָר ווי אַ זייטיקער ליבער מענטש, מיט וועלכן עס איז אָנגענעם צו רעדן פון פאַרשידענע זאַכן.

אַז ראָבערט קורטיס האָט אונז פאַרלאָזט, האָט לעטורנער שטיל געזאָגט :

„דאָס איז אַ מענטש, מען קען זיך פאַרלאָזן אויף אים.

V

אָקטאָבער.

שוין צען טעג, ווי מיר האָבן פאַרלאָזט טשאַרלזסטאָן. איך בין מיך מודה: די נסיעה געפעלט מיר..

עפּטער שמועס איך מיטן קאַפּיטאַנס געהילף — מיר זענען איצט פריינט.

הייַנט האָט מיר ראָבערט קורטיס געזאָגט, אַז מיר געפינען זיך נישט ווייט פון די בערמודישע אינדזלען, דאָס הייסט אויף דער ברייט פונם קאַפּ האַטעראַס.

דעם קאַפּיטאַנס געהילף האָט צוגעגעבן:

„איצט װעלן מיר זיך באַקענען מיט די בערמודישע אינדזלען און באַזונדערס מיט דער אינדזל פון הייליקן געאָרג. נאָך ביז נאַכט װעלן מיר דאָרט זײַן."

דידאָזיקע װערטער האָבן מיך אַ ביסל פאַרחידושט. איך האָב געפרעגט:

„װי קומען מיר אײַגנטלעך צו די בערמודישע אינדזלען? איך מײן, אַז די ריכטונג פון אַ שיף, װאָס איז אַרויס פון טשאַרלזטאָן קײן ליװערפּול, באַדאַרף זײַן אַ מער צפונדיקע. װי אַזױאַרום קומען מיר צו די בערמודישע אינדזלען?..."

ראָבערט קורטיס האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

„איר זענט גערעכט", — האָט ער געזאָגט, — „מיר גייען נישט מיטן ריכטיקן װעג פון טשאַרלזטאָן קײן ליװערפּול. עס איז קלאָר פאַר יעדן מענטשן, װאָס איז באַקאַנט מיטן ים-מאַרשרוט. אָבער די ענדערונג שטאַמט, מײן ליבער, פון קאַפּיטאַן... ער האָט אַזױ געװאָלט."

„פאַרװאָס?"

ראָבערט קורטיס האָט שטיל געזאָגט:

„איך װײס אַלײן נישט. אַזױ האָט ער געװאָלט און אַזױ האָט ער באַפוילן. דער „שאַנסעלאָר" מוז דאָך געהאָרכן דעם קאַפּיטאַן... װי מײנט איר?"

„אָבער..." — האָט זיך דער ליבער פּראַנצויז פאַרקרימט.

„װאָס אָבער?" — האָט דעם קאַפּיטאַנס געהילף געשמייכלט. — „איך האָב אים אפילו געזאָגט, דעם קאַפּיטאַן, אַז דאָס איז נישט דער ריכטיקער װעג... אָבער איך האָב באַקומען אַן ענטפער, אַז דער קורס פון שיף איז זײַן זאַך און נישט קײנעמס... ער האָט מער נישט געװאָלט רעדן װעגן דעם."

דעם קאַפּיטאַנס געהילף איז אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און זיך אָפּגעקערט. קענטיק, אַז ער האָט געוווּסט אַ סך מער פון דעם, וואָס ער האָט געזאָגט.

דער גאַנצער שמועס איז אים נישט געווען צום האַרצן.

איך האָב מיך אָבער נישט געקענט איינהאַלטן און דערהאָב ווידעראַמאָל אָנגעהייבן:

„אָבער ליבער הער קורטיס, מיר האָבן דאָך היינט דעם 7-טן אָקטאָבער, שוין זשע איז איצט אַ צייט צו גיין מיט נייע וועגן? מיר טאָרן דאָך קיין איין טאָג נישט פאַרלירן, אויב מיר ווילן אָנקומען קיין איראָפּע פריער, איידער עס וועט זיך אָנהייבן דאָס שלעכטע וועטער... ס'איז דאָך לעכערלעך!... אַן ערנסטער קאַפּיטאַן וועט דאָך נישט מאַכן קיין קונצן אויפן ים, ווען ער גייט מיט זיין שיף אין אָקטאָבער פון טשאַרלזטאַן קיין ליווערפּול...“

ראָבערט קורטיס האָט האַלב געשעפּטשעט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן:

„נו, יאָ, דאָס איז אַזוי... איר זענט גערעכט, גערעכט... נו, געוויס...“

אין אַ ווײַלע אַרום האָב איך מיך שטיל, אָבער ענערגיש אָנגערופן:

„הער קורטיס, איך וועל זיין נישט באַשיידן, אָבער איר וועט עס מיר מוחל זיין... זאָגט מיר, מיין ליבער, וואָס טראַכט איר פון קאַפּיטאַן? דאָס איז, מיין איך, זייער אַ וויכטיקע פראַגע...“

הער קורטיס האָט נישט באַלד געענטפערט און ער האָט איך אַזוי ווי געפלאָנטערט.

„איך מיין... איך מיין...“—האָט ער געזאָגט.—„אַז... ער

איז מיין קאַפּיטאַן... נישט וואָר?"...

„איר מוזט אָבער מודה זיין, — האָט קורטיס, אַז אייער ענטפער איז אַ ביסל משונה און ער קען מיך נישט באַפרידיקן און נישט באַרויקן..."

קורטיס האָט אָבער געשוויגן.

איך האָב אים מער נישט געוואָלט צווינגען צו רעדן. סוף-כל-סוף זענען דאָך די עטלעכע ווערטער, וועלכע ער האָט נישט גערן אַראָפּגעשאַרט פון דער צונג, אויך געווען אַ גאַנץ קלאָרער ענטפער. מען דאַרף זיי נאָר קענען פאַרשטיין, ווי געהעריק.

„האָבן מיר, הייסט עס, אַ קאַפּיטאַן, וואָס טויג אויף גוטע כפרות..."—האָב איך מיך געטראַכט.

ראָבערט קורטיס האָט זיך נישט גענאַרט.

אַרום דריי אַ זייגער בייטאָג האָט דער וואַכמאַטראָז דער-זען יבשה פון זיין בריקל. דידאָזיקע יבשה איז געלעגן פאַרשלייערט אין אַ נעבל, סאַמע אונטערן האָריזאָנט.

די שיף האָט זיך אָבער כסדר דערנענט צו איר. און אַ זייגער זעקס נאָכהאַלבן טאָג, זענען מיר, דאָס הייסט ביידע לו-טורנערס און איך, אַרויף אויפן בריקל און באַטראַכט פון דער-ווייטנס די אינדזלען, וואָס זענען אונדז אַזוי ווי געשווומען אַנט-קעגן.

אַנדרע לעטורנער איז געשטאַנען מיט ברייט אויפגעריסענע אויגן. ער האָט געציטערט פון אַנטציקונג.

„זעט איר יענע גרופּע אינדזלען",—האָט ער געשעפּטשעט מיט אַ פאַרהאַלטענעם אָטעם,—„דאָס איז דער רייצנדיקער אַר-כיפּעלאַג, וואָס אייער טאַטאַס מאָר האָט אים באַזונגען אין זיי-נע אָדעס... דער פאַרטריבענער וואָלטער האָט נאָך אין יאָר

1640 מיט גרויס התלהבות באַשריבן דידאָזיקע אינדזלען, און אויב איך בין מיך נישט טועה, האָבן די ענגלישע דאַמען אַ געוויסע צייט געטראָגן היט, אויסגעאַרבעט פון פּאַלמען, וועלכע האָבן געוואַקסן אויף דידאָזיקע אינדזלען... פּאָעטן, פילאָזאָפן, דאַמען... איר פאַרשטייט?״

איך האָב אים נאָכמער אונטערגעוואָרעמט.

„מיין טייערער,״—האָב איך געזאָגט,—„דער בערמודישער אַרכיפעלאַג איז געווען שטאַרק באַרימט אין זיבעצעטן יאָרהונדערט... איצט אָבער האָט מען אים לגמרי פאַרגעסן... זעלטן ווען מען דערמאָנט אים. אַ פאַרגעסענע יבשה...״

ראָבערט קורטיס איז אַרויף צו אונדז אויפן בריקל.

ער האָט געזאָגט:

„יאָ, פּאָעטן האָבן באַזונגען דעם אַרכיפּעלאַג, זיי האָבן זיך אַנטציקט מיט אים... ביי די ים-לייט אָבער איז ער נישט זייער פּאָפּולער... איך קען עס אייך דערקלערן, אויב איר ווילט: דער צוטריט צו אים איז אַ שווערער פאַר אַ שיף... אונטערוואַסער-שטיינער ליגן אַרום אים, ווי אַ רינג... עס איז געפערלעך. מען קען דאָ ברעכן האַלדז און נאַקן... און נאָך וועל איך אייך זאָגן, אַז דער בלויער הימל, וואָס איז דאָ אַזוי-פיל מאָל באַזונגען געוואָרן פון פּאָעטן, ווערט עפטער פאַרצויגן מיט אַ שוואַרצער כמאַרע... עס ווערט שטאָק-פינסטער, און עס הייבט זיך אויף אַזאַ שטורעם און אַזאַ ווילדע זאַוויערוכע פון ווינט און וואַסער, וואָס קען נאָר אַנטציקן אַ דיכטער, אָבער נישט די ים-לייט... זיי שעלטן און פאַרשעלטן אַזאַ ים, אַזאַ הימל, אַזאַ שיינקייט... ביין, טאָמאַס מאָר און וואָלטער וואָלטן זיך גאָרנישט געטויגט פאַר שיפקאַפּיטאַנען...״

ער האָט זיך גוטמוטיק צעלאַכט און האָט צוגעגעבן:

„דאָס, וואָס איז גוט פאַר אַ דיכטער, איז טיילמאָל אָדער כמעט ת מ י ד שלעכט פאַר אַ ים־מענטש...״

אנדרע לעטורנער, נאָך אַלץ שטאַרק אַנטציקט מיטן אַרכיפּעלאַג, צו וועלכן מיר האָבן זיך כסדר דערנענט, האָט געלאַכט בלויז מיט די אויגן.

ער האָט געזאָגט:

„יאָ, הער קורטיס, דידאָזיקע ערטער זענען באמת געפערלעך פאַר אַ שיף. איך בין אַפילו נישט קיין פאַכמאַן אין ים־ענינים, דאָך ווייס איך, אַז די ענגלענדער, צום ביישפּיל, די אייגנטלעכע באַלעבאַטים פון דידאָזיקע אינדזלען, האָבן זיי בלויז געמאַכט פאַר אַ מיליטערישע באַזע, וואָס ליגט צווישן די אַנטילישע אינדזלען און ניי־שאָטלאַנד. קיין אַנדערע תכליתים זוכן זיי דאָ נישט...״

ער האָט אַ ווונק געטאָן מיט די שמייכלענדיקע אויגן און ווייטער געזאָגט:

„דער אַרכיפּעלאַג באַשטייט פון הונדערט און פופציק אינדזלען און אינדזעלעך, אָבער ער האַלט אין איין וואַקסן. די צאָל אינדזלען פאַרגרעסערט זיך. עס שטייען אויף אַלץ נייע אינדזלען, וואָס וועלן זיך מיט דער צייט צונויפגיסן אינאיינעם און אַזוי אַרום וועט באַשאַפן ווערן אַ נייער קאָנטינענט.״

דער איבערגעזעטיקטער קיר מיט זיין איבערגעזעטיקטער אשה האָבן אַזוי ווייניק אינטערעס פאַר דעם אַלעם, וואָס איז נישט נוגע זייערע מאָגנס און קעשענעס, אַז זיי האָבן נישט געפונען פאַר נייטיק זיך אויפצוהייבן אויפן בריק. אָבער אַז מיס גערביי האָט אַרויפגעשטעלט איר קליין, שיין פיסל אויפן ערשטן טרעפּל פונם בריק, האָט זיך באַלד דערהערט דאָס סקריפּערדיקע שטימעלע פון איר מאַדאַם.

האָט איך נישט פאַרגונען: טאָמער וועט זי, חלילה, אָפּ־ציִען דעם אָטעם אויף אַ ווײַלע...

זיי האָבן פאַרשקלאַפּט און פאַריאָכט אַ יונג שײַן וועזן.

VII

8—13 אָקטאָבער.

עס בלאָזט אַ שאַרפער צפון-מזרח-ווינט. דער ים איז אומ־רויִק. הויכע כוואַליעס פּאַטשן די ווענט פון אונדזער שיף. דער עולם איז נערוועיש, מען זיצט דאָס רוב אין קאַיוטע.

עס פאַלט אַ קאַלטער רעגן.

אָבער איידער צו זיצן אין קאַיוטע, וואָס איז ענלעך צו אַ צוגעצירט קבר, וואָלט איך בעסער געוואָלט שטיין אויפן בריקל.

אויפן בריקל זעט מען פאָרט אַ פרייע וועלט. מען זעט דעם אויפגערעגטן ים, די הויכע פּאַטשנדיקע כוואַליעס, דעם הימל, וואָס דאָ איז ער גראָ און דאָ איז ער שוואַרץ... ווער עס האָט אַ מונטער האַרץ, דער קען דאָ שטיין, פאַרזונקען איבער געוואַלדיקן בילד פון שטורעם.

דער ווינט פליט פון 50 ביז 60 מייל אַ שעה...

דער „שאַנסעלאָר" איז אַפילו אַן אויסגעצייכנטע שיף, אָבער זאָגן אַ דעה דעם אויפגערעגטן ים איז ער דאָך נישט בכּוח. מיר גייען דעריבער זיגזאַגיש, עפּטער אָפּגעבייגט פון גלייכן וועג.

מיר גייען און בלאָנדזשען...

נישט אַלע פּאַסאַזשירן וויסן עס. זיי זענען זיכער מיטן קאַפּיטאַן און זיכער מיטן ים.

זיי ווייסען, נעבעך, נישט, אַז מיר גייען קיין דרום-מזרח, בשעת ענגלאַנד ליגט אין דער ריכטונג פון צפון-מזרח.

ראָבערט קורטיס פאַרשטייט נישט דעם קאַפּיטאַן. ער זעט דעם פעלער און מוז שווייגן.

אַז איך האָב מיך געטראָפן מיטן געהילף אויג אויף אויג, האָב איך געזאָגט:

„צי זענט איר מסכים מיט מיר, אַז אייער קאַפּיטאַן איז נישט ביי די קלאָרע געדאַנקען?״

ראָבערט קורטיס האָט אָפנהאַרציק געענטפערט:

„איך האָב עס אייך טאַקע געוואָלט פרעגן, מיין ליבער... איר האַלט דאָך אים תמיד אין אויג, מוזט איר עס וויסן בעסער פון מיר.״

ער האָט געלאַכט, אַ שטאַרקער און אַ זיכערער.

„איך טרוי אים נישט,״—האָב איך געזאָגט.

„פאַרוואָס אייגנטלעך?״

„אַזאַ געפיל האָב איך.״

„זענט איר שוין אַמאָל געפאָרן מיט אים?״

איך האָב געזאָגט:

„ניין, דאָס ערשטע מאָל...״

אין אַ ווײַלע אַרום האָב איך געפרעגט:

„צי האָט איר איבערגעשמועסט מיטן קאַפּיטאַן וועגן דעם, אַז מיר גייען נישט גוט? איך מיין, אַז יאָ?״

„נו, געוויס... אָבער עס העלפט נישט. ער זאָגט, אַז מיר גייען גוט און אַז דאָס איז זיין זאַך...״

„זאָל זיין אַזוי. אָבער וואָס טראַכט דער לייטענאַנט וואַל-

טער און דער באַצמאַן? ווי קוקן זיי אויף אַזאַ מין וועג? האַלטן זיי אויך, אַז מיר גייען גוט?"

„נאַטירלעך, זיי זעען אויך איין דעם פעלער..."

נו, און ווי איז, אַז דעם קאַפּיטאַן הענטלי וועט זיך פּלוצ־לונג פאַרוועלן אויסקערעווען זיין שיף קיין כינע, אַ שטייגער, וועלן זיי אויך שווייגן, ווי די בעק?"

„יאָ, זיי וועלן שווייגן, ווייל אַ קאַפּיטאַן מוז מען גע־האָרכן!"

„עס איז דאָך אָבער פאַראַן אַ גרענעץ, ביז וואַנען אַ מענטש קען שווייגן און געהאָרכן? שוין זשע מוז מען אַלץ שווייגן און געהאָרכן?"

קורטיס האָט זיך אָנגעבויגט צו מיר און שטיל גע־זאָגט:

„פאַראַן, מיין ליבער, אַ גרענעץ. פאַראַן... מען הערט אויף צו שווייגן און צו געהאָרכן ערשט דעמאָלט, ווען מען זעט, אַז דער קאַפּיטאַן ברענגט אונטער די שיף... ווען יעדער איינער זעט קלאָר און דייטלעך, אַז דעם קאַפּיטאַנס מעשים זענען פּשוט מעשים פון אַ מטורף, אַ משוגענעם, אַ חסר־דעה..."

„אפשר איז שוין דעמאָלט אַ ביסל צו שפּעט, ווי מיינט איר?

קורטיס האָט געענטפערט:

„אויב די שיפקאָמאַנדע איז אַ געשיקטע, איז קיינמאָל נישט צו שפּעט. מען גיט זיך דאָך אַן עצה..."

איך זע, ווי עס ווערט אַלץ ערגער און ערגער. עס ווערט ערגער אויפן ים און ערגער אויף דער שיף.

אויף אַזאַ מין נסיעה האָב איך מיך גאָרנישט געריכט.

די שיפפירונג טויג לגמרי נישט.

מיר ווייכן אָפּ פון וועג און בלאָנדזשען. מיר גייען אין אַ פּאַרקערטער ריכטונג — קיינער ווייס נישט, וואָס דער מאָרגן וועט אים ברענגען.

אָט, אַ שטייגער, זענען מיר גאָר אַריין אינם סאַרגאַזאָ-ים...

דאָס איז אַ געוואַלדיק-גרויסער וואַסער-שטח, געדיכט באַדעקט מיט ים-צמחים, וואָס ביי די שפּאַניער הייסן זיי ס אַ ר-ג אַ ז אָ.

בשעת קאָלומבוס האָט דורכגעמאַכט זיין ערשטע ים-נסיעה, איז ער מיט גרויס מי און גרויס נויט קוים אַדורכגע-געקראָכן דעמדאָזיקן וואַסער-שטח.

אינדערפרי האָט מען נישט געקאָנט דערקענען דעם אַט-לאַנטישן אָקעאַן. ביידע לעטורנערס זענען דאָך אַרויס פון קאַ-יוטע אויפן דעק... זיי האָבן געוואָלט זען דעם ים.

דער ווינט האָט געהייבן די כוואַליעס צום הימל, די דרויסנדיקע פּרוזשינעס פון דער שיף האָבן געקלונגען, ווי די סטרונעס פון אַ האַרפע...

דער „שאַנסעלאָר" איז משוגענערווייז געשפּרונגען איבער וואַסערבערג און וואַסערגריבער, און אָט איז ער גאָר געפאַלן אויף אַ זייט...

שוואַרצע ספקות האָבן אַרומגעכאַפּט דאָס האַרץ...

די ים-צמחים האָבן, ווי די שטאַמען פון ווילדע ווייַנטרויבן, איינגעהילט און אַרומגעוויקלט די מאַסטביימער ביז די שפּיצן. עס איז געווען אַ געדיכט געוועב פון ים-צמחים, וואָס האָבן פאַר-שטעלט דאָס ליכט פון טאָג...

מען האָט זיי געמוזט כסדר האַקן און שניידן און אַוי-

אַרום פּטור ווערן פון זיי.

דער „שאַנסעלאָר" איז איצט געווען ענלעך צו אַ גרין גאָרטנביידל, וואָס איז על-פּי-טעות אַריינגעפאַלן אין אימפּעט פון די כוואַליעס.

ער האָט זיך אָבער געראַנגלט מיט דער סטיכיע, ווי נאָר אַ שטאַרקע שיף קען זיך ראַנגלען, און האָט אויסגעהאַלטן.

VII

14 אָקטאָבער.

דער „שאַנסעלאָר" איז דאָך אַרויס מיט גאַנצע ביינער פון דעם צמחים-ים.

דער ווינט איז ביסלעכווייז געפאַלן.

מיר גייען פאָרויס מיט שנעלע טריט.

דער הימל איז אויסגעלייטערט. אַ גאָלדענע זון צעגיסט איר ליכט איבערן ים...

מיר געפינען זיך איצט אויף צען גראַד נענטער צו דרום.

איך האָב מיר געוואָלט קלאָר מאַכן די אומפאַרשטענדלעכע עקשנות פון קאַפּיטאַן און האָב עטלעכע מאָל געשמועסט מיט אים.

צי ער איז משוגע, צי נישט, איז מיר דערווייל שווער צו זאָגן. וועגן זייטיקע זאַכן רעדט ער זיכער, ווי אַ קלאָרער מענטש, אָבער אַז מען פאַרפירט מיט אים אַ שמועס וועגן זיין פאַן, וועגן זיין ספּעציאַליטעט, וועגן ים, הייבט מען אָן צו

צווייפלען אין זיינע קלאָרע רעיונות...

מאַנכע פּסיכיאַטאָרן זענען באַקאַנט מיט אַזוינע פּאַלן. אַזוינס טרעפט אויף דער וועלט. איך האָב ווידער געשמועסט מיט קורטיסן, אָבער יענער האָט מיר איינמאָל פאַר אַלעמאָל געזאָגט, אַז ער האָט נישט קיין שום רעכט איבערצונעמען די אָנפירונג פון דער שיף, כּל זמן מען זעט נישט אַרויס קיין דייטלעכע סימנים פון משוגעת אין דעם קאַפּיטאַנס מעשים, דאָס הייסט כּל זמן די שיף האַלט זיך נאָך און גייט נישט אונטער ביים קאַפּיטאַן אין די הענט...

איך בין אַוועק אין קאַיוטע און האָב מיך געלייגט שלאָפן.

אויפגעוועקט האָט מיך עפּעס אַן אויסטערלישער גערויש. עמעץ איז אַרומגעגאַנגען אויפן בריקל מיט שווערע טריט. עמעץ האָט געשריען...

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז די מאַטראָזן לויפן אַרום אי־בערן דעק.

וואָס איז געשען?

איך האָב מיך געוואָלט אויפהייבן, אָבער מיטאַמאָל איז שטיל געוואָרן.

איך האָב אָנגעשטרענגט דאָס אויער: דער קאַפּיטאַן איז אַריין צו זיך אין קאַיוטע. איך האָב געהערט, ווי ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף זיין געלעגער.

„די שיף האָט מסתּמא „מאַניעוורירט,“ — האָב איך גע־טראַכט,—„מען דאַרף נישט זיין צו נערוועיש... אַז מען גלויבט נישט אַ קאַפּיטאַן, פלאַט מען תּמיד אַריין אין נארישן פּחד און אומרויִקייט... דער קלענסטער קלאַנג וואַקסט אויס אין אַ דונער, די נאַטירלעכסטע באַוועגונגען פון דער שיף מאַכט דעם איינדרוק,

זי אַ התחלה פון אַ קאַטאַסטראָפע..."

איך האָב מיך אָבער באַרויקט און בין ווידער איינגעשלאָפן.

צומאָרגנס אינדערפרי בין איך אַרויף אויפן דעק און האָב באַטראַכט די שיף. קיין שום ענדערונג איז נישט געווען צו מערקן אויף איר. דער „שאַנסעלאָר" האָט זיך געהאַלטן פעסט אויף די כוואַליעס. מיר זענען געגאַנגען שנעל, נישט ווייניקער פון עלף מייל אַ שעה.

באַלד זענען אויך אַרויסגעקומעןביידע לעטרונערס אויפן דעק. דער יונגער האָט געשיינט, ער האָט געשמייכלט. די אויגן זענען געווען אָנגעגאָסן מיט אַנטציקונג.

„האָט איר געהערט ביינאַכט אַ גערויש?" — האָב איך זיי געפרעגט.

דער יונגער האָט געזאָגט:

„איך האָב געשלאָפן, ווי אַ שטיין, די גאַנצע נאַכט און האָב גאָרנישט געהערט. דאַכט זיך, אַ רויקע נאַכט געווען..."

דער פאָטער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

„יאָ, דו האָסט געשלאָפן," — האָט ער געזאָגט, — אָבער איך האָב נישט צוגעמאַכט מיט אַן אויג... הער קאַזאַלאָן איז גע־רעכט: איך האָב געהערט עפּעס אַ טומל אויף דער שיף און איך האָב דייטליך געהערט, ווי מען האָט געשריען: „גיכער! גיכער! אין אונטערדעק!!..."

„ווען האָט איר עס געהערט?" — האָב איך געפרעגט.

„אַ זייגער דריי ביינאַכט."

„ווייסט איר נישט, וואָס עס איז געשען?"

דער אַלטער האָט געזאָגט:

„איך ווייס נישט, נאַטירלעך, אָבער איך מיין, אַז קיין ערנסטע זאַכן זענען נישט געשען. ערנסטע זאַכן קען מען דאָך

נישט פאַרבאָרגן... ווי מיינט איר?"

איך האָב געשוויגן.

שפּעטער האָב איך גוט באַטראַכט די טירן פון אונטער־דעק. זיי זענען שטענדיק פאַרשלאָסן, אָבער דאָסמאָל זענען זיי אויך באַדעקט און פאַרהאָנגען מיט גראָבן לייוונט. צו וואָס האָט מען עס אַזוי הערמעטיש פאַרהאַקט און פאַרשטעלט דעם אונ־טערדעק? מסתמא מוז דאָך זיין עפּעס אַ סיבה דערצו?

וואָס איז פּאָרט געשען?

מען דאַרף פרעגן קורטיסן. ער ווייס אַלץ און ער וועט מיר זאָגן. ביי אים קען מען מען דערגיין אַלע סודות, אָבער מען דאַרף עס מאַכן פּאָרזיכטיק. ער האָט פיינט פיל צו רעדן און עס פּאַסט אים אויך נישט... כּל זמן דער קאַפּיטאַן איז קאַפּיטאַן, מוז זיך דער געהילף פאַרהאַלטן טאַקטיש צו אים.

די לעטורנערס, פאָטער און זון, זענען אוועק טרינקען טיי און איך בין פאַרבליבן אויפן שיפדעק. איך האָב געוואַרט אויפן געהילף.

איך האָב נישט לאַנג געוואַרט אויף אים. ער איז אָבער געווען שטאַרק צעטראָגן, צעחושט, אַזוי ווי אָנגעברוגזט.

רעדן מיט אים האָט מען נישט געקענט.

איך האָב געהערט, ווי ער פרעגט דעם לייטענאַנט:

„הער וואַלטער, ווו איז דער קאַפּיטאַן?"

און יענער ענטפערט:

„איך האָב אים נאָך היינט נישט געזען..."

נאָכדעם האָבן ביידע שטיל געשמועסט צווישן זיך.

עס איז געווען אַ ריינער הימל, אַ ווייכער זונאונטער־גאַנג, אַ שטילער פאַרנאַכט. דער ים האָט געשוויגן.

ראָבערט קורטיס האָט ענערגיש אַ מאַך געטאָן מיט דער

האַנט און זיך פּלוצלונג אָנגערופן געגוג דייטלעך, אַזוי, אַז איך האָב געקענט הערן:

„גייט און שיקט מיר צו דעם באָצמאַן."

דער לייטענאַנט איז אַוועק, איך האָב געוואַרט אויף אַ וואָרט פון געהילף. ער האָט אָבער געשוויגן, פונקט ווי ער וואָלט מיך נישט באַמערקט.

עס איז אַרויף דער באָצמאַן אויפן דעק. קורטיס האָט מיט אים אויך שטיל איבערגעשמועסט, פונקט ווי עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן עפּעס אַ פאַרשווערונג. נאָכדעם האָט דער באָצמאַן צוזאַמען מיט די מאַטראָזן באַגאָסן מיט וואַסער דאָס לייוונט, וואָס האָט באַדעקט די טירן פון אונטערדעק.

איך האָב נאָך אַלץ נישט געקענט צוטרעטן צו קורטיסן מיט אַ פּאָר ניטיקע ווערטער. ער האָט מיך אַזוי ווי אויסגעמידן. איך האָב עס נישט פאַרשטאַנען. עפּעס אַ געפיל פון פאַרדרוס האָט מיך אַרומגעכאַפּט.

פאַרוואָס וויל קורטיס נישט רעדן מיט מיר?

איך האָב מיך אַרומגעדרייט אַרום אים מיט פאַרלייגטע הענט אַהינטער. צולעצט האָב איך נישט אויסגעהאַלטן.

איך בין צוגעגאַנגען און פּשוט געפרעגט:

„זאָגט מיר, וואָס איז היינט ביינאַכט געשען אויפן „שאַנסעלאָר"? עפּעס אַ גערויש האָט מיך אויפגעוועקט פון שלאָף... וואָס איז געשען, הער קורטיס?"

ער האָט מיך טיף אָנגעקוקט און האָט געשוויגן.

צולעצט האָט ער געזאָגט:

„ס'איז גאָרנישט געשען, הער קאַזאַלאָן..."

און האָט זיך אָפּגעקערט פון מיר.

איצט האָב איך גאָרנישט פאַרשטאַנען. ווי אַ בלינדער בין

איך געשטאַנען אויפן „שאַנסעלאָר". דאָס געפּיל פון פּאַרדרוס האָט זיך געשטאַרקט: אַפילו דער געהילף, דער ליבער ראַבערט קורטיס קאָנספּירירט אויך פון מיר!...

VIII

15—18 אָקטאָבער.

דער „שאַנסעלאָר" גייט זיין וועג, מיר רוקן זיך פאָרויס, אויף דער שיף איז שטיל, אַלץ איז, דאַכט זיך, אין אָרדענונג, און דאָך שפּירט זיך עפּעס אַזוינס, וואָס דענערווירט און באַפאַלט דאָס האַרץ מיט ספקות...

אַ מענטש מיט פיינערע נערוון פילט, אַז אויפן „שאַנ-סעלאָר" קומט עפּעס פאָר?

אָבער וואָס אַזוינס? דאָס איז אַ האַרבע שאלה, וואָס העננט דערוויילע אין לופטן אָן אַן ענטפער...

עפּטער זעען מיר קליינע געזעמלעך פון מאַטראָזן מיט פאַרשושקעטע פנימער און אַ פאַרשושקעטן לשון...

מען מאַכט מיט די הענט און מען ווינקט זיך איבער.

און איינמאָל האָבן מיר אפילו געפּאַקט אַ פּאָר פאַרשוש-קעטע ווערטער:

„וואַסער אין אונטערדעק!..."

וואָס איז פאָרט געשען אין אונטערדעק? וואָס איז עס פאַר אַ קאָנספּיראַציע אויפן „שאַנסעלאָר?"

לעטורנער האָט מיך אָנגעקוקט און געדריקט מיט די אַק-סלען, און איך האָב אָנגעקוקט לעטורנערן און האָב געדריקט מיט

די אַקסלען. זיין זון האָט געשמייכלט.

אויפן שיף זענען מיר געווען די איינציקע, וואָס האָבן דערשפּירט, אַז עס שמעקט מיט קאָנספּיראַציע, מיט מאָדנע אומפאַרשטענדלעכע סודות, מיט וואַסער אין אונטערדעק, מיט פאַרשווערונג...

הער לעטורנער וואַרפט מיר עפּעס צו:

„איר פילט עפּעס, הער קאַזאַלאָן?"

און איך וואַרף אים צוריק:

„אָ, יאָ!.. און איר, הער לעטורנער?"

„אָ, יאָ, הער קאַזאַלאָן!"

בייטאָג האָב איך צופעליק געהערט אויפן שיפדעק, ווי דער מאַטראָז אָווען רופט זיך אָן צו זיינע חברים:

„איר קענט אייך טאָן, וואָס איר ווילט און ווי איר ווילט, אָבער איך וועל וואַרטן ביז דער לעצטער מינוט..."

„וואָס הייסט ביי דיר וואַרטן ביז דער לעצטער מינוט?" — האָט אים געפרעגט דער קיכער דזשינקסטראַפּ.

און דער מאַטראָז האָט געזאָגט:

„מען בויט דאָך עפּעס שיפלעך... מסתמא נישט פאַר יםחזירימלעך... ווי מיינט איר, האַ?"

דעראָזיקער שמועס איז מיטאַמאָל איבערגעריסן געוואָרן, און איך האָב, צו מיין גרעסטן באַדויערן, מער גאָרנישט געהערט.

עס האָבן זיך אויפגערוקט נאָך דריי טעג. קיין שום נייס איז פאַר דעראָזיקער צייט נישט געשען.

איך מיט לעטורנערן זענען שטאַרק אויפגערעגט. מיר פילן, מיר זעען בחוש, אַז עפּעס טוט זיך אַרום אונדז, און מיר ווייסן נישט, וו אָ ס...

מיר זענען בלינד און טויב.

נעכטן האָב איך באַמערקט, ווי דער קאַפּיטאַן שמועסט זיך דורך מיט זיין געהילף. בעת מעשה האָב איך באַמערקט עטלעכע אינטערעסאַנטע באַוועגונגען מצד דעם געהילף און איך האָב מיך שטאַרק געחידושט: קורטיס איז דאָך אַ מענטש, וואָס קען זיך האַלטן, וואָס קען זיך באַהערשן און צוימען, טאָ פאַר וואָס האָט ער זיך אַזוי מאָדנע אַ צאַפּל געטאָן, בשעת ער האָט גערעדט מיטן קאַפּיטאַן?

ביים מיטאָג-טיש איז דער קאַפּיטאַן געווען זייער אומרויק און קורטיס האָט פאַרביסן געשוויגן. און ווייל קורטיס האָט געשוויגן, איז דער גאַנצער מיטאָג אַדורכגעגאַנגען זייער שלעפעריק און שטיל. מיר אַלע האָבן געשוויגן..

די פּאַסאַזשירן באַקלאָגן זיך שוין, אַז דער וועג דויערט צו לאַנג.

„ווער שלעפּט זיך עס אַזוי לאַנג מיט אַ שיף?" — דאָס האָט עמעץ פון די פּאַסאַזשירן געזאָגט.—„מיר וועלן דאָ פאַרבלייבן געזונט און צייט און געלט..."

אַן אַנדערער האָט צוגעגעבן:

„מער פאָר איך נישט מיטן „שאַנסעלאָר". אַן ערשט מאָל און אַ לעצט מאָל..."

מיסטער קיר איז געווען זייער בייז. פאַר אים האָט קיין שום מניעה נישט געטאָרט עקזיסטירן, קיין שום סטיכיע האָט נישט געטאָרט פאַרהאַלטן דעם גלאַטן פּאָלירטן וועג פון זיין לעבן, און דעריבער האָט ער זייער קרום געקוקט אויפן קאַפּיטאַן, וואָס גייט אַזוי לאַנגזאַם מיט זיין שיף קיין ליווערפּול...

פון דעם 17-טן סעפּטעמבער אָן באַגיסט מען מיט וואַסער

דעם שיפּדעק עטלעכע מאָל אין טאָג. פריער פלעגט מען עס טאָן בלויז איין מאָל אין טאָג. דאָ, ווו מיר גייען מיטן „שאַנ-סעלאָר”, איז זייער הייס. די הויכע טעמפּעראַטור פאָלט אונדז ממש אויפן קאָפּ...

מען נעצט אויך כסדר דאָס לייוונט, וואָס הענגט ביי די טירן פון אונטערדעק. מען נעצט און מען גיסט. דער שיפּדעק איז קלאָר און ריין, ווי אַ טיש. ווען איך וואָלט מיך נישט געשעמט, וואָלט איך אַפילו געזאָגט, אַז ס'איז צו ריין... צו וואָס גיסט מען עס אַזויפיל וואַסער?

אין די קאַיוטעס איז אָבער זייער דושנע. מען קען נישט צומאַכן מיט אַן אויג. עס איז הייס און עס שטיקט.

איך האָב נישט געקענט איינשלאָפן און פאַרטאָג דהאָב איך מיך אַרויפגעשלעפּט אויפן שיפּדעק...

אויפן שיפּדעק איז געווען קיל, אָבער אַזוי קיל, אַז עס איז געווען נישט גאָר פאַרשטענדלעך, למאי איז אין קאַיוטע אַזוי הייס?... איז דאָך פאָרט פאַראַן אַ געוויסער צוזאַמענהאַנג צווישן דער קאַיוטע מיטן דרויסן? טאָ פאַרוואָס איז דאָ אומדער-טרעגליך הייס און דאָרט דווקא קיל?

די מאַטראָזן האָבן אַלץ געגאָסן ווייטער אויפן שיפּדעק. דער שיפּדעק האָט איצט אויסגעזען, ווי אַ קליינינקע יעזשערע. די מאַטראָזן זענען אַרומגעלאָפן באָרוועסע און געשפּריצט דאָס וואַסער מיט די פיס.

עס האָט מיך אויך אָנגענומען אַ חשק צו טאָן דאָס איי-גענע. איך האָב אַראָפּגעצויגן די שיך מיט די סקאַרפּעטקעס און האָב גענומען שפּרייזן אין מחיהדיקן וואַסער מיט באָרוועסע פיס...

אָבער אַ מאָדנע זאַך: דער דעק איז הייס... ער ברענט

מיר די פיס! וואָס איז עס אַזוינס?

איך קוק מיט פאַרחידושטע אויגן אויף קורטיסן, וואָס וואַקסט פלוצלונג אויס אויפן שיפדעק.

איך שפרינג אונטער אויף די באָרוועסע פיס, שפריץ מיטן וואַסער און רוף מיך אָן צו אים:

„אָבער הער קורטיס, ענטפערט, ווי גאָט איז אייך ליב, פאַרוואָס איז הייס דער שיפדעק?"

און ער לאָזט אַראָפּ די אויגן און זאָגט:

„נו, יאָ, מיין ליבער, אויפן שיף איז אַ שריפה!..."

IX

19 אָקטאָבער.

איצט איז שוין אַלץ פאַרשטענדלעך. פאַרשטענדלעך די איינציקע ווערטער פון די מאַטראָזן און אָוונס באַמערקונג און דעם קאַפּיטאַנס אויפרעגונג און דאָס גיסן וואַסער אויפן שיפ-דעק און די היץ אין די קאַיוטעס און די פאַרטראַכטע אויגן פון געהילף.

איך בין מיך מודה, אַז אין דעם ערשטן מאָמענט האָב איך געכאַפּט אַ ציטער פון קורטיסעס ווערטער. „אַ שריפה אויפן שיף!" דאָס איז דאָך דאָס גרעסטע אומגליק, די גרעסטע צרה, וואָס קען זיך נאָר מאַכן אויפן ים. איך בין בטבע נישט קיין פחדן, אָבער וואַסער גיבור אין דער וועלט קען עס בלייבן שטיין מיט אַ רויק הארץ, דערהערנדיק דידאָזיקע מוראדיקע ווערטער?..

„אַ שריפה אויפן שיף!..“

„קורטיס,“—האָב איך אים אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט,—„זאָגט, ווי לאַנג ברענט שוין אויפן שיף?“

ער האָט געענטפערט:

„דער זעקסטער טאָג...“

„דער זעקסטער טאָג!“—האָב איך מיך אַ כאַפּ געטאָן.—„מסתמא פון יענער נאַכט אָן, הער קורטיס?“

„יאָ,“—האָט ער געזאָגט,—פון יענער נאַכט אָן... עס איז געוואָרן אַ טומל און מען האָט גענומען אַרומלויפן, ווי משוגעים. די וואַכמאַטראָזן האָבן דעמאָלט באַמערקט אַ רויך, וואָס האָט זיך געצויגן פון אונטערדעק. מען האָט עס באַלד געמאָלדן דעם קאַפּיטאַן און מיר. אין אונטערדעק האָט געברענט דער פּראַכט און מען האָט בשום אופן נישט געקענט אויסגעפינען דאָס אָרט, וו עס האָט זיך אָנגעהייבן די שריפה... ביי אַזאַ פאַל האָבן מיר געהאַט בלויז איין מיטל: הערמעטיש פאַרהאַקן און פאַרשטאָפּן און פאַרשפּאַרן אַלע לעכער און טירן פון אונטערדעק און אַזוי־אַרום פאַרשטעלן דעם צוטריט פון פרישער לופט... איך האָב אַלץ געמיינט, אַז אַ דאַנק דעמדאָזיקן מיטל וועט אונדז געלונגען איינצולעשן די שריפה באַלד אין אָנהייב. אין די ערשטע צוויי טעג איז טאַקע אַזוי געשען: די שריפה האָט זיך ביסלעכווייז אַליין איינגעשטילט. אָבער מיט דריי טעג צוריק איז ווידער קאָנסטאַטירט געוואָרן, אַז די שריפה לעבט און אַז זי צעוואַקסט זיך...“

ער האָט זיך אַרומגעקוקט און האָט צוגעגעבן:

„איר זעט דאָך, דער שיפדעק ווערט אַלץ הייסער און הייסער... ער ברענט... און אויב ער האַלט זיך נאָך ביז־אַהער, איז עס בלויז דערפאַר, ווייל מיר האָבן אָנגענומען מיטלען...

פריער האָב איך וועגן דעם נישט געוואָלט רעדן מיט אייך, ווייל איך האַלט, אַז אַ פּאַניק אויף אַ שיף איז טיילמאָל אַ סך געפערלעכער, ווי אַ שריפה.. מען טאָר נישט רעדן ביז אַ באַשטימטן מאָמענט. עס איז אַ געזעץ, און איך האָב קודם כל געוואָלט האַנדלען געזעצלעך... איצט אָבער מעגן מיר שוין רעדן. דער באַשטימטער מאָמענט האָט זיך שוין אונטערגערוקט... פאַרקערט, איצט דאַרפט איר עס וויסן..."

דערדאָזיקער „איצט" האָט מיר אָבער געקלונגען, ווי אַ קנאַפּע טרייסט...

איך האָב געפרעגט:

„פון וואָס אייגנטלעך האָט זיך אָנגעהייבן די שריפה?"

„ס'איז שווער צו באַשטימען. מעגלעך, אַז אין כּראַלט איז געלעגן אַזאַ מאַטעריאַל, וואָס האָט זיך אַליין אָנגעצונדן. אַזוינס טרעפט דאָך טיילמאָל."

איך האָב ווייטער געזאָגט:

„מילא, דאָס איז נישט ווילטיק. זאָגט מיר בעסער, וואָס טוט איר איצט פאַר דער גרויסער בויט פון די פּאַסאַזשירן? דאָס איז איצט די איינציקע זאַכלעכע פראַגע, וואָס איך קען אייך שטעלן."

ראָבערט קורטיס האָט מיך אָנגעקוקט מיט זייער ערנסטע אויגן און געזאָגט:

„און איך קען אייך דערווייל פאַרזיכערן, אַז מיר האָבן אָנגענומען אַלע מיטלען, וואָס קענען נאָר אָנגענומען ווערן אין אַזאַ פאַל. תחילת האָב איך אפילו געוואָלט אויסשניידן אַ לאָך אין דער הויך פון דער וואַסערליניע און אַריינגיסן אין אונ־טערדעק אַ געוויסן סכום וואַסער, וואָס מיר זאָלן נאָכדעם קע־נען אַרויספּאָמפּען צוריק מיט אַ פּאָמפּע. אָבער דאָס פייער האָט

אלץ מער און מער פאַרכאַפּט די אייבערשטע פּראַכט-פּאַכן, אַזוי, אַז אויב מען וואָלט געוואָלט איינלעשן די שריפה אויפן נאַטירלעכן וועג, וואָלט מען באַדאַרפט דעם גאַנצן אונטערדעק פאַרגיסן מיט וואַסער... פונדעסטוועגן האָבן איך געלאָזט מאַכן עטלעכע לעכער אין אונטערדעק און בייַנאַכט האַלטן מיר אָפּ דעם גאַנג פון דער שריפה דורך גיסן וואַסער... דאָס איינציקע מיטל אָבער — ווי איך האָב אייך שוין געזאָגט — איז פאַרהאַלטן דעם צוטריט פון פרישער לופט. נישט דערלאָזן קיין זויערשטאָף אין אונטערדעק. דעמאָלט מוז גוססען דאָס פייער, די שריפה מוז אָפּשטאַרבן..."

„אָבער דאָס פייער פאַרשטאַרקט זיך?"

„נו, יאָ, און דאָס בעוויייזט, אַז אין אונטערדעק זענען פאַראַן לעכער, דורך וועלכע עס דרינגט אַריין פרישע לופט. מיר קענען אים נישט פאַרשטאָפּן הערמעטיש... מיר קענען די לעכער און שפּאַלטן נישט געפינען!"

איך האָב געפרעגט:

„האָט שוין געטראָפן אַמאָל, אַז אַ שיף זאָל אין אַזאַ פאַל נישט אונטערגיין?"

ראָבערס קורטיס האָט זיך פאַרטראַכט, אויפהייבנדיק די ברעמען.

„יאָ, עס האָט געטראָפן,"—האָט ער געזאָגט,—„דער באַוול-פּראַכט ברענט טיילמאָל פון זיך אַליין. ער האָט די אייגנשאַפט זיך אָנצוצינדן פון צופיל טרוקנקייט און היץ... אין ליווער-פול אָדער אין האַווער קומט עפּעטער אַ שיף מיט באַוול-פּראַכט, וואָס איז האַלב אויסגעברענט... איך קען עטלעכע קאַפּיטאַנען, וואָס זענען געקומען מיט דער שיף אין פּאָרט און דער שיפדעק האָט זיי בעת-מעשה געבּרענט אונטער די פיס... אין אַזאַ פאַל

װאַרפֿט מען זיך באַלד צו דער אויסלאָדונג פֿון פּראָבֿט און גלײַכצײַטיק באַמיט מען זיך צו ראַטעווען די שיף... מיר, פֿון אונדזער זײַט, מוזן וואָס שנעלער קומען צו עפּעס אַ ברעג. די יבשה איז אַ פּרעכטיק מיטל פֿאַר אונדז... איך האָב שוין גוט אַרומגעשמועסט דעמדאָזיקן ענין מיטן לייטענאַנט און מיטן באָצמאַן. איך האָב אפֿילו געענדערט דעם קורס אויף מײַן פֿעראַנטוואָרטלעכקייט... איצט גייען מיר שוין דירעקט צו דרום-מערב, דאָס הייסט צום ברעג..."

„ווייסן די פּאַסאַזשירן פֿון דער סכּנה?"—האָב איך געפֿרעגט.—„ווייסן זיי, אַז עס ברענט דער אונטערדעק?"

דער געהילף האָט געזאָגט:

„קיינער ווייס נישט און קיינער טאָר נישט וויסן... איר פֿאַרשטייט? מיר האָבן מורא פֿאַר אַ פּאַניק, וואָס קען פּאַראַליזירן אונדזער אַרבעט. איר, הער קאַזאַלאָן, וועט, באַטירלעך, ווײַטער שווײַגן, נו, און אויף אונדזער שיפֿקאָמאַנדע קענט איר אײַך פֿאַרלאָזן: זי קען האַלטן אַ סוד... וואָס ווייניקער פּאַניק, הער קאַזאַלאָן, און וואָס מער שׂכל און קאַלטבלוט..."

איך האָב אים צוגעזאָגט, אַז איך וועל ווײַטער שווײַגן, און דערמיט האָט זיך געענדיקט אונדזער שמועס, וואָס האָט נישט אַזוי פֿריילעך געקלונגען...

אין קאָפּ איז מיר פּשוט געזעסן דער געדאַנק: **דער אונטערדעק ברענט!**

X

20—21 אָקטאָבער.

מען האָט אָנגעצויגן אַלע זעגלען אויפן „שאַנסעלאָר״, און ער איז שנעל געגאַנגען פאָרויס. די בראַן-סטענגעס האָבן זיך טיילמאָל אַזוי שטאַרק אויסגעבויגן, אַז מען האָט זיך נישט ווילנדיק געשראָקן: אָט וועלן זיי זיך איבערברעכן...

ראָבערט קורטיס זעט אָבער אויס מונטער און האָפער-דיק.

עפטער שטייט ער אויפן שטייערמאַנס אָרט, מאַניעווירט מיט דער שיף און סטאַרעט זיך מיט אַלע מעגלעכקייטן אָפּצע-שוואַכן די ווירקונג פון ווינט, וואָס שפילט מיטן „שאַנסעלאָר״, ווי מיט אַ באַלעם.

בייטאָג האָבן די פּאַסאַזשירן זיך אויפגעהייבן אויפן שיפ-דעק, זענען אַרויסגעקראָכן פון די קאַיוטעס מיט רויטע אָפּגע-קאָכטע פּנימער און זיך שווער אָפּגעאָטעמט אויף דער פרישער לופט...

זיי האָבן געפילט, אַז אין קאַיוטע איז משונה הייס, אָבער קיינער האָט נישט געוווסט די אמתע סיבה דערפון.

די מאַטראָזן האָבן איצט ווייליעווייז באַגאָסן מיט וואַסער דעם שיפדעק, אָבער אויך דאָס האָט נישט דערוועקט קיין שום חשד ביי די פּאַסאַזשירן...

זיי זענען געווען רויק, הגם זיי האָבן זיך עפטער גע-

בעקלאָגט דערויף, וואָס עס ציט זיך צו לאַנג די נסיעה אויפן ים.

קיינעם פון זיי איז נישט איינגעפאַלן, אַז ביי אים אונטער די פיס צעוואַקסט זיך אַ גרויסע שריפה.

נאָכדעם, ווי איך האָב צוגעזאָגט קורטיסן, אַז איך וועל שווייגן, האָב איך שוין נישט געקענט זיין, ווי אַלעמאָל, אָפנהאַרציק מיט לעטורנערן. דער ליבער פראַנצויז האָט אַלץ אַריינגעטענהט מיט מיר, אַז ס'איז עפּעס נישט „גלאַט" אויפן שיף, אַז ס'איז צו הייס אין די קאַיוטעס (ער האָט דאָך גע־האָט אַ גוט אויג!), אַז די מאַטראָזן סודן עפּעס מיט פנימער פון פאַרשווערער, אַז מען ליגט צו לאַנג אין ים, אָבער איך האָב אים תמיד צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ ביי דידאָזיקע ווערטער און האָב מיך אַרויסגעדרייט פון אַן ענטפער...

איך וועל בשום אופן נישט זאָגן, אַז איך בין געווען רויק...

„אויפן שיף זענען דאָ אַכטאונצוואַנציק נפשות," — האָב איך עפּעס געטראַכט, — „און עס קען זיין, אַז דאָס גייען אַרום אַכט־אונצוואַנציק קרבנות, אַכטאונצוואַנציק מתים, פון וועלכע עס וועט אפילו נישט בלייבן קיין זכר אין די גיריקע פלאַמען פון אונטער־דעק... מיר וועלן אַלע אָפּגעבראָטן ווערן..."

היינט איז געווען אַ זיצונג ביים קאַפּיטאַן. ער האָט זיך באַדאָטן מיטן געהילף, מיטן לייטענאַנט און דעם באָצמאַן. עס איז מעגלעך, אַז דער גורל פון דער שיפקאָמאַנדע, פון אַלע פּאַסאַזשירן און בכלל פון דער גאַנצער שיף איז אָפּהענגיק פון דערדאָזיקער זיצונג.

ווי איך האָב מיך שפּעטער דערוווסט, האָט דער צעחוש־טער קאַפּיטאַן איבערגעגעבן קורטיסן „די לייצעס" פון דער

שיף. פון הײנט אָן איז קורטיס דער פּראַקטישער קאַפּיטאַן פון „שאַנסעלאָר". הענטלי האָט אינגאַנצן פאַרלאָרן דעם קאָפּ און דעם מוט. איך בין מיך מודה: איך בין צעפרידן מיטן רעזול-טאַט פון דער זיצונג...

קורטיס איז דאָך נישט הענטלי.

דאָס פײער אין אונטערדעק וואַקסט און שטײגט. אינעם באַזונדער טײל פון דער שיף, דאָרט, ווו עס געפינט זיך די אַלגע-מײנע מאַטראָזנקאַיוטע, קען מען שוין נישט שלאָפן. די היץ שלאָגט דאָרט, ווי אין אַ אויוון...

יאָ, פריער אָדער שפּעטער וועט דאָס פײער זיך אַדורכ-רײסן פון אונטערדעק.

וואָס בלײבט אונדז צו טאָן?

קורטיס איז גערעכט: מיר מוזן גײן וואָס שנעלער צום ברעג. די יבשה, זי וועט אונדז ראַטעווען!

די נאָענטסטע אינדזלען זענען די ק ל ײ נ ע אַ נ ט י ל י ש ע אינדזלען. זײ ליגן זעקסהונדערט מײל פון אונדז. אויב דער ווינט וועט אונדז דינען, וועלן מיר זיך באַלד דערשלאָגן צו זײ.

דער „שאַנסעלאָר" פליט צו דידאָזיקע אינדזלען. דער קורס איז ווידעראַמאָל געענדערט, די פּאַסאַזשירן, וואָס קענען זיך נישט אָריענטירן אין די אומענדלעכע וואַסערן פון אָקעאַן, באַמערקן עס נישט.

דער פּראַקטישער לעטורגער האָט אפילו געפרעגט דעם געהילף, למאי האָט מען געענדערט דעם קורס. קורטיס האָט געענטפערט, אַז ער קען זיך נישט ראַנגלען מיטן ווינט און אַז צו דרום-מערב וועט ער אפשר געפינען אַ לײכטערן וועג...

צומאָרגנס איז אַלץ געגאַנגען, ווי תמיד. דאָס פײער האָט

זיך נאָך דערווייל נישט דורכגעשלאָגן, אַלע לעכער און שפּאַלטן זענען פאַרהאַקט און פאַרשטאָפּט, קיינער פילט נישט קיין רויך...

אפשר וועט דאָך געלינגען צו לאָקאַליזירן דאָס פייער אין אונטערדעק. מען דאַרף נאָר פאַרהאַלטן דעם צופלוס פון זויערשטאָף—און די שריפה וועט באַלד איינגעלאָשן ווערן...

דידאָזיקע רעיונות האָבן מיך אויפגעמונטערט, די שטימונג האָט זיך געענדערט. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז די סכנה ווערט אויסגעמיטן...

פאַרנאַכט אָבער האָב איך מיך דערוווּסט, אַז די לאַגע פאַרערגערט זיך פון מינוט צו מינוט...

די סכנה וואַקסט, קיינער איז נישט בכוח זי אָפּצעהאַלטן...

איך בין געזעסן אין אַ ווינקל פון שיפדעק און האָב מיך צוגעהערט צו דעם שטילן שמועס פון צוויי פּאַסאַזשירן. עס האָט געשמועסט דער אינזשינער פאַלסטען מיטן נעגאָציאַנט רעבי — ביידע האָבן נישט באַמערקט, אַז אַ דריטער כאַפּט אויף בגניבה זייערע ווערטער...

פון מיין זייט איז עס אפשר געווען נישט זייער טאַקטיש, אָבער אין אַ צייט פון סכנה ווערן מאַנכע כּללים און געזעצן אָפּגעוואָרפן, ווי אַן איבעריקע לאַסט...

פאַלסטען האָט געזאָגט:

דאָס איז דאָך זייער נאַריש. מען טאָר דאָך נישט זיין אַזוי נישט פאָרזיכטיק..."

„אָבער ס'וועט דאָך גאָרנישט געשען,"—האָט רעבי רויק באַמערקט.

„פאַרוואָס עפּעס נישט געשען!" — האָט זיך פאַלסטען אַ הייב געטאָן פון זיין אָרט, ווי ער וואָלט אויפגעציטערט.—„דער-

פון קען אַרויסגעקומען אַן אומגליק, אַ גרויס אומגליק, אַ קאַ־טאַסטראָפע...״

דער נעגאָציאַנט האָט שוין געשטאַמלט:

„אָבער דאָס איז דאָך נישט דאָס ערשטע מאָל... איר פאַרשטייט? און ס׳איז גאָרנישט...״

דער אינזשינער האָט באַוועגט מיט די הענט, מיטן קאָפּ.

„וואָס הייסט?״—האָט ער שטיל געשריען.—„עס איז דאָך גענוג איין קלאַפּ!.. איר פאַרשטייט, איין קלאַפּ קען דאָך אַרויס־רופן דעם גרעסטן אויפרייס...״

„אָבער ער איז דאָך גוט פאַרפּאַקט אין אַ קאַסטן,״—האָט רעבי זיך אַלץ פאַרענטפערט,—„טאָ צו וואָס איז דער גאַנצער פּחד?״

און דער אינזשינער האָט ווייטער שטיל געשריען:

„פאַרוואָס אָבער האָט איר עס פאַרבאָרגן פון קאַפּי־טאַן?״

„ווייל ער האָט נישט געוואָלט אַרויפנעמען דעם קאַסטן אויף דער שיף... ער האָט גאָרנישט געוואָלט הערן דערפון...

דער ווינט האָט מיר פלוצלונג אַרויסגעכאַפּט אַ גאַנצע רעפליק פון דעמדאָזיקן דיאַלאָג. אין אַ ווײַלע אַרום האָב איך ווידער קלאָר געהערט.

פאַסטען האָט געזאָגט:

„מען מוז עס מודיע זיין דעם קאַפּיטאַן. דער קאַסטן מוז גיין אין ים אַריין... איך האָב מורא פאַר אַן אויפרייס, איר פאַרשטייט, צי איר פאַרשטייט נישט?״

איך בין געזעסן, ווי אַ צעמישטער. די האָר אויפן קאָפּ האָבן מיר זיך אויפגעשטעלט. די צוויי מענטשן האָבן גערעדט וועגן אַן א ו י פ ר י י ס און ביידע האָבן נישט געוווּסט, אַז דער

אונטערדעק ברענט.

און צוויי שרעקלעכע ווערטער האָבן מיר אָנגעצונדן דעם מוח. איך האָב געהערט, ווי פּאָלסטען האָט געזאָגט: פּ י ק אַ ר ט- ק אַ ל י *), און דער צווייטער האָט זיי איבערגעחזרט.

כמעט גאָר אָן מיין ווילן בין איך אויפגעשפּרונגען פון אָרט און האָב אָנגעכאַפּט דעם נעגאָציאַנט ביים קאָלנער.

„אויפן שיף האַלט איר דעם פּיקאַרט!"—האָב איך מיך צעשריען נישט מיט מיין קול.—דעם פּיקאַרט האַלט איר אויפן שיף?!"

רעבי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן. ער האָט זיך שטאַרק איבערגעשראָקן און האָט געשטאַמלט:

„יאָ... אין אַ קאַסטן..."

„וווּ ליגט ער?"—האָב איך געשריען.

„אין אונטערדעק... אין אונטערדעק..."—האָט יענער געשטאַמלט.

XI

21 אָ ק ט אָ ב ע ר.

און אַ מאָדנע זאַך: נאָכדעם, נאָך מיינע געשרייען איז מיטאַמאָל געפאַלן דער אימפּעט אין מיר. ס'איז מיר געוואָרן אַלצאיינס. איך האָב שוין געקוקט אויף מיין לעבן מיט אַנדערע אויגן. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ס'איז אַ פאַרשפּילט לעבן.

*) אַן אומגעווייגלעך שטאַרקער אויפרייס-מאַטעריאַל.

און אַ גלייכגילטיקער בין איך אַוועק צו ראָבערט קור-טיס. פאַרציילן אים וועגן דעמדאָזיקן שרעקלעכן קאַסטן האָב איך דאָך געמוזט: אויב איך בין גלייכגילטיק צו מיין לעבן, זענען אָבער די אַנדערע נישט גלייכגילטיק צו זייער לעבן!.. מען האָט געמוזט אינפאָרמירן קורטיסן.

איך האָב אים געזאָגט, אַז רעבי האָט אַדורכגעשוואַרצט אין אונטערדעק אַ קאַסטן מיט דרייסיק פונט פּיקאַרט, וואָס איז בכוח אויפצוברייסן אַ באַרג, און מער האָב איך גאָרנישט גערעדט.

קורטיס האָט מיך אויסגעהערט מיט פאַרגרעסערטע שוואַרצ-אַפּלען אין די אויגן. ער איז עטוואָס בלאַס געוואָרן, די אוי-בערשטע ליפּ האָט אים געציטערט. אָבער ער האָט זיך נישט פאַרלאָרן און האָט געזאָגט:

„אַ קאַסטן פּיקאַרט... שווייגט! דערציילט נישט קיינעם! ווו איז ער, דער רעבי?"

„אויפן קליינעם בריקל, ביים שיפדעק."

קורטיס האָט געזאָגט:

„קומט מיט מיר, הער קאַזאַלאָן!"

מיר זענען אַרויף אויפן בריקל. דער אינזשינער איז נאָך אַלץ געשטאַנען מיטן נעגאָציאַנט און ביידע האָבן גע-שמועסט. מיט שווערע האַרטע טריט איז קורטיס צוגעגאַנגען צו רעבין. אָנגעבויגט עטוואָס דעם קאָפּ, האָט ער גע-פרעגט:

„דער קאַסטן איז אייערער?"

„יאָ"— האָט יענער גאַנץ רויק געענטפערט. ער האָט, קענטיק, גערעכנט, אַז מען קען אים באַשולדיקן בלויז אין קאָנטראַבאַנד, נישט מער, און האָט אפילו קרום געשמייכלט,

ווי א מענטש, וואָס מען כאַפּט אים ביי א קליין גניבהלע...

ביי ראָבערטן קורטיסן האָבן זיך אָבער געגרעסערט די שוואַרצאַפּלען פון די אויגן. אויפן האַלדז האָט זיך אים אויפגעהייבן א דיקער אָדער, די נאָזלעכער האָבן זיך אויסגעשפּרייט... נאָך איין רגע—און ער וועט א כאַפּ טאָן מיט די נעגל דעמדאָזיקן רעבי און וועט אים דערשטיקן, צעררייסן, דערווערגן און צעטרעטן, ווי א פליג...

איך האָב אָבער געזעהן, ווי ער באַהערשט זיך, ווי ער קוועטשט אהינטער מיט איין האַנט די צווייטע און סטאַרעט זיך איינצוהאַלטן. און אָט זאָגט ער רויק, נאָר מאָדנע קאַלט און שטיל:

„דערציילט, ווי אַזוי האָט איר אַדורכגעשוואַרצט דעם קאַסטן אין אונטערדעק!..“

דער נעגאָציאַנט האָט גענומען שטאַמלען:

„דאָס איז דאָך נישט דאָס ערשטע מאָל, פאַרשטייט איר... איך בין דאָך עפּעס א סוחר... אַז מען קען נישט מיטן גלייכן וועג, גייט מען אַמאָל מיטן קרומען וועג... איך האָב גאָרנישט געוווּסט, אַז ס'איז אַזוי געפערלעך... איך האָב בלויז געוואָלט לייכטער פאַרדינען... א סוחר... ווען איך ווייס, אַז ס'איז אַזאַ סכנה, ווי מען שמועסט דאָ, וואָלט איך עס, נאַטירלעך, נישט געטאָן...“

ער האָט אויפגעהייבן די אויגן אויפן געהילף און זיין קרום שמייכעלע איז אים באַלד אַנטרונען געוואָרן פון די ליפּן.

ער האָט ווייטער צוגעשטאַמלט:

„אויב דער קאַסטן איז אַזוי געפערלעך, טאָ קענט איר

אים אריינוואַרפן אין ים... עס אַרט מיר נישט... מילא... פאַר־פאַלן...״

און, אראָפּגעלאָזט די אויגן, האָט ער צוגעגעבן:

„מיין פראַכט איז סי־ווי פאַרסטראַכירט...״

ווו נעמט מען קורפּיסעס כּוחות, זיין געדולט, זיין קענען זיך באַהערשן? אויף מיר האָט געברענט די הויט פון רציחה. איך האָב אַ שפּרונג געטאָן אויף די פיס, ווי אַ פאַרוווּנדעטע חיה און האָב מיך צעשריען:

„אומגליקלעכער, וואָס איר זענט! ווייסט איר דען נישט, אַז דער אונטערדעק ברענט? שוטה! שוטה!״

און באַלד דערויף איז מיר געפאַלן דאָס האַרץ. אַ געפיל פון חרטה האָט מיך געפּייניקט... צו וואָס האָב איך עס געזאָגט?

אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט. רעבי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַרן קאָפּ...

די אויגן האָבן אים אַרויסגעשפּאַרט, דאָס פּנים איז באַצויגן געוואָרן מיט אַ קאַלכיקער טויטער בלאַסקייט. די קני האָבן זיך אים אונטערגעהאַקט...

„די שיף ברענט! גוואַלד!״—האָט ער גענומען שרייען מיט שוים אויף די ליפּן און איז אַראָפּגעלאָפן פון בריקל.

ער האָט געשריען אויפן שיפדעק, און די געשרייען האָבן אויפגעהייבן אַלע פּאַסאַזשירן.

דער עולם איז אַרויסגעלאָפן פון די קאַיוטעס מיט אָפענע מיילער, מיט פּחד־משוגעת אין די אויגן.

עס האָט זיך באַוויזן מיסטער קיר, זיין ווייב, מיס גערבי, לעטורנער מיטן זון...

ראָבערט קורטיס האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו רעבין.

„איר זענט משוגע!“—האָט ער געשריען צו אים.—„און איך וועל אייך פארשפארען, ווי אַ משוגענעם הונט!..“

אויפן שיף האָט זיך אויפגעהייבן אַ פּאַניק. קיר ס ווייב, אַן איבערגעזעטיקטע און אַ ציטריקע, האָט זיך די ערשטע אויסגעצויגן אין חלשות...

קיר האָט זיך אפילו געמאַכט נישט זעענדיק. אויב מען דארף זיך ראַטעווען, האָט ער קודם כל געוואָלט מציל זיין דאָס אייגענע בייכל... ווייטער איז אים גאָרנישט אָנגעגאַנגען.

די מאַטראָזן האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צו די שיפלעך.

עמעץ האָט געוויינט, די פּאַניק האָט זיך צעוואַקסן.

עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי די אונטערשטע פלאַמען וואָלטן זיך שוין אדורכגעשלאָגן דורכן אונטערדעק, און די שריפה איז לעגאַליזירט געוואָרן...

אין דער פּאַניק האָט זיך ראַבערט קורטיס געשטאַרקט. דער מענטש איז אויף די אויגן אויסגעוואַקסן מיט זיינע כוחות, מיט זיין געשלאָסענער רויקייט, מיט זיינע זיכערע באַוועגונגען. מיר אַלע האָבן קעגן אים אויסגעזען, ווי פליגן.

ער האָט באַרויקט די מאַטראָזן, און די שיפלעך זענען געבליבן הענגען אויף זייערע ערטער.

נאָך די מאַטראָזן האָבן זיך ביסלעכווייז באַרויקט די פּאַסאַזשירן. מאַדאַם קיר האָט זיך אויפגעהייבן פון איר חלשות.

„געבליבן אין פּאַניק“ איז בלויז דער נעגאָציאַנט רעבי, וואָס האָט זיך בשום אופן נישט געקענט באַרויקן. ער האָט געשריען און געקלאַפּט מיט די פיס, זיך געוואָרפן ווי אַ משוגענער און כסדר אַרויסגעשטעקט די צונג...

די מאַטראָזן האָבן אים אַריינגעשלעפּט אין קאַיוטע, ווו מען האָט אים געבונדן און פארשפארט.

ס׳איז געוואָרן שטיל אויפן שיפדעק, ווי נאָך אַ מהומה, נאָך אַ שריפה, נאָך אַן אומגליק...

נישט קיין גוטע שטילקייט... יעדער איינער איז אַרומגע־גאַנגען מיט אַ פיינלעך האַרץ, מיט ספקות, מיט שווערע רעיונות.

דער געהילף איז אַוועק צום קאַפּיטאַן.

מען האָט אים געמוזט אינפאָרמירן, אַז אין אונטערדעק, אין די צעוואַקסענע פלאַמען שטייט אַ קאַסטן מיט דרייסיק פונט פּי־קאַרט־קאַלי...

די לאַגע איז געווען מער ווי אַן ערנסטע. אונדזער לעבן איז געהאָנגען אויף אַ האָר...

דער „שאַנסעלאָר״ קען אַ ליאַדע מינוט צעפליִען ווערן אין דער לופט...

איך האָב געזען, ווי קורטיס האָט אויפגעהייבן דעם קאָפּ און איז אַריין צום קאַפּיטאַן אין קאַיוטע...

דאָס האַרץ האָט מיר אויפגעציטערט. אַ קעלט האָט מיר דורכגענומען די ביינער.

XII

22 און 23 אָקטאָבער.

ראָבערט קורטיס האָט איבערגעשמועסט מיטן קאַפּיטאַן. ער האָט אים אַלץ פאַרציילט. ער האָט אים געמוזט פאַרציילן פון ריין פאָרמעלן שטאַנדפּונקט.

קאַפּיטאַן הענטלי האָט אָבער קיין איין וואָרט נישט גע־ענטפערט דערויף, אויסגעהערט דעם געהילף, האָט ער זיך אי־

בערגעווישט דעם שטערן מיט אַ נערוועזער האַנט, ווי אַ מענטש, וואָס וויל זיך בעפרייען פון אַ שווערן געדאַנק. נאָכדעם האָט ער זיך אויפגעהייבן און איז אַרויס פון קאַיוטע.

קיין שום וואָרט, קיין שום באַפעל, קיין שום אינסטרוקציע.

נישט געקוקט דערויף, וואָס די גאַנצע פּאַניק אויפן שיף האָט זיך אָנגעהייבן פון מיין דעמאָלטיקן געשריי צו רעבין, דאָך איז ראָבערט קורטיס נישט געווען בייז אויף מיר. ער האָט, קענטיק, פאַרשטאַנען, אַז דערדאָזיקער געשריי איז געווען נישט מער, ווי אַן אומגערנדיקער אויסדרוק פון אַ שווערן אויפגערעגטן צו־שטאַנד, און האָט עס מיר מוחל געווען. און איצט, אַז ער איז אַרויס פון קאַפּיטאַנס קאַיוטע און האָט געמאַכט אַ קליינע באַ־ראַטונג מיטן לייטענאַנט, מיטן אינזשינער פאַלסטען און דעם באָצמאַן, האָט ער מיך אויך איינגעלאַדן צו דערדאָזיקער באַ־ראַטונג...

מען האָט געשמועסט וועגן פּיקאַרט...

מען האָט געשמועסט, זיך נישט געקאָכט, זיך נישט אויפגערעגט, נאָר רויק און באַדאַכט, ווי אין אַ רויקן האָטעל־צימער ערגעץ אין אַ פרייער רויקער שטאָט...

מען האָט גערעדט פון רעטונג, פון הילף, פון מיטלען, וואָס קענען אָנגענומען ווערן.

ראָבערט קורטיס האָט געזאָגט:

„מיר קענען די שריפה נישט איינלעשן. דאָס פייער שטאַרקט זיך. עס כאַפּט אַלץ אַרום אַ ברייטערן שטח. עס איז גאַנץ מעג־לעך, אַז דאָס פייער וועט באַלד, אין דער שעה אָדער אין אַן אַנדער שעה, אַרויסזעצן פון אונטערדעק. אויב דער ים וועט אונדז דערלויבן אין דעמדאָזיקן פאַזיס פון דער קאַטאַסטראָפע זיך צו באַנוצן מיט אונדזערע שיפלעך, וועלן מיר אומבאַדינגט פאַרלאָזן

די שיף. אויב דער ים אָבער וועט עס אונדז נישט דערלויבן, וועלן מיר זיך ראַנגלען מיטן פייער ביז דעם לעצטן אָטעם... ווער ווייס, אפשר וועלן מיר בעסער בייקומען דאָס פייער, ווען מיר וועלן עס דערזען מיט די אייגענע אויגן. מיט אַן אָפענעם שונא קעמפּט מען גאָר אַנדערש, ווי מיט אַ פאַרבאָרגענעם שונא. מען זעט, וואָס מען טוט און עס ווילט זיך טאָן.

„דאָס איז אויך מיין מיינונג,"—האָט געזאָגט דער אינזשינער.

„און איך מיין אויך דאָס אייגענע,"—האָב איך געזאָגט.— „אָבער מיר דאַכט זיך, אַז איר נעמט נישט אין אַכט די דרייסיק פונקט פיקאַנט, וואָס ליגט אין אונטערדעק..."

ראָבערט קורטיס האָט באַמערקט:

„הער קאַזאַלאָן, ווענן דעם וויל איך טאַקע נישט רעדן... ווען איך וואָלט געקאָנט עפענען דעם אונטערדעק און בעת-מעשה נישט אַריינלאָזן מיט זיך קיין לופט אַהין, וואָלט איך, נאַטירלעך, גערעדט וועגן דעם, אָבער אַזוי ווי איך קען עס נישט טאָן, איז איבעריק, מיין איך, דאָס רעדן... דערדאָזיקער פיקאַרט... מיין מוח בלייבט פאַרגליווערט, ווען ער קומט מיטן רעיון צו אים... איר פאַרשטייט? וואָס קענען מיר טאָן קעגן אים?"

מיר האָבן געשוויגן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ.

„אפילו מיט די שיפלעך וועלן מיר זיך אויך נישט קענען באַנוצן—דער ים איז אומרויק."

דער אינזשינער האָט געזאָגט:

„דער אויפרייס איז דאָך נישט קיין נויטווענדיקייט. דאָס קען נאָר זיין אַ צופאַל-זאַך..."

„צי קען ער אויך אויפפלאַמען נישט פון אַ קלאַפּ, אַ שטייגער?"—האָב איך געפרעגט דעם אינזשענער.

„ער קען, באַטירלעך... — האָט דער אינזשינער געענט־פערט.—„דער פּיקאַרט ברענט מיט דערזעלבער לייכטקייט, וואָס פּולווער...—און נאָך...״

דער אינזשינער האָט גערעדט רויק און קאַלט, פּונקט, װי ער וואָלט געלייענט אַ לעקציע איבער כעמיע.

מיר האָבן זיך אויפגעהייבן פון די ערטער. די באַראַטונג איז געענדיקט.

גייענדיק מיט מיר איבערן שיפדעק, האָט ראָבערט קור־טיס געזאָגט:

„דער קאַזאַלאָן, דער „שאַנסעלאָר״ ווערט אויפגעגעסן פון פייער... איך קען עס נישט צוזען... איך האָב ליב די שיף...״

איך האָב געפרעגט:

„ווי מיינט איר, ליבער קורטיס: איז טאַקע נישטאָ קיין שום תּרופה צו אונדזער לאַגע?״

ראָבערט קורטיס האָט געזאָגט:

„איך וועל אייך זאָגן קלאָרע ווערטער, דער קאַזאַלאָן די לאַגע איז אַזאַ: מיר שטייען אויף אַ מינע. דער קנויט פון דער מינע איז שוין אָנגעצונדן געוואָרן... איצט ווענדט זיך אָן דעם, ווי לאַנג דער קנויט וועט ברענען...״

און ער איז אַוועק.

איך האָב געטראַכט פון די פּאַסאַזשירן: זיי האָבן נאָך אַלץ נישט געוווּסט פון דער סכּנה, וואָס איז זיי געלעגן אונטער די פיס... דערהערט, אַז דער אונטערדעק ברענט, האָט מיס־טער קיר תּיכף ומיד גוט פאַרפּאַקט זיינע בריליאַנטן, געמאַכט אַ קליין, שטייף פּעקעלע פון זיי און האָט איינגאַנצן פאַרגעסן אין זיין ווייב.

נאָכדעם האָט ער באַפוילן דעם געהילף, ער זאָל איינ־לעשן די שריפה, אַ נישט וועט די גאַנצע שולד פאַלן אויף זיין קאָפּ, און איז אַריין צו זיך אין קאַיוטע. מער האָט ער זיך שוין נישט באַוויזן אויפן שיפדעק.

מיסיס קיר האָט זיך אָוועקגעלייגט אויפן געלעגער מיט אַ קאָמפּרעס אויפן קאָפּ. פון צייט צו צייט האָט זי אַרויסגע־לאָזט אַ קוויטשיק קרעכצל און האָט גענומען זוכן מיט די אויגן מיס גערביי: דאָס אָרעמע מיידל האָט איצט די וועלט נישט געזען צוליב איר. מיסיס קיר האָט זי ממש פאַרפּייניקט. זי האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אויף איר מיט אַלע אירע קאַפּריזן, מיט דעם גאַנצן עגאָיזם פון איר איבערגעזעטיקטן און צעלאָזענעם חומר, און דאָס מיידל איז געפאַלן פון די פיס.

אַ שוואַרצע, שווער־דריקנדיקע כמאַרע איז געהאָנגען איי־בערן שיינעם, לייכטגייענדיקן „שאַנסעלאָר"...

צומאָרגנס האָט דער קאַפּיטאַן פּלוצלונג אַ רוף געטאָן צו זיך אין קאַיוטע דעם געהילף.

דער קאַפּיטאַן האָט געהאַט בלאַנדזשענדיקע אויגן, ציטרי־קע הענט און ציטריקע ווערטער אויף דער צונג.

„קורטיס,"—האָט ער געזאָגט,—„וואָס בין איך?"

„איר זענט אַ קאַפּיטאַן,"—האָט קורטיס געזאָגט.

„אַ קאַפּיטאַן, נישט וואָר?"

„נו, יאָ, אַ קאַפּיטאַן..."

הענטלי האָט אָנגעהייבן צו ציטערן מיטן גאַנצן גוף.

„אָבער שטעלט אייך פאָר, קורטיס", — האָט ער געשעפּ־שעט, ווי אַ משוגענער, — „איך האָב מיטאַמאָל פאַרגעסן מיין פאַך... איך ווייס נישט, וואָס מיט מיר געשיט... איך ווייס גאָר נישט... גאָרנישט... קורטיס, גייט די שיף צו צפון־מזרח? זאָגט,

קורטיס, שעמט זיך נישט..."

„ניין, די שיף גייט צו דרום-מזרח... איר האָט דאָך אַליין געהייסן... איר געדענקט?"

„אָבער מיר גייען דאָך קיין ליווערפול?..."—האָט דער קאַפּיטאַן געשעפּטשעט.—נישט וואָר? און אונדזער... אונדזער... ווי הייסט אונדזער שיף?"

„שאַנסעלאָר."

„אַך, יאָ,"—האָט זיך דער קאַפּיטאַן דערפרייט,—„שאַנסעלאָר"! ווו געפינט ער זיך איצט?"

„עטוואָס מער אין דרום פונם טראָפּיק קרעבס."

דער קאַפּיטאַן האָט געשטאַמלט:

„טראָפּיק קרעבס..."

און טרערן האָבן זיך אים געוויזן אויף די בלאָנדזשענדיקע אויגן.

„איך געדענק גאָרנישט..."—האָט ער געשטאַמלט. — „איך זע גאָרנישט... איך הער גאָרנישט..."

און ער האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ מיטן ציטעריקע הענט.

ראָבערט קורטיס האָט געזאָגט:

„קאַפּיטאַן, עס׳עז מוז דאָך פירן די שיף. אויב איר זענט איצט נישט פעיק פאַר דערדאָזיקער פאַראַנטוואָרטלעכער שיפאַרבעט, טאָ גיט זי מיר איבער. איך וועל אייך צייטווייליק פאַרטרעטן. אָבער איר מוזט מיר פריער אַרויסגעבן אַ פאָרמעלן כתב וועגן דעם."

„גוט, וואָס איר ווילט! איך זאָג דאָך אייך..." — האָט ער זיך אָפּגעוואָרפן פון געהילף, ווי פון אַ ביי׳זער חיה און דהאָט זיך ווידער־אַמאָל אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ.

ראָבערט קורטיס האָט טאַקע דאָ, ביים קאַפּיטאַן אין קאַ־יוטע, אָנגעשריבן אַ פּאַפּיר מיט אַן אָפיציעלן נוסח. אינם פּאַפּיר איז געזאָגט געוואָרן, אַז ער, ראָבערט קורטיס, נעמט איבער אויף אַן אומבאַשטימטער צייט די אָנפירונג פון דער שיף און אַז דזשאָן סילאַס הענטלי האָט מער קיין שום דעה נישט. ער פאַרבלייבט אויף דער שיף, ווי אַ געוויינלעכער פּאַסאַזשיר. דער קאַפּיטאַן האָט מיט צעצויגענע און צעקלאַפּטע אותיות אונטערגעשריבן דאָס־דאָזיקע פּאַפּיר.

נאָכדעם האָט ראָבערט קורטיס פאַרזאַמלט אין דער גרוי־סער מאַטראָזנקאַיוטע די גאַנצע שיפקאָמאַנדע און האָט איר גע־מאָלדן, אַז צוליב נישט פאָרויסגעזעענע מניעות איז ער געצוווּנ־גען איבערצונעמען די אָנפירונג פון דער שיף.

ער האָט געזאָגט:

„דזשאָן סילאַס הענטלי איז מיד און מוז זיך אויסרוען. די אָנפירונג גייט איבער צו מיר. איך גלויב, אַז מיר וועלן אַרבעטן אין הסכם און נאָך מיט מער חשק, ווי פריער. אונדזער קאָמאַנ־דע איז אַ דרייסטע, אַן ענערגישע און אַ טרייע, און אונדזער ליבער „שאַנסעלאָר" וועט בשלום קומען צו זיין ציל. ער וועט אַרבעטן צוזאַמען מיט אונז, ווי אַ לעבעדיק וועזן!..."

און אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער צוגעגעבן:

„יעדער וועג איז פול מיט שטערונגען און נסיונות. דער וועג אין ים איז דער שווערסטער, און ער לאָזט זיך נישט באַ־רעכענען. איך גלויב אין די מאָראַלישע כוחות פון אונזער קאָ־מאַנדע. וואָס עס זאָל נישט געשען — לאָמיר זיין געבונדן צו אייננאַנדער דורך ליבע און אַרבעט! יאָ, „שאַנסעלאָר"־אַר־בעט!.."

די קאָמאַנדע האָט אים וואַרעם באַגריסט. שפּעטער האָבן

מיר אים באַגריסט: איך, די ביידע לעטורנערס און אינזשינער פּאָלסטען. דער נייער קאַפּיטאַן האָט בלויז צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און האָט נישט גערעדט.

דער „שאַנסעלאָר״ גייט איצט גאַנץ שנעל. אונדזער ציל איז—יבשה! וואָס גיכער און וואָס פריער יבשה. מיר גייען צו די אַנטילישע אינדזלען.

XIII

21—29 אָקטאָבער.

דער ים איז זייער אומרויק. דער „שאַנסעלאָר״ קען זיך נישט ראַנגלען מיטן ווינט. ער שפּרינגט אום, ווי אַ שפּענדל איבער די שוימיקע כוואַליעס.

דערווייל איז זייער שלעכט, מיר גייען שוואַך, עס וואַרפט אונדז, ווי אין אַ קדחת...

און דער אונטערדעק ברענט נאָך אַלץ!

איך האָב קורטיסן געזאָגט:

„לאָמיר אויסהאַקן אַ לאָך אין שיפדעק און פאַרגיסן מיט וואַסער דעם אונטערדעק. שפּעטער וועלן מיר אויספּאָמפּען דאָס וואַסער און צוריק עס אָפּשיקן אין ים אַריין... דאָס איז, שיינט מיר, דאָס איינציקע מיטל!״

ראָבערט קורטיס האָט געשמייכלט.

„קאַנזלאָן.״—האָט ער אַ זאָג געטאָן,—„פאַרוואָס געדענקט איר נישט? איך האָב דאָך אייך שוין איינמאָל געזאָגט, אַז דער קלענסטער לופטשטראָם אין אונטערדעק וועט תיכף ומיד אויפ-

הייבן אזוינע שרעקלעכע פלאַמען, אַז די גאַנצע שיף וועט באַלד אַוועק מיטן רויך... גאָט זאָל אויסהיטן! דאָס איז אַ פראַגע פון מינוטן! איצט מוזן מיר זיצן מיט פאַרלייגטע הענט. פאַראַן אַזוינע מאָמענטן הענט ס׳איז אַ גרויסע העלדישקייט צו זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און גאָרנישט טאָן!...״

מיר האָבן מער נישט גערעדט.

שעה־איין, שעה־אויס טוט מען כסדר און מען פאַרשטאָפּט אַלע לעכער און שפּאַלטן פון אונטערדעק, אָבער עס העלפט גאָרנישט. דאָס פייער שטאַרקט זיך, די היץ ווערט גרעסער.

די פּאַסאַזשירן זענען געצוווּנגען צו פאַרלאָזן זייערע קאַיוטעס. מאַנכע וואַלגערן זיך כסדר אויפן דעק.

צוויי „קילע״ קאַיוטעס זענען נאָך פאַראַן. זיי ליגן אין דעם הינטערשטן טייל פון דער שיף. איינע פון זיי האָט פאַרנומען מיסיס קיר, די צווייטע האָט צוגענומען רעבי.

רעבי איז שוין גוט משוגע. מען האָט אים געבונדן, ווייל ער ברעכט און שטערט אַלץ, וואָס קומט אים נאָר אונטער דער האַנט. דער מענטש איז משוגע פון פחד, דאָס הייסט פון זיינע אייגענע שפּעקולאַציעס מיטן פּיקאַרד...

אַזוי ווי ס׳איז נישטאָ וואָס צו טאָן און מען הענגט תמיד צווישן לעבן און טויט, גיי איך עפּטער געוואָר ווערן דעם קאַפּיטאַן.

דער איז שוין רויק משוגע. ער רעדט קלאָר און ניכטער, ווי אַ נאָרמאַלער מענטש, אָבער אַז עס פאַרבינדט זיך אַ שמועס וועגן שיף און ים, זעט מען, אַז ער פּלאָנטערט זיך אין די רייד...

ער רעדט וועגן אַלץ קלאָר, אָבער נישט וועגן שיף און ים: דאָ רעדט ער, ווי אַ משוגענער.

איך קען אָבער ניט זיצן לאַנג ביי אים אין קאַיוטע: העג-טליס שטילע יסורים רופן זיך אָפּ אויך אויף מיר. איך קען נישט זען, ווי דער מענטש ליידט און איך קען נישט זען, ווי עס בלאָנדזשען אים די אויגן...

דער מענטש האָט פאַרלאָרן דעם באָדן אונטער די פיס, און ער מאַכט אַן איינדרוק פון אַ פאַרמשפּטן, וואָס זיצט אין אַ שטייג מיט אַן אָפענער טיר, אָבער גייט קיינמאָל נישט אַרויס פון דערדאָזיקער טיר...

און דאָס איז אויך אַ קרבן פון פחד!

אין דער אַלגעמיינער מאַטראָזנקאַיוטע האָט מען היינט געשפּירט אַ גערוך פון רויך. אין דער לופט האָט אַרומגעבלאָנ-דזשעט עפּעס אַ טשאַדיקע רויך-ביטערניש... דאָס פייער דערנענ-טערט זיך, קענטיק, פון דערדאָזיקער זייט, און אַז מען לייגט צו דאָס אויער צו דער פּאָדלאָגע, דערהערט מען אַ פאַר-שטיקטן גערויש.

ערגעץ מוז דאָ זיין אַ פאַרבאָרגענע שפּאַרונע אין אונטער-דעק, און די פרישע לופט, וואָס פליסט אַריין דורך איר, האַלט אונטער דאָס פייער.

די קאַטאַסטראָפע רוקט זיך אַלץ נענטער און נענטער. מעגלעך, אַז דאָס איז אַ פראַגע פון עטלעכע טעג און, מעגלעך, פון אַ שעה, אַ מינוט, אַ רגע...

דאָס לעבן שפּילט זיך מיט אונדז און דער טויט שפּילט זיך מיט אונדז. ווער פון זיי ביידע וועט אויסשפּילן?...

און דער ים איז נאָך אַלץ אומרויק. די כוואַליעס וואַרפן אַרום דעם אָרעמען „שאַנסעלאָר", וואָס זיין קאַפּיטאַן איז משוגע פאַר פחד, און דער „שאַנסעלאָר" קרעכצט, ווי אַ קראַנק קינד און נייגט זיך אומבאַהאָלפן אויף לינקס און אויף רעכטס...

ביי אַזאַ ים און ביי אַזאַ וועטער איז גאָרנישטאָ, וואָס צו טראַכטן וועגן דעם, אַז מען זאָל זיך קענען ראַטעווען אויף די שיפֿלעך. שפּרינגען פֿון „שאַנסעלאָר“ אין די שיפֿלעך אַריין, הייסט שפּרינגען פֿון פֿייער אין וואַסער...

די ווענט פֿון דער מאַטראָזנקאַיוטע האָט מען באַדעקט מיט נאַסן לייוונט. אַלע ווילע גיסט מען אויף זיי וואַסער. מען לאָזט זיי נישט אויסטריקענען. אָבער דער ביטערער רויך לאָזט דאָ נישט אָטעמען. אין דעררדאָזיקער קאַיוטע קען מען נישט זיצן פֿון היץ און פֿון רויך. אַמענטש קאָן דאָ אַוועקחלשן אין אַ משך פֿון צען מינוט...

ווען דער ים ווערט נאָר עטוואָס רויקער, ציט מען אָן אַלע זעגלען און מען טרייבט די שיף פֿאָרויס. מען וויל אָניאָגן די צייט, וואָס דער „שאַנסעלאָר“ האָט זיך געפּלאָנטערט אויף די כוואַליעס, ווי אַ פֿאַרלאָרן שפּענדל.

ראָבערט קורטיס איז זייער טעטיק און ענערגיש, און מען קען זיך אויף אים פֿאַרלאָזן. אָבער וואָס איז די פּעולה, אַז מיר זענען אומבאַהאָלפֿן קעגן פֿייער און קעגן דעם פֿאַרשאָלטענעם פּיקאַרט...

מיר זענען איצט די אומבאַהאָלפֿנסטע מענטשן אין דער גאַנצער וועלט!

מיר ווייסן נישט, וואָס מיט אונדז, אַ שטייגער, קען געשען אין אַ מינוט אַרום, אין אַ רגע... עס קען זיין, אַז אָט איצט, בשעת איך שרייב דידאָזיקע שורות, זאָל איך צעריסן און צעפֿליקט ווערן אויף שטיקער פֿון אויפֿרייס...

אונטער מיינע פֿיס שפּאַצירט אַרום דער טויט אין צווייערליי געשטאַלטן: אין דער געשטאַלט פֿון אַ שריפֿה און אין דער געשטאַלט פֿון אַן אויפֿרייס. מען דאַרף אָבער זיין מוטיק, און

איך בין עס: איך שרעק מיך ווייניקער, ווי מען דאַרף זיך שרעקן...

מיט יעדער שעה ווערט אַלץ ערגער. אַט איצט, אַ שטיי־גער, קען מען שוין נישט גיין אויפן שיפדעק אפילו אין שטיוול מיט גראָבע פּאָדעשוועס. עס ברענט, ווי פייער!

דאָס וואַסער, וואָס מען גיסט דערויף כסדר, העלפט שוין נישט: עס נעמט קאָכן מיט אַ פּאַרע, ווי אין אַ טאָפּ, וואָס שטייט אויפן פייער... און דער ווינט אויפן ים גייט, קענטיק, האַנט אין האַנט מיטן פייער פון אונטערדעק: ער האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ שטורעמווינט. אין דרויסן קאָכט און רוישט און אונטן, אין אונטערדעק, קאָכט אין רוישט. וואָס וועט עס זיין?

צי וועלן מיר בשלום דערגיין צו די אַנטילישע אינדזו־לען?

דער שטורעם שטאַרקט זיך. די כוואַליעס באַפאַלן דעם „שאַנסעלאָר", ווי בלוטדורשטיקע חיות מיט אָפענע מיילער...

ווען מיר לאָזן איצט אַראָפּ די שיפלעך אין ים, וואָלטן זיי באַלד איינגעזשוקען געוואָרן אין די שוואַרצע צאַפּלדיקע טיפענישן.

די פּאַסאַזשירן גייען אַרום, ווי צו חלום, בלאַסע און שווייגנדיקע. און גיין גייט מען איבער אַ פּיצעלע שיפדעק, וואָס ליגט אין דעם הינטערשטן טייל פון דער שיף. מאַנכע „האַלטן זיך אויף" אויף די טרעפּלעך פון בריקל.

מען רעדט נישט וועגן דער שריפה, וואָס איז שוין איצט פאַרשטענדלעך פאַר יעדערן. מען האָט מורא אַרויסצערעדן פון דער צונג דאָס וואָרט טויט...

עס מאַכט דעם איינדרוק, ווי יעדער איינער וואָלט זיך

פּאוואָליע אַ ר י י נ ג ע ג נ ב ע ט א י ן ל ע ב ן, און האָפֿט, אַז עס וועט אים אַזויאַרום אָפּגליקן...

מען נאַרט זיך און מען וויל זיך גענאַרן...

אָבער עס זענען פֿאַראַן מינוטן פֿון פֿאַרצווייפֿלונג, ווען דער טויט איז ליבער פֿאַרן לעבן. נישטאָ עפּעס ערגערס, ווי הענגען כּסדר צווישן לעבן און טויט! און אָט אין די מינוטן בעט מען מיט די מידע אויגן די שׂריפֿה, אַז זי זאָל שוין אַרויסקריכן פֿון אונטערדעק, אַז דער פּיקאַרט־קאַלי זאָל אַרויס מיט לשון (מיט זיין שרעקלעכן לשון!) און אַ סוף זאָל דאָס בעמען. נישטאָ שוין מער קיין כּוחות צו וואַרטן און צו האָפֿן.

ראָבערט קורטיס האָט באַפֿוילן, מען זאָל אַרויסנעמען דעם פּראָוויאַנט פֿון די סקלאַדעס און איבערטראָגן אים אין אַן אַנדער אָרט. אין די סקלאַדעס איז די לופֿט אַן אָנגעגליטע, ווי אין אַן אויוון...

פֿון היץ איז אַ טייל פּראָוויאַנט קאַליע געוואָרן. מען האָט געראַטעוועט, וואָס מען האָט געקענט. מען האָט געשלעפּט פּראָוויאַנט, קאָלדרעס, קישנס, אינסטרומענטן, וויכטיקע שיף־מכשירים און מען האָט זיי אַוועקגעלייגט אין אַזאַ אָרט, אַז מען זאָל זיי קענען צו יעדער צייט אַריינפּאַקן אין די שיפֿלעך...

אַכט אַ זייגער אין אָוונט האָט מען שוין דייטלעך געקענט הערן, ווי עס קלאַפּט דאָס פֿייער אין אונטערדעק. דאָס פֿייער גייט אַרויס פֿון זיין באַהעלטעניש.

די טירן פֿון אונטערדעק זענען אַזוי ווי אָנגעשוואָלן געוואָרן צוליבן דרוק פֿון דער אָנגעגליטער לופֿט און וואַסער־דאַמפֿן. ערטערווייז האָט שוין אַרויסגעזעצט אַ שוואַרצער טשאַדיקער רויך...

די לאַגע ווערט אַלץ קלערער: די קאַטאַסטראָפֿע קלאַפּט

שוין אין טיר...

די מאַטראָזן האָבן אַרומגערינגלט קורטיסן און האָבן אים אָנגעקוקט מיט שטומע אויגן, וואָס האָבן אָבער גערעדט מיט אַ לשון פון דעם שטאַרקסטן אָראַטאָר.

דידאָזיקע שטומע בליקן האָבן געזאָגט:

„הער קורטיס, ליבער מענטש און חבר און פריינט און צייטוויייליקער קאַפּיטאַן, לאָמיר זיך ראַטעווען אויף די שיפלעך, כל זמן דער ווולקאַן האָט נאָך נישט אויסגעבראָכן. צעגערן מיר נאָך איין מינוט—און מיר זענען פאַרפאַלן. מיר װעלן אומקו־מען, ווי מייז, און קיינער וועט אפילו אונדזער געשריי נישט דערהערן!..״

און ראָבערט קורטיס פאַרשטייט די רייד פון דערדאָזי־קער אויגן־שטומקייט, קוקט ער אויפן ים און אויפן הימל. דער ים איז אָבער אַ גיהנם, אַ שוואַרצער גיהנם און מען קען פאַרטויבט ווערן פון רעש און די בייזע כוואַליעס קנעטן איינ־אַנדער און דער ווינט שלעפּט זיי פון די טיפענישן אינדער־הויך און דרייט זיך מיט זיי אין אַ שדישן טענצל...

שווייגט ראָבערט קורטיס, מיינען אָבער די מאַטראָזן, אַז דאָס איז אַ הסכמה און וואַרפן זיך צו די שיפלעך. די צוויי גרעסערע שיפלעך קען מען דאָך אוודאי אַראָפּלאָזן אין ים...

אָבער ראָבערט קורטיס באַמערקט באַלד די אימפּעטיקע באַוועגונג פון די מאַטראָזן און שרייט, פאַרשרייענדיק דעם שטורעם פון ים:

„שטייט! וואָס טוט איר? לאָזט געמאַך די שיפלעך! דער ים—איז אַ ים—וועט אונדז קיין שום רעטונג נישט געבן! מיט אים איז נאָך ערגער, ווי מיט דער שריפה!״

די לאַגע איז אָבער אַזאַ, אַז מען הערט אים שוין נישט.

די פארצווייפלונג ברעכט די דיסציפלין...

אָוועו מיט אַ פּאָר מאַטראָזן זענען ממש ווילד און צע־חושט. זיי ווארפן זיך דאָך צו די שיפלעך.

קורטיס ענדערט זיך באַלד אין געזיכט. די אויגן פאַר־לויפן אים מיט בלוט, כאַפּט ער אַ האַק און שרייט נאָך העכער ווי פריער:

„איך צעשמעטער דעם קאָפּ פון דעמיעניקן, וואָס פאַר־לירט דעם חוש פאַר דיסציפלין! געהאָרכן זאָלט איר מ י ר!״— האָט ער זיך אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער האַנט אין האַרץ אַריין.— „אָרדענונג זאָל מיר זיין אפילו סאַמע אין די נעגל פון טויט!״

די מאַטראָזן טרעטן אָפּ מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. עס הערט טויט־שטיל אַרום אונדז און שאַרפער פאַלט אויף אונדז דער ריעש פון ים און דער רעש פון אונטערדעק...

עלף אַ זייגער האָט זיך דערהערט דער ערשטער קראַך פון אונטערדעק.

דאָס פייער איז געקומען!

אין דער מאַטראָזנקאַיוטע האָבן זיך באַוויזן הויכע פייער־צונגען, וואָס האָבן באַלד געגומען שפרייזן אין אַלע זייטן... אַ שווארצער רויך האָט זיי דאָ צוגעדעקט און דאָ אויפגע־דעקט...

אַ פּאַניק, אַ צעמישעניש, אַ משוגעהדיקע בהלה, האָט מיטאַמאָל אַרומגעכאַפּט די מענטשן. מיסיס קיר איז אַרויסגע־פלויגן פון איר קאַיוטע, אונטערגעהאַלטן ביים אָרעם פון מיס גערביי. דזשאָן סילאַס הענטלי איז אַרויסגעשפרונגען פון זיין קאַיוטע, מיט בלאָנדזשענדיקע אויגן און שווארץ פון רויך, ווי אַ קוימענקערער... דערזען דעם געהילף, האָט ער זיך העפלעך פאַרנייגט פאַר אים, ווי פאַר אַ דאַמע און איז געבליבן שטיין

אין אַ גאַלאַנטער פּאָזע !..

אין דער אייגענער רגע איז אַרויסגעשפּרונגען רעבי פון זיין שטייגל. די מלבושים האָבן געברענט אויף אים, די האָר האָבן זיך אים געסמאַליעט. ער האָט אָבער נישט געשריען און האָט, קענטיק, קיין שום ווייטיק נישט געפילט.

אויפן שיף קנאַקט און קראַכט אַלץ אָן אַן אויפהער. דאָס פייער קריכט שוין אויף די ווענט און עסט דאָס נאַסע לייוונט...

אין אַלע זייטן ווערט מיטאַמאָל ליכטיק. ליכטיק און פינסטער, רויך און פייער. דער רויך פאַלט אַריין אין די אויגן, אין נאָז, אין די לונגען, און עס איז נישטאָ וווּ צו לויפן, וווּ זיך צו פאַרגראָבן, פאַרבאַהאַלטן, פאַרבאָרגן.

מיר שטייען פאַרן סוף.

דאָס פייער עפנט מיטאַמאָל אויף דעם אונטערדעק און עס זעצט אַרויס אַ פייער-פאָנטאַן! אין שטורעם פון ים רייסט ער זיך אַריין, אַ פריילעכער, אַ קנאַקעדיקער און פאַרחיקלט זיך באַלד אין אַ טאַנץ מיטן ווינט.

איצט זענען מיר שוין אַלע האַלב (אויב נישט ג אַ נ ץ) משוגע. מיר גלאָצן מיט די אויגן און באַגרייפן קוים דאָס, וואָס מיר זעען. אָבער אין האַרץ קלאַפּט נאָך אַ קלאָרע מחשבה:

„דאָס איז דער סוף! דער סוף! דער סוף!..‟

און פּלוצלונג האָט רעבי חילד פאַרשריען דעם שטורעם מיטן פייער :

„היי, וואָס קוקט איר, משוגעים, דאָס איז דאָך דער פּי־קאַרט, דער פּיקאַרט, אַ רוח אין זיין טאַטנס טאַטן אַריין!‟

און באַלד דערויף איז ער אַריינגעשפּרונגען אינם טאַנצנ־דיקן און קנאַקעדיקן פייער פון פאָנטאַן...

עמעץ האָט פאַרדעקט מיט די הענט דאָס געזיכט...

XIV

די נאַכט פון 29-טן אָקטאָבער.

רעבי איז פאַרבערענט געוואָרן. וואָס וועט זיין מיט אונדז? די מאַטראָזן זענען צעמישט, די פּאַסאַזשירן האָבן פאַרלאָרן דעם געזונטן רעיון.

עפּעטער האָבן זיך געהערט געשרייען:

„גיט אונדז אַ שיפל! אַ שיפל!"

פאַרזונקען אין די רויטע פלאַמען פון דער שיף, האָט מען נישט באַמערקט דעם ים...

און דער שטורעם איז געוואַקסן. דער ים האָט זיך צע-בראָכן אין הויכע בערג און טיפע טאָלן, און די בערג זענען בעגאַנגען קעגן אײנאַנדער און זיך געוואָרפן אויף אײנאַנדער.

נישט הערנדיק מער קורטיסן (און וועמען האָט מען יאָ בעקענט הערן? זיין האַק האָט שוין אויך נישט געשראָקן), האָבן עטלעכע ווילד-געוואָרענע מאַטראָזן זיך ווידעראַמאָל אַ וואָרף געטאָן צום שיפל, האָבן עס אָפּגעבונדן און אַראָפּגעלאָזט עס אויפן וואַסער.

צוויי הויכע וואַסערבערג האָבן באַלד אַ כאַפּ געטאָן אין זייערע אָרעמס דאָס שיפל, פונקט ווי זיי וואָלטן שוין לאַנג געוואַרט אויף דעם און האָבן עס פאַרשטיקט און אויסגעבויגט און צעהאַקט אויף שטיקלעך...

האָבן די מאַטראָזן געוואָרפן אויפן וואַסער דאָס צווייטע

שיפל—און מיט דעם איז אויך געשען דאָס אייגענע, וואָס מיטן ערשטן. די מאַטראָזן האָבן זיך אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ...

מיר האָבן שוין מער קיין שיפלעך נישט געהאַט, נאָר אַ קליינעם שמאָלן וועלבאָט.

די הילף פון די שיפלעך איז שוין אויך אָפּגעשניטן געוואָרן פון אונדז...

איך פיל בחוש, ווי מיר גייען אונטער...

דער טויט איז אַזוי גראַנדיעז געקומען. ער האָט זיך אַרויסגעריסן פון אונטערדעק מיט העלישע פלאַמען, מיט מיליאָנען פונקען, מיט שוואַרצע זיילן רויך.

דער ים ברויזט און פייפט, דאָס פייער שיפּעט, ווי אַ שלאַנג, דאָס האָלץ פון שיפדעק קנאַקט...

די פּאַסאַזשירן זענען צעוואָרפן. ווער עס אַנטלויפט פון פייער אין איין ווינקל, ווער אין אַ צווייטן. דער אינזשינער פּאַלסטען שטייט מיטן זייגער אין האַנט און פאַרצייכנט ווייליווייז די געשעענישן אין אַ נאָטיצביכעלע. ער איז אויך אַ דרייסטער מענטש, דער פּאַלסטען—בלוט און אייזן!

מיסיס קיר ליגט אַ געחלשטע, לעבן איר שטייט מיס גערבעי, אַ שטומע, מיט בלאַנדזשענדיקע אויגן. ראָבערט קורטיס טאַפּט מיט די הענט די וואַנט, די פּאָדלאָגע... ווו איז דער לייטענאַנט, דער באָצמאַן? ווו איז דער עולם מאַטראָזן? ווו זענען אַלע מענטשן?

איך האָב אָנגעכאַפּט קורטיסן ביי דער האַנט.

„שוין דער סוף, האַ?"—האָב איך אים פיינלעך געפרעגט.

„גיין,"—האָט ער געזאָגט.—„למאי איילט איר אייך?.. דער אונטערדעק איז אָפן, מיר וועלן גיסן וואַסער אַהין... איר פאַר-

שטייט? מיט װאַסער לעשט מען פייער — אפשר װעט אונדז געלינגען?״

„אָבער װי אַזוי אַרבעט מען מיט אַ פּאָמפּע אויף אַ פלאַמענדיקן דעק? און װער װעט איצט פאָלגן אַ קאַפּיטאַן? און װער קען בכלל פילן, װאָס ער טוט?״

ראָבערט קורטיס האָט מיר נישט געענטפערט.

„שוין דער סוף, האַ?״ — האָב איך װידעראַמאָל געפרעגט.

„ניין! ניין!״ — האָט ער גענומען שרייען. — „כּל זמן מיינע אויגן װעלן זען כאָטש איין גאַנצן ברעטל פון דער־דאָזיקער שיף, װעל איך מיך אַלץ נישט אונטערגעבן און װעל נישט זאָגן, אַז דער סוף איז געקומען! איר הערט, װאָס איך רעד צו אײַך?״

איך הייב אויף די אויגן: דער הימל איז רויט און פאַרשאָטן מיט בלאַנדזשענדיקע פונקען. עס דאַכט זיך, אַז ער ברענט אויך צוזאַמען מיטן „שאַנסעלאָר״...

װאָס פאַר אַ פיינלעכע נאַכט! װאָס פאַר אַ פחד! װאָס פאַר אַ נויט!

ס׳איז געבליבן איינס פון די ביידע: אָדער מען דאַרף זיך װאַרפן אין װאַסער אָדער אין פייער! ס׳איז אוממעגלעך מער אויסצעהאַלטן. סוף־כּל־סוף דאַרף מען טאָן, װי רעבי האָט געטאָן. מיט איין רגע מאַכט מען אַ סוף צום גאַנצן פּיין...

אין מוח פלאָנטערט זיך אַ פראַגע: און װאָס איז מיטן פיקאַרט? למאי רייסט ער נישט אויף? װאָס שװייגט ער? אפשר איז די גאַנצע מעשה אַ ליגן, און רעבי, װאָס איז אַװדאי געװען משוגע נאָך פון פריער, האָט אויסגעטראַכט דעמדאָזיקן ליגן?..

אַ זייגער צװעלף בייַנאַכט, בשעת דער שטורעם האָט דערגרייכט די העכסטע מדרגה, דער ים „האָט איינגעריסן די װעלט

דער ווינט האָט ווילד געוואָרפן כוואַליעס אויף כוואַליעס, האָבן מיר פלוצלונג דערהערט יענעם כאַראַקטעריסטישן ק נ אַ ק אין דעק, פאַר וועלכן די ים-לייט האָבן אַזוי מורא.

עמעץ האָט געשריען אין שטורעם און שריפה:

„אונטערוואַסער-שטיינער!"

ראָבערט קורטיס שפּרינגט אויף פון אָרט און זוכט מיט די אויגן אין ים.

„לינקס! לינקס!" — שרייט ער צום שטייערמאַן שטרענג און באַפעלעריש.

ס'איז שוין אָבער צו שפּעט.

איך פיל, ווי דער „שאַנסעלאָר" ווערט מיטאַמאָל הויך אויפגעהייבן פון אַ ריזיקער כוואַליע, וואָס וואַרפט אים תיכף ומיד אַראָפּ פון איר קאַרק... די שיף קרעכצט אָפּ און קלאַפּט זיך אָפּ אָן יבשה... אין די רויטע פלאַמען פון דער שריפה זעען מיר, ווי דער מאַסטבוים גיט זיך אַ וויג אויף לינקס און אויף רעכטס, ברעכט זיך אַרויס פון זיין געשטעל און פאַלט אין ים אַריין...

דער „שאַנסעלאָר" איז געבליבן שטיין אומבאַוועגלעך.

XV

די נאַכט פון 29-טן אָ ק ט אָ ב ע ר.

פון די שוואַרצע וואָלקנס קריכט אַרויס די לבנה. עס איז אָבער געגוג פינסטער. מיר ווייסן נישט, וווּ מיר געפינען זיך, ווו, אין וואָסער אָרט איז די שיף אַרויפגעשפּרונגען אויף

אַ זאַמדבאַנק. עפּטער פאַלט איין אַ מחשבה: אפשר האָט דער שטורעם פאַרשלעפּט און פאַרשליידערט דעם „שאַנסעלאָר" צו דעם אַמעריקאַנישן ברעג? אָך, די יבשה, זי וואָלט אונדז איצט מציל געווען פון אַלע פּחדים און שלעק.

מיר דערהערן אַ קלאַפּן פון קייטן, און ראָבערט קורטיס זאָגט:

„מיר לאָזן אַראָפּ ביידע אַנקערס. ס'איז גוט! לאָמיר האָפן, אַז זיי וועלן אונדז דינען, ווי געהעריק און וועלן אויס־האַלטן..."

דערדאָזיקער קורטיס קריכט אומעטום. פון אונטן כאַפּט אים דאָס פייער, פון אויבן פאַלן אויף אים די כוואַליעס. ער האַלט זיך אָבער פעסט און האַלט די גאַנצע אומגליקלעכע שיף אויפן אויג.

דאָס אויג, דאָס אויער איז אים תמיד אין „באַוועגונג"־אין דעם כאַאָס פון קולות הערט ער פּלוצלונג עפּעס אַ באַזונ־דער קלאַנג. לויפט ער צום בריקל און לויפט צוריק, און איך הער, ווי ער זאָגט:

„דער אונטערדעק איז געלעכערט. איך מיין: דאָס וואַסער וועט פאַרגיסן די שריפה... דאָס וואַסער טוט איצט אַ גרויסע אַרבעט."

„נו, און דערנאָך?"—פרעג איך.

ראָבערט קורטיס שמייכלט.

„הער קאַזאַלאָן",—זאָגט ער,—„אָט דער „דערנאָך" אייערער איז אַ פאַרשלייערטער ענין, אַ סוד... אפילו אויף דער יבשה קען קיינער נישט וויסן, וואָס ד ע ר נ אָ ך וועט זיין."

ער האָט אויפגעהערט צו שמייכלען און האָט ווייטער גע־זאָגט:

„לאָמיר בעסער טראַכטן פון דעם, וואָס ס'איז א י צ ט, פון היינט, פון אָט דער שעה... דאָס בעסטע וואָלט, נאַטירלעך, געווען, ווען מיר האָבן גרייט די פּאָמפּעס, אָבער מען קען צו זיי נישט צוקומען צוליב דעם פייער. איך רעכן, אַז דער אונטער־דעק האָט באַקומען אַ שטאַרקע ווונד און ער איז אינגאַנצן פאַר־גאָסן מיט וואַסער... איר באַמערקט! די שריפה ווערט שוואַכער, דאָס פייער פאַרלירט זיינע כוחות... עס קעמפן איצט צוויי סטיכ־יעס: פייער מיט וואַסער. לויטן שיפען פונם פייער פאַרשטיי איך, אַז דאָס וואַסער האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם סאַמע וואָרצל פון דער שריפה... דאָס וואַסער וועט אַוודאי מנצח זיין דאָס פייער, און דעמאָלט וועלן מיר זיך וואַרפן צום זיגער! דאָס וואַסער איז נישט אַזוי שרעקלעך, ווי דאָס פייער. יאָ, דאָס וואַסער איז די סטיכיע פון ים־מענטש און ער קען זיך שטענדיק אַן עצה געבן מיט איר!...”

איך שאָקל מיטן קאָפּ. קורטיס באַרויקט מיך.

„יאָ, יאָ,”—זאָג איך,—„מיר וועלן וואַרטן אויפן נצחון פונם וואַסער.”

אָבער די נאַכט ציט זיך לאַנג, עס נעמט גאָר קיין סוף נישט. ווו שטייען מיר? עס ווערט נאָר קלאָר, אַז דאָס וואַסער פאַלט אָפּ, דער ים באַרויקט זיך.

עס קומט מיר אויף דער מחשבה, אַז דער „שאַנסעלאָר” האָט זיך געזעצט אויפן זאַמדבאַנק אין אַ מאָמענט פון אָפּפלוס. אויב די שריפה וועט איינגעלאָשן ווערן, וועט אונדז דער ביי־צופלוס לייכט אַראָפּנעמען פונם זאַמדבאַנק. דאָס איז בלויז אַ פראַגע פון צייט און געדולט.

עס ווילט זיך אָבער וויסן, ווו זענען מיר אין דער וועלט? דידאָזיקע פראַגע קען אויך פאַרענטפערט ווערן, ווען מיר וועלן

נאָר באַקומען די מעגליכקייט צו מאַכן די געהעריקע באַאָבאַכ-טונגען און אויסרעכענונגען.

דערווייל ווארטן מיר אַלץ. די נאַכט שלעפּט זיך, ווי אַ קאַליקע אויף היגקעדיקע פיס. די געדולט וויל פּלאַצן, נישטאָ קיין כּוחות צו ווארטן, אָבער איך האַלט מיך איין. איך קוק אויף קורטיסן: ער באַדאַרף מיר זיין אַ ביישפּיל.

ערשט אַרום פינף אַ זייגער פאַרטאָג פאַלט אָפּ דער רויך, האָט האָט פאַרדעקט און פאַרהילט די גאַנצע שיף. מען קען שוין עפּעס זען מיט די פון רויך אויסגעגעסענע אויגן. אין אַ ווינקל פון שיפדעק באַוועגט זיך אַ שוואַרצע גרופּע מענטשן. דאָס איז די שיפקאָמאַנדע. מיר שרייען צו דידאָזיקע מענטשן, זיי שרייען צו אונדז. פאַרייניקן זיך — איז שווער. נאָך גרויס מי און אָנשטרענגונג געלינגט עס אונדז אָבער. מיר פאַרייניקן זיך און מיר מאַכן אַ קליינע באַראַטונג. עס ווערט איינשטימיק באַשלאָסן, אַז מען זאָל קיין שום זאַך נישט פאַרנעמען ביז איג-דערפרי.

אויב די יבשה איז באמת נאָענט און דער ים וועט זיין רויק, וועלן מיר זיך אַריבערפּעקלען אויף דער יבשה מיט דער הילף פון אונדזער וועלבאָט, אָדער אויף אַ פּאַראָם. אויב, ווי-דער, מיר זענען ווייט פון דער יבשה, וועט מען מוזן אַ ביסל אויספאַרריכטן דעם „שאַנסעלאָר" און אַריינקריגן זיך אין אַ באָענטן האַפן.

„אָבער איבער אונדזערע קעפּ הענגט דאָך דער אויפ-רייס,"—האָב איך באַמערקט.—„אפשר זאָלן מיר באַצייטנס פאַר-לאָזן דעם אומגליקלעכן „שאַנסעלאָר" און זיך אַריבערפּעקלען אויפן..."

„אויפן זאַמדבאַנק?..."—האָט מיר ראָבערט קורטיס איבער-

געשלאָגן.—„ניין, זענט נישט אַזוי זיכער מיטן זאַמדבאַנק! אין דער צייט פון צופלוס קען ער פאַרזונקען ווערען אין וואַסער— וואָס וועט איר דעמאָלט טאָן? יאָ, דעמאָלט טוט מען איין זאַך: מען ווערט דערטרונקען... עס העלפט נישט: מיר מוזן וואַרטן ביז אינדערפרי. זאָל נאָר ווערן ליכטיקער, וועלן מיר זען, וואָס מיר האָבן צו טאָן."

די פּאַסאַזשירן זענען שטאַרק געפאַלן ביי זיך. מען האָט נישט קיין מוט צו רעדן, נישטאָ קיין אַפּעטיט צום עסן, צום טרינקען. מען בלאָנדזשעט מיט די אויגן אין ביטערן רויך און מען שווייגט מיט פאַרביסענע ליפּן.

אָבער ווי עס זאָל נישט זיין—דערווייל העלפט אונדז דאָס וואַסער, וואָס ראַנגלט זיך מיט אונדזער גרעסטן שונא: מיטן פייער.

דער ים איז אָבער שטאַרקער פאַר דער שריפה: וואָס פאַר אַ באַטרעף האָבן ביי אים די טויזנט זיבנהונ־דערט ברענענדיקע פעק באַוול?

און מיר זעען, ווי די שריפה גיט זיך ביסלעכווייז אונ־טער. די רויטע צינגער לאָזן זיך אַראָפּ, מאָגערע, שטיל־קנאָקע־דיקע, דער רויך שפּרייט זיך אָן פונקען...

XVI

30 אָקטאָבער.

די נאַכט איז אַוועק, אָבער דער גרויסער ים ליגט נאָך אונטער אַ שווערן נעבל. מען זעט נישט קיין יבשה, כאָטש מיר

קוקן אויס די אויגן אין דעם מערבדיקן און מזרחדיקן טייל פון אָקעאַן.

דאָס וואַסער איז אינגאַנצן אָפּגעפּאַלן! דער „שאַנסעלאָר־זיצט בײַ אַ זעקס פוס אין זאַמד. דאָ און דאָרט שטעקן אַרויס פון ים הויכע פאַרשפּיצטע פעלזן.

די שיף זיצט, אַלזוי, אויף אַ פעלז. איך קוק מיך אַרום און קלער מיר בעת מעשה, ווי אַזוי, אַ שטייגער, וועלן מיר עס אַראָפּ פונם פעלז. אין אַנדער צייט וואָלט איך עס געהאַלטן פאַר א האַרבער שאלה, אָבער איצט, בשעת מיר זענען אַרום־געריגנלט פון אַזויפיל שלעק און אומגליקן, בשעת עס הענגט אונדז איבערן קאָפּ דער פיקאַרט, וואָס קען אַ ליאַדע מינוט אויפרייסן, ווילט זיך גאָרנישט אָנשטרענגען דעם מוח צוליב אַזאַ „קלייניקייט״...

די שיף שטייט קרום. די לינקע זייט איז שטאַרק אָנ־געבייגט צום וואַסער. תחילת האָט זיך קורטיס באַאומרויקט: די שיף האָט זיך געקענט איבערקערן ביים אָפּפלוס פון ים. שפּע־טער אָבער, אַז עס איז געוואָרן אַ ביסל ליכטיקער, האָט ער געמאַכט אַ קליינע אויספאָרשונג און האָט איינגעזען, אַז די שיף שטייט גאַנץ פעסט, און דער אָפּפלוס איז בשלום אַריבער.

עפּטער האָבן מיר איצט געהערט אונטערוואַסער־קלעפּ. דאָס האָט געקלאַפּט אין דעק דער הויכער מאַסטבוים, וואָס איז פריער אַוועקגעטראָגן געוואָרן אין ים אריין. שפּעטער אָבער האָבן אים די כוואַליעס צוריק פאַרשלעפּט צו דער שיף. וויגט ער זיך אַזוי אויף די כוואַליעס און קלאַפּט אַלץ אין דעק, ווי ער וואָלט זיך געבעטן, מען זאָל אים אַרויפנעמען אויף דער שיף.

פון צייט צו צייט הערן מיר עפּעס שטילע קולות, און

עמעצער רופט מיט אַ פאַרשטיקטן אָטעם:

„קורטיס !... קורטיס !..."

שיקן מיר אונדזערע מידע אויגן אינם נעבלדיקן ים אַריין, פון וואַנען עס גרייכן צו אונדז די קולות. און אָט זעען מיר מיט שרעק: אויפן וויגעדיקן מאַסטבוים האַלט זיך עפּעס אַ שוואַרצע געשטאַלט פון אַ מענטשן. קוקן מיר זיך בעסער צו: גאָט אין הימל, ס׳איז קאַפּיטאַן הענטלי !...

עס שטעלט זיך אַרויס, אַז דער איבערגעבראָכענער מאַסט־בוים האָט אים מיטגעשלעפּט אין ים אַריין, און דער שוואַכער הענטלי האָט געהאַט גענוג כּוחות, אויסצוהאַלטן אַ האַלבע נאַכט אין וואַסער...

קורטיס האָט זיך באַלד אַריינגעוואָרפן אין ים אַריין, און מיט גרויס מי און מסירת-נפש אַרויפגעשלעפּט אויפן דעק דעם קאַפּיטאַן. דער לעצטער איז געווען זייער אָפּגעשוואַכט. ער האָט נישט גערעדט, און ווי אַן אומבאַהאָלפן קינד ד׳האָט ער זיך פאַררוקט אין אַ ווינקל. ער האָט אויף קיין איין פראַגע נישט געענטפערט און האָט אפילו נישט אויפגעהייבן די אויגן. מען האָט אים געלאָזט צורו.

אויפן ים איז ליכטיק, דער נעבל איז צערונען געוואָרן. די מאַטראָזן באַוועגן זיך. דער נייער טאָג האָט זיי אַ ביסל אויפגעמונטערט. זיי האָבן געזוכט אַרבעט און האָבן זיך גע־וואָלט ראַטעווען.

עס האָט זיך טאַקע באַלד אָפּגעפונען אַ וויכטיקע אַרבעט: מען האָט אַרויפגעשלעפּט אויפן דעק דעם הויכן מאַסטבוים און מען האָט אים צוריק צוגעפּעסטיקט צו זיין געשטעל. מיט דעמ־דאָזיקן דראָנג ווערט עפּעס פריילעכער. דער „שאַנסעלאָר", אַ צעממיטטער, אַ צעהרגעטער און אַ פאַרברענטער, באַקומט דאָך

אַ שטיקל פּנים פון אַ שיף...

און, נישט ווילנדיק, הייבט מען אָן צו האָפן אויף אַ גוטן אויסוועג...

מיר זעען פון דערווייטנס, אין צפון, ביי אַ צווייהונדערט קלאַפטער פון אונדז, די קאָנטורן פון אַ קליין אינדזעלע...

הויך איז דאָס אינדזעלע ביי אַ פּופּציק פוס. אין דער צייט פון צופלוס קען עס זיין אַ גוטער שוץ קעגן די הויכע כוואַליעס, וואָס וועלן עס זיכער נישט פאַרגיסן.

דאָס איז אַ שטיקל ישועה. דערצו האָבן מיר אויך אַ שמאָל פעלזיק שטעזקעלע צו אים, וואָס טרעט אַרויס פון וואַסער בשעתן אָפּפלוס. אָבער וואָס קען אונדז, סוף־כל־סוף, געבן דאָסדאָזיקע אינדזעלע?

עס קען נישט זיין אונדזער ציל, אונדזער תכלית... עס קען נאָר פאַרלייגערן אונדזערע יסורים, דעם קאַמף צווישן לעבן און טויט.

אונדזער רעטונג ליגט אין באַזעצטער יבשה. ווו איז אָבער דידאָזיקע יבשה? מיר זעען זי נישט. אַרום אונדז איז ים. ים פון אַלע זייטן. די האָריזאָנטן גיסן זיך צוזאַמען מיטן ים.

ראָבערט קורטיס זוכט יבשה. ער טוט אַלץ, וואָס ער קען, כדי פעסטצושטעלן, ווי נאָענט מיר זענען פון יבשה. בעצם זענען מיר אַלע שטאַרק פאַרחידושט און אַנטוישט. לויטן חשבון האָט אונדז די יבשה באַדאַרפט ליגן אויף דער נאָז, אָבער מיר זעען זי נישט.

קורטיס קריכט אַרויף אויפן וואַכבריקל. מיר וואַרטן אונטן. דאָס באַדאַרף זיין אַ גרינטלעכע און אַ לעצטע אויספאָרשונג. די

יבשה-פראַגע דענערווירט אונדז זייער.

אַ גאַנצע שעה צייט וואַרטן מיר אויף קורטיסן. לאַנגזאַם שפרייזט ער אַראָפּ פון וואַכבריקל. מיר רעדן נישט, אָבער אונד- זערע שטומע בליקן פרעגן: וואָס הערט זיך מכוח יבשה? אפשר האָט ער דאָסמאָל בעסערע אינפאָרמאַציעס פאַר אונדז?

אָבער ראָבערט קורטיס ענטפערט קאַלט און רויק:

„נישטאָ קיין יבשה? געזוכט, געפאָרשט — ס׳איז גאָר- נישטאָ...״

מיסטער קיר רייסט זיך פלוצלונג אַרויס מיטן בויך פאָרויס און קוקט מיט בלוט-אָנגעגאָסענע שווערע אויגן.

„הער קורטיס, ווו זענען מירז—פרעגט ער קריגעריש און האַרב.

און יענער ענטפערט רויק:

„איך ווייס נישט.״

„איר דאַרפט עס אָבער יאָ וויסן!״—כריפּעט שוין מיסטער קיר און טופּעט מיטן פוס פון גרימצאָרן.

און ראָבערט קורטיס זאָגט:

„איר זענט גערעכט, אָבער דערפון ווערט נישט לייכטער. איך ווייס דאָך נישט...״

ביי מיסטער קיר פאַרלויפט דער דיקער האַלדז מיט בלוט. ער טופּעט שטאַרקער מיטן פוס און שרייט מיט איינגעהאַלטענע קולות:

„איך וועל אייך דיקטירן, וואָס צו טאָן, איר פאַרשטייט? איך! איך! איר האָט מיך געגאַרט מיט אייער קורס און מיט אייער נסיעה. איצט הייס איך אייך גיין קיין ליווערפול, איר הערט? איך לאָז אייך מער נישט שטיין אינמיטן ים! איך וועל אייך דיקטירן, וואָס צו טאָן.״

זיך אויסגעשריען, האָט ער זיך זיך אויסגעדרייט צו קור־
טיסן מיטן רוקן. קורטיס האָט געשוויגן.

די שריפה איז כמעט אינגאַנצן אָפּגעפאַלן. קיין פייער זעט מען שוין נישט. אַ שוואַרצער רויך, וואָס ווערט אַלץ מאָגע־
רער און שיטערער, שפרייט זיך נאָך ווי נישט ווי פון אונטער־
דעק.

דער גאַנצער אונטערדעק איז, אַפּנים, פאַרגאָסן מיט וואַ־
סער. די ברעטער פון דעק זענען אָבער נאָך גוט הייס. מען באַגיסט זיי עפּעטער מיט וואַסער, און עס ווירקט: זיי קילן בים־
לעכווייז אָפּ.

עס ווערט עפּעס פרייַלעכער אויף דער נשמה.

מיט דער שריפה האָבן מיר דאָך פאַרענדיקט.

אפשר וועלן מיר פאָרט קומען צו אַ ברעג?

איצט שטייט די פראַגע וועגן דעם, ווי אַזוי מען פּאָמפּעט אויס דאָס וואַסער פון אונטערדעק. קורטיס מיינט, אַז מען דאַרף זיך נאָך אָפּהאַלטן מיטן אויספּאָמפּען דאָס וואַסער. קוים איז נאָך דאָ אַ פונק פייער, מוז מען נאָך אָפּוואַרטן.

מאַנכע האַלטן, אַז איצט איז די ריכטיקע צייט צו פאַר־
לאָזן די שיף און זיך אַריבערפעקלען אויפן קליינטשקן אינדזעלע. דאָרט האָט מען, לפּחות, אַ זיכערן באָדן ׳אונטער די פיס.

ראָבערט קורטיס איז קעגן דעם. דער לייטענאַנט מיטן באָצמאַן האַלטן מיט קורטיסן. זיי זאָגן, אַז אויפן שיף איז זיכע־
רער, ווי אויפן פעלזיקן אינדזעלע. די פראַגע וועגן אויפרייס קען שוין אינגאַנצן נישט גענומען ווערן אין אַכט.

רעביס פראַכט האָט געמוזט פאַרטרונקען ווערן, און אַ פאַרטרונקענער, פאַרלירט ער זיין אויפרייס־כּוח. דער פּיקאַרט קען שוין מער נישט אָפּשרעקן.

עס איז געבליבן בהסכם כולם, מען זאָל פאַרבלייבן אויפן „שאַנסעלאָר״.

דערווייל גייט אַן ענערגישע אַרבעט אויפן שיפדעק. מען ברענגט אין אָרדענונג דעם פּראָוויאַנט. מען זוכט סגולות צו אונדזער שווער לעבן, מען מאַכט זיך באַקוועמלעכער. אינעם הינטערשטן טייל פון דער שיף מאַכט מען לייטישערע ערטער צום שלאָפן. צוויי מאַטראַזן ווערן אָפּגעגעבן אין רשות פון אונדזערע דאַמען, וואָס זענען אומבאַהאָלפן און שרעקעוודיק, ווי קינדער, באַזונדערס פרוי קיר, וואָס וואָלט געוואָלט, אַז די גאַנצע שיפקאָמאַנדע זאָל זי טאָג און נאַכט באַוואַכן און באַדינען.

דער אַלטער לעטורנער האַלט זיך נאָך גאַנץ פעסט. דער זען, ווי די שיפקאָמאַנדע קומט אַלץ מער און מער אין באַוועגונג און נעמט זיך צו ערנסטער שיפאַרבעט, זאָגט ער צו מיר:

„מיט אונדז איז געשען אַ גרויס אומגליק אויף דער שיף. אָבער מיר האָבן דאָ געבוג מוטיקע מענטשן. וועגן קורטיסן איז דאָך אָפּגערעדט. עס געפעלט מיר זייער דער לייטענאַנט, דער באָצמאַן. דער טשעסלער דאָולאַס... דאָס זענען ממש געקליבענע יונגען, איינער אין איינעם! מיט זיי פיל איך מיך רויק. איך גלויב, אַז זיי וועלן אונדז סוף־כל־סוף אַרויסשלעפּן פונם דאָזיקן אומגליק!...״

עס איז אָנגעגאַנגען צו הערן, ווי מען קלאַפּט מיט האַמערס, מען ציט אָן די שטריק, מען ברענגט אין אָרדענונג די רעזערוועגלען, מען מאַכט צו רעכט דעם שיפדעק.

אַלע אַרבעטן, און די אַרבעט שטאַרקט דעם מוט.

דער ים הייבט זיך אויף. עס איז ערשט עלף אַ זייגער. דאָס וואַסער אין אונטערדעק שטייגט. די פּעק באַוול ווייקן זיך

אין וואַסער, און מיר פרייען זיך. עס איז אונדז העכסט אַנגע־נעם, וואָס אַזאַ געפערלעכער שונא, ווי דאָס פייער, וואָס האָט אונדז פאַרשאַפט אַזויפיל פיינלעכע פחדים און יסורים, איז סוף־כל־סוף באַזיגט געוואָרן.

ביסלעכווייז פאַרשווינדן אונטערן וואַסער די פעלזן אַרום אונדז. דער ים צעשפרייט זיך אין זיין גאַנצער דהויך און ברייט.

אויפן פאַרכמאַרעטן הימל רייסט זיך אַרויס די זון. צו־זאַמען מיטן ים שטאַרקט זיך אויך דאָס ליכט פון טאָג.

צו האַלבן טאָג מאַכט קורטיס זיינע באַאָבאַכטונגען און אויסרעכענונגען. ער איז שטאַרק באַשעפטיקט מיט אינסטרומענטן, בלייפעדער און פאַפיר. שפעטער קומט ער צו צו אונדז און זאָגט:

„מיר זענען געבליבן שטיין אויף דעם אַכצעטן גראַד פון דער צפון־ברייט און אויפן פינפאונפערציקטן גראַד פון דער מערב־לייננ. דאָס זענען, מיינע הערן, קלאָרע ווערטער און אַ קלאָרער חשבון.“

ראָבערט קורטיס וויל פון קיינעם נישט פאַרבאָרגן די אמתע לאַגע, אין וועלכער מיר געפינען זיך. זאָל יעדער, הייסט עס, וויסן, וואָס אים דראָט און וואָס עס שטייט אים פאָר. ער האָט נישט קיין סודות. ער איז אָפנהאַרציק און פשוט. אָט אַזוי איז עס און ביי דעם האַלטן מיר.

דער „שאַנסעלאָר“ איז, אַלזוי, פאַראומגליקט געוואָרן אויפן 18°5′ פון דער צפון־ברייט און אויפן 45°53 פון דער מערב־לייננ. ער האָט זיך אָנגעשלאָגן אויף אַ ריף, וואָס איז נישט באַצייכנט אויף די ים־קאַרטעס.

עס פרעגט זיך נאָר, ווי אַזוי האָט מען עס ביז אַהער

נישט געוווסט, אַז אין דעמדאָזיקן טייל פון אַטלאַנטישן אָקעאַן געפינען זיך אַזעלכע געפערלעכע ריפן, וואָס שטעלן אין גרויסע סכנות דעם גאַנג פון די שיפן? איך מיין, אַז דאָס מוז זיין אַ ניי אינדזעלע, וואָס האַלט זיך אין שאַפן דורכן וואולקאַנישן אויפהייבן זיך פונם ים-גרונט.

לויט קורטיסעס חשבונות זענען מיר חייט פון יבשה אויף גאַנצע אַכטהונדערט מייל...

עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז די חשבונות שמעקן אונדז נישט זייער. עס ווערט גוט זויער אויפן האַרצן, ווען מען באַרעכנט, אַז דער „שאַנסעלאָר", וואָס איז ערשט נישט לאַנג געווען אַ שיינע שטאַרקע שיף, איז היינט נישט מער, ווי אַ צעלעכערט שטעלכל און יעדע כוואַליע איז בכוח אים אַראָפצוזעצן אויפן גרונט פון ים.

ראָבערט קורטיס איז אָבער פול מיט האָפענונג און ער אַרבעט פאַר אונדז אַלעמען. דער מענטש ווייס נישט פון מנוחה, ווי ער ווייס נישט פון מרה-שחורה און דערשלאָגנקייט.

זיין פלאַן איז איינפאַך ביז גאָר: פאַרלעשן אינגאַנצן די שריפה, אַרויסשליידערן אין ים אַריין דעם גאַנצן פראַכט צוזאַמען מיטן פאַרשאָלטענעם פיקאַרט, פאַרקלאַפן און פאַרקלעפן אַלע שפּאַלטן און לעכער פון אונטערדעק און ביי דעם ערשטן בעסטן צופלוס פאַרלאָזן דעם גאַסטפריינטלעכן פעלז.

קורטיס האָט געזאָגט:

„דאָס איז אַ פלאַן אָן פאַנטאַזיעס און אָן חידושים. ער לאָזט זיך אויספירן. לאָמיר נאָר זיין פעסט ביי זיך און נישט פאַרצווייפלען. איך האָב פיינט פאַרצווייפלער און מרה-שחורהניקעס!..."

ער איז געוועזן, קורטיס. דאָס זענען גאָלדענע ווער-טער, וואָס יעדער איינער באַדאַרף זיי תמיד געדענקען.

XVII

30 אָקטאָבער.

איך שמועס מיט לעטורנערן. איך זאָג:

„מיר וועלן מסתמא לאַנג נישט זיצן אויפן פעלז, הער לעטורנער. עס ווערט בעסער, ווי מיינט איר?“

דער אַלטער לעטורנער איז אָבער נישט אַזוי אָפּטימיס-טיש געשטימט, ווי איך. ער זאָגט:

„די קאָמאַנדע איז בלי שום ספק אַ גוטע. איך זע מענטשן מיט מוט, מיט ענערגיע, מיט גייסט... אָבער די לאַגע, מיין ליבער,—די לאַגע איז אַ ביטערע... גאָט ווייס, ווי לאַנג מיר וועלן דאָ נאָך זיצן אויפן שטיין... איר זעט ווייסע פאַרבן, איך זע שוואַרצע, בלויז שוואַרצע...

„איך בין מיט אייך נישט מסכים, הער לעטורנער,“ — האָב איך געזאָגט.—מיר וואַרפן גרויס אין ים אַריין אַ גרויסן טייל פונם פראַכט, די שיף הייבט זיך אויף און מיר לאָזן זיך אַוועק אין וועג...“

דער אַלטער לעטורנער שמייכלט.

„ביי אייך זעט עס שוין אויס אַ ביסל צו גלאַטיק, הער קאַזאַלאָן. יאָ, אַרויסוואַרפן פעק מיט באַוול איז אפילו נישט פון די גרויסע זאַכן, אָבער איך פרעג אייך, ווי ווייט ברענגט מען בכלל אַריין אין אונטערדעק? דערווייל איז עס

אוממעגלעך, לויט מיין מיינונג. די מאַטראַזן וועלן דאָרטן דער־שטיקט ווערן. מען וועט נאָך מוזן איבערוואַרטן גוטע עטלעכע טעג. דאָס פייער איז נאָך אינגאַנצן נישט אויסגעלאָשן גע־וואָרן. אויב מען לאָזט זיך אַוועק אין וועג אַריין, מוז מען האָבן נישט בלויז אָן אויסגעלאָשן פייער, אָן איין פונק אפילו, נאָר דער אונטערדעק באַדאַרף אינגאַנצן באַפרייט ווערן פון וואַ־סער. דידאָזיקע צוויי סטיכיעס מוזן פאַרלירן זייער שליטה איבער אונדז. איך וועל אייך זאָגן די וואָרהייט, אַז איך וועל מיך האַלטן פאַר גליקלעך, ווען מיר וועלן זיך קענען לאָזן אין וועג אַריין, ערשט אין אַ וואָך אַרום! גאָט אין הימל, איך זע אַזויפיל שווערע מניעות! דער געדאַנק בלאָנדזשעט אַרום צווישן זיי און קען מיך נישט באַרויקן...״

ער האָט מיך אָנגענומען ביי דער האַנט און האָט שטיל צוגעגעבן:

„דער „שאַנסעלאָר״ איז איצט נישט קיין שיף, נאָר אַ צעברעכטער און צעלעכערטער זאַק... די כוואַליעס קענען אים פשוט באַגראָבן אונטער זיך. וואָס טויג דערדאָזיקער זאַק אין אָפענעם ים? דער ערשטער שטורעם וועט אים אומוואַרפן, ווי אַ שפענדל...״

אויסגעהערט דידאָזיקע טרויעריקע ווערטער, וואָס זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן שטיל און מיט איבערצייגונג, האָב איך אים אַ פרעג געטאָן:

„הער לעטורנער, איר האַלט שטאַרק פון קורטיסן?״

„שטאַרק!״—האָט ער באַלד געענטפערט.—„ווען נישט דער־דאָזיקער מענטש, וואָלטן אונדזערע ביינער שוין לאַנג געלעגן אויפן גרונט פון ים. אויב דער ערשטער קאַפּיטאַן האָט אונדז געקענט אומברענגען, וועט אונדז אפשר דער צווייטער מציל

זיין. אפשר... אָבער איך האַלט שטאַרק פון אים!"

קורטיס האַלט, אַז איצט, ביי דעם מאָמענט, איז שווער צו באַשטימען, ווי לאַנג מיר וועלן דאָ מוזן שטיין. אַלץ איז אָפּהענגיק פון אויסערלעכע אומשטענדן. אַ גוט גימנסטיק וועטער קען אונדז שטאַרק פאַרלייכטערן די לאַגע. דער באַראָמעטער הייבט זיך אפילו כסדר, און דאָס איז אַ זיכערער סימן, אַז מיר וועלן האָבן אַ שטיל וועטער אָן אַטמאָספערישע וואקלונגען.

די מאַטראָזן אַרבעטן אָן אויפהער. דער גאַנצער פראַכט וועט מסתמא גיין לאיבוד. איך ווייס נישט, צי מען וועט קענען עפּעס אַרויסראַטעווען פון די 1,700 פעק באַוול. אַזוי ווי אַלע אַרבעטן, האָבן מיר, עטלעכע פּאַסאַזשירן, זיך אויך אָנגעבעטן, מען זאָל אונדז צוציען צו דער אַרבעט. קורטיס האָט אָבער געזאָגט, אַז דערוויל נייטיקט מען זיך נישט אין אונדז.

„זעט איר, אַז מען וועט באַדאַרפן", — האָט ער געשמייכלט, — „וועלן מיר אייך שלעפּן צו שיפאַרבעט און וועלן אייך באַהאַנדלען, ווי מאַטראָזן..."

נעמט מען אונדז נישט צו שיפאַרבעט, טוען מיר עפּעס אַנדערש: די לעטורנערס שליגגען כסדר ביכער, איך שרייב מיינע באַטיצלעך אין טאָגבוך, פאַלסטען שוויצט איבער זיינע אינזשינערישע חשבונות און פאַרשידענע פּלענער פון מאַשינעס.

דאָס פּאָרל קיר, וואָס איז איצט ברוגז אויף דער גאַנצער וועלט, האַלט זיך באַזונדער און אָפּגעזונדערט פון אַלץ און אַלעם. איך ווייס נישט, וואָס פאַר אַ שלעכטס האָבן מיר, פּאַסאַזשירן, זיי געטאָן, וואָס זיי ווילן אפילו מיט אונדז נישט רעדן. מילא, דאָס קרענקט מיר, דעם אמת געזאָגט, זייער ווייניק. אָבער

עס פאַרדריסט מיר שטאַרק, וואָס זיי האָבן אויך די ליבע צאַר־טע מיס גערביי אָפּגעזונדערט פון אונדז.

פאַר אונדז, מאַנסלייט, וואָס וואַלגערן זיך אַרום אין ים, איז מיס גערביי אַ שטראַל לבנה־ליכט, אַ זיסער קלאַנג, אַן ערינערונג פון אַ רויז...

און אָט די עוולה קען איך דעם ליבהאַרציקן פאָרל קיר נישט מוחל זיין!...

קאַפּיטאַן הענטלי שווייגט. ער זיצט דאָס רוב אין אַ ווינקל און שווייגט. דער ים־מענטש, דאָס קאַפּיטאַנישע דהאָט לגמרי איינגעדרעמלט אין אים, פונקט ווי ער וואָלט קיינמאָל נישט געהאַט צו טאָן מיטן ים.

האָבאַר, דער בופעט־אויפזעער, אַ מענטש, אַ בייזער, אַ כעסן און אַ קריגער, האָט זיך ערשט רעכט גענומען פאַר זיין אַרבעט: מיר האָבן גאָר קיינמאָל נישט געהאַט אַזאַ גוטן בופעט־אויפזעער, ווי היינט.

ער סטאַרעט זיך, אַז אַלע זאָלן האָבן גלייכע פּאָרציעס צום עסן. קיינער טאָר אין אַזאַ מאָמענט נישט באַוועלט ווערן.

פויל איז נאָר דער נעגער, אונדזער קיכער, וואָס פאַר־געסט עפּעטער אין זיינע פליכטן און ווערט דעריבער שטאַרק גע־זידלט פון האָבאַרן...

אַז האָבאַר איז געוואָרן אַ מענטש, וויל ער, נאַטירלעך, אַז אַלע זאָלן דאָס זיין אָדער ווערן...

ביי אונדז איז אַרויסגעשווומען אַ נייער פּלאַן: מיר ווילן מאַכן אַ קליינינקע עקסקורסיע אויפן אינדזעלע... ציט איז איז דאָ געננג. מען וועט אַ ביסעלע פאַרגעסן אין די שווערע טעג.

אין דער עקסקורסיע באַטייליקן זיך בלויז דריי מענטשן: די לעטורנערס און איך.

דעם 31-טן אָקטאָבער האָבן מיר פאַרלאָזט דעם טרויע-ריקן, ארומגעברענטן און אומגליקלעכן „שאַנסעלאָר‟. מיט דער הילף פון אַ מאַטראָז זענען מיר אַוועקגעשווומען מיטן וועלבאָט צום אינדזעלע.

אַך, ווי עס איז גוט זיך צו באַוועגן, צו גיין פאָרויס, צו האָבן אַ באַשטימטן תּכלית פאַר די אויגן!

כאָטש אַ קלייניטשקער תּכלית, אַבי אַ תּכלית און אַבי פאַר די אויגן...

XVIII

31 אָקטאָבער.

מיטן וועלבאָט זענען מיר אַרומגעפאָרן דאָס פעלזיקע אינד-זעלע. לאַנג איז עס ביי אַ פערטל מייל, און, ווי עס שיינט, איז זיין אָפּשטאַמונג אַ ריין ווולקאַנישע. ער באַשטייט אינגאַנצן פון רעגלמעסיק אויסגעלייגטע שטיקער באַזאַלט.

דער ים אַרום אים איז דורכזיכטיק, קלאָר, און מען קען דייטלעך זען דעם פונדאַמענט פון דעמדאָזיקן אויסטערלישן אונטערוואַסערדיקן בנין, וואָס באַשטייט פון אָריגינעלע פריזמאַ-טישע איינצלנע געביידעס.

דער אַלטער לעטורנער האָט באַמערקט:

„וואָס פאַר חנעוודיק אינדזעלע. איך קען מיך ווענדן, אַז דאָס אינדזעלע איז נישט לאַנג אויפגעקומען.‟

„וואָס קען איך האָבן פון אַזאַ מין געוועט,״—האָט אַנדרע געזאָגט,—אַז איך בין מסכים מיט דיר? אַזוינע אויפגעקומענע אינדזעלעך קען מען זען אויף דער אינדזל דזשוליע ביי די ברעגן פון סיציליע און אין דער גרופּע פון די סאַנטוראַנישע אינדזלען. אָט דאָס אינדזעלע איז, קענטיק, אויפגעקומען צוליב אונדז, עס זאָל אונדז קענען דינען פאַר אַ סטאַציע, בשעת די פלאַמען האָבן אַרומגעכאַפּט דעם אָרעמען „שאַנסעלאָר״.

„איך בין זיכער,״—האָב איך געזאָגט,—„אַז דער אונטער-ערדישער שטויס, פון וועלכע עס איז געבוירן געוואָרן דאָס אינדזעלע, איז ערשט נישט לאַנג געשען... דאָס אינדזעלע איז דאָך אַפילו נישט אָנגעצייכנט געוואָרן אויף די נייע ים-קאַר-טעס. עס איז דאָך בשום אופן נישט אָנצונעמען, אַז מען האָט עס ביז אַהער נישט באַמערקט אין אַזאַ באַקאַנטן און עפּטער באַזוכטן טייל פון אָקעאַן. דאָס איז אייגנטלעך נאָך אַן עופּע-לע-אינדזעלע, אַ קינד-אינדזעלע, וואָס דאַרף נאָך ליגן אין די וויקעלעך... אָבער עס וועט זיך, קענטיק, אויסהאָדעווען אַן אַ טאַטן און אָן אַ מאַמען...״

דער יונגער לעטורנער האָט זיך צעלאַכט און גע-זאָגט:

„ניין, הער קאַזאַלאָן, עס קען אויך אַזוי שנעל פאַרשווינדן, ווי עס איז אויפגעקומען. מאַנכע וולקאַנישע אינדזעלעך שטאַרבן זייער יונג. זיי זענען, ווי מען זאָגט, אויף קורצע יאָר... און איידער די געאָגראַפן קלייבן זיך אויס אַרויפצונעמען זיי אויף דער קאַרטע, פאַרשווינדן זיי שוין לאַנג אונטערן וואַסער און לאָזן נישט איבער קיין זכר נאָך זיך. די געאָגראַפן בלייבן מיט אַ נאָז, און פאַרצייכענען אַזוינע אינדזעלעך, וואָס האָבן שוין לאַנג אויסגעהויכט זייער נשמה...״

„איך האַלט עס גאָרנישט פאַר אַ פעלער," — האָט דער אַלטער ערנסט באַמערקט. — „בעסער אַן אָנגעצייכנט אינדזעלע, וואָס עקזיסטירט שוין לאַנג נישט, איידער אַן עקזיסטירנדיק אינדזעלע, וואָס איז נישט אָנגעצייכנט געוואָרן אויף דער קאַר־טע. פאַרן שיפפאַרקער איז עס בעסער און זיכערער. מיר האָבן דאָ געקענט באַצאָלן מיטן לעבן און גליקלעך אָפּגעשניטן האָבן מיר בלויז צופעליק. ווען דער „שאַנסעלאָר", אַ שטייגער, גייט נישט איינגעהילט אין פלאַמען, נאָר ער גייט מיט זיינע אַלטע, געזונטע כוחות, וואָלט ער דאָ זיכער צעשמעטערט גע־וואָרן. איך מיין, אַז די ים־לייט וועלן זיכער נישט האָבן קיין טענות, ווען זיי וועלן נישט געפינען קיין קליינינטשקע פעלזיקע אינדזעלעך דאָרט, וווּ מיר האָבן שיער נישט צוגעמאַכט אויף אייביק די אויגן..."

אַנדרע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

„טאַטע, ביזט גערעכט," — האָט ער געזאָגט. — „אָט דאָס אינדזעלע, מיין איך, וועט אויך נישט לאַנג עקזיסטירן. עס איז אים מסתמא באַשערט אַ קוק צו טאָן אויפן הימל, אויפן ים און פאַרשווינדן... אויב אַזוי, וואָלט איך געוואָלט, אַז ס'אינדזעלע זאָל עס מאַכן אַ ביסל פריער, נאָך איידער קורטיס וועט זיך ריירן אין וועג אַריין... אַראָפּזעצן די שיף פון פעלז איז נישט קיין שפּילכל. דאָס איז אַ גרויסע און פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט און נישט אַלעמאָל געלינגט זי..."

דריי מענטשן, אַראָפּגענומענע פון „שאַנסעלאָר" האָבן גע־מיטלעך געשמועסט. מען האָט פאַרגעסן דאָס איבערגעלעבטע די פחדים און יסורים און מען האָט רויק פאַרבראַכט.

אַ מענטש איז שוין אַזוי געבויט, אַז ווי נאָר עס ווערט אים לייכטער, פאַרגעסט ער אין גאַנצן, און ס'איז גוט אַזוי. מען

קען נישט לעבן מיט שלעכטע זכרונות, מיט ביטערע טעג, וואָס שלעפּן זיך נאָך אין זכרון, ווי שווערע קייטן.

זאָל פאַרגעסן ווערן דאָס שלעכטע, אָבער דאָס גוטע זאָל תּמיד לייכטן אין האַרצן!

פּאַוואָליע האָבן מיר אויסגעפּאָרשט דאָס אינדזעלע און צום הונדערטסטן מאָל האָבן מיר זיך איבערצייגט, אַז עס איז טאַקע נאָר וואָס אויפגעקומען. קיין שום פלאַנץ, קיין שום גרעזל איז אויף אים נישט געווען צו זען. מיר האָבן אויך נישט געפונען אויף אים קיין שום מושלען אָדער ים־צמחים, אַרויסגעוואָרפן פון די כוואַליעס.

וועגן חיות אָדער עופות איז דאָך אַוודאי נישטאָ וואָס צו רעדן. דער ווינט האָט נאָך אַהער נישט פאַרטראָגן קיין איין זוימענדל, קיין איין קערנדל און קיין שום פייגל האָט דאָ נאָך זיין נעסט נישט געבויט.

אַ זאַאָלאָג וואָלט דאָ, נאַטירלעך, נישט געהאַט וואָס צו טאָן, דערפאַר אָבער וואָלט דאָ אַ געאָלאָג געמעגט פאַרברענגען אַ לייגגערע צייט. ער וואָלט דאָ געהאַט גענוג, וואָס צו פאָרשן און צו לערנען אויף די באַזאַלטישע שיכטן, וואָס דערציילן אַזוי דייטלעך פון וואולקאַנישן שטויס...

מיר זענען אַרויף אויפן אינדזעלע.

אַנדרע האָט, לאַכנדיק, באַמערקט:

„אויב דאָס אינדזעלע מוז פאַרשווינדן, וועט עס מיטנעמען אין זכרון דעם אויסטערלישן וויזיט פון דריי מענטשן... צי וועלן נאָך אַמאָל אויך אַנדערע מענטשן אַרויפטרעטן אויף אים? מיר זענען די ערשטע, אָבער צי זענען מיר די לעצטע — דאָס איז אַ פראַגע, וואָס קען פאַרענטפערט ווערן אין אַ צייט אַרום...‟

און מיט דידאָזיקע ווערטער האָט ער זיך אָויעקגעזעצט

אויף אַ שטיין, אַרויסגענומען פּאַפּיר און בלייפעדער פון קעשע־בע און אָנגעהייבן פאַרצייכענען די קאָנטורן פון ביי־געבוירענעם אינדזעלע.

עס איז אַ ריינער הימל, אַ קלאָרער טאָג. מיר זיצן רויק אויפן אינדזעלע. פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס מיר שלעפּן זיך אַזוי אומגעלומפּערט און אַזוי אומגליקלעך אויפן ים, שפּירן מיר איצט צום ערשטן מאָל פעסטן באָדן אונטער די פיס.

און פון דעם באַוווסטזיין, אַז דו געפינסט זיך אויף פעסטן זיכערן באָדן, ווו מען נייטיקט זיך נישט אין אַזוינע קאַפּיטאַ־נעס, ווי ד־העגטלי און חו עס איז נישטאָ קיין אונטערדעק מיט פּיקאַרט און רעבים, צעגיסט זיך אַ זיסער תענוג איבער אַלע גלידער.

ל־לעבן זאָל די זיכערע ערד, די גוטע מוטערלעכע יבשה!

„הער קאַזאַלאָן,“ — זאָגט דער אַלטער לעטורנער,—„אַז מען וואַקלט זיך וואָכנלאַנג מיט אַן אָרעמער שיף אויפן ים, איז נישט שלעכט, ווען די פיס דערשפּירן אונטער זיך יבשה, מיר זענען, טייערער, יבשה־באַשעפעניש. אמת, איך האָב ליב דעם ים, טיילמאָל אַפילו זיין שטורעם, אָבער מיין היים, מיין מנוחה איז דאָך די יבשה!... ווען איך וואָלט איצט געווען, אַ שטייגער, אַ יונג פאַרהלומט מיידעלע, וואָלט איך נאַיוו און חנעוודיק געזאָגט: „זאָל דאָסדאָזיקע אינדזעלע באַקומען פליגלען און זאָל עס אונדז אַוועקטראָגן אַהיים...“ מיר ווילן אַהיים, מיר זענען אויסגעמוטשעט און אויסגעמאַטערט און איבערגע־שראָקן...“

„נו, מיר וועלן קומען אַהיים אויך,“—האָב איך געזאָגט.— „נישט געדאַגהט און נישט געזאָרגט. אין לעבן געשיט אַלץ. אָבער

עפּיזאָדנוויז... און בין זיכער, אַז באַכאַמאָל וועלן מיר שוין נישט איבערלעבן עטוואָס אַזוינס. און דעריבער מוזן מיר ווייטער זאָגן דאָס אייגענע: לאָמיר זיך האַלטן פעסט און באין אופן נישט פאַרלירן די האָפענונג. איך גלויב דאָך אין די גוטע כוחות פון מענטשן. פונדאַנען וועלן מיר אַרויסקריכן..."

דער אַלטער האָט מילד געשמייכלט.

יאָ, יאָ, הלוואי!..."—האָט ער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

דאָס אינדזעלע האָט מסתמא דאָס ערשטע מאָל אין לעבן געהערט מענטשלעכע ווערטער.

אַנדרע האָט געענדיקט זיין צייכנונג. מיר האָבן זיך פאַוואָליע אַראָפּגעלאָזט פון אינדזעלע מיט אַן אַנדער וועג, דורך זיין מערב-טייל.

פאַר אונדזערע אויגן האָט זיך פּלוצלונג אַנטפּלעקט אַ הערלעכער גראָט, ענלעך מיטן בוי צו די גראָטן אויף די העברידישע אינדזלען און באַזונדערס אויף דער אינדזל סטאַף.

די לעטורנערס האָבן אפילו געזען דעם פינגאַל-גראָט. און דער יונגער לעטורנער טענהט, אַז דאָס איז דער אייגענער גראָט, ליניע אין ליניע, נאָר אַ קלענערער.

„מען האָט אים אַוודאי איבערגעטראָגן אַהער," — שפּאַסט ער.

דיזעלבע געוועלבונג פון שוואַרצע שטיינער-באַלקעס, באַדעקט אין די קרייצפּונקטן מיט עפּעס אַ געלער מאַסע; די-זעלבע פיינע אויסגעשליפטע קאַנטן און ווינקלען, וואָס אַ געניטע סקולפּטאָרישע האַנט וועט עס קיינמאָל נישט מאַכן און דערזעלבער געהיימער געוויש פון ווינט, וואָס פאַלט אַזוי מע-

לאַדיש אויפֿן קלינגענדיקן באַזאַלט. וועגן דעמדאָזיקן געריוש האָבן די פּאַרצייטיקע גאַלן געזאָגט, אַז ער שטאַמט פֿון די אומבאַמערקטע געשטאַלטן־שאַטנס, וואָס שפּילן אויף זיסע האַר־פּעס.

דערדאָזיקער גראָט צייכנט זיך נאָך אויס באַזונדערס דער־מיט, וואָס ער איז, אַזוי צו זאָגן, אַ טרוקענער גראָט. וואַסער באַקומט ער נאָר אין דער צייט פֿון צופֿלוס. זיין עלטערער ברודער אָבער, וואָס געפֿינט זיך אויף דער אינדזל סטאַפֿ, איז כּמעט שטענדיק האַלב אָנגעפּילט מיט וואַסער.

אַנדרע האָט זיך, ווי זיין טבע איז, שטאַרק אַנט־ציקט.

„דער גראָט אויף דער אינדזל סטאַפֿ,“ — האָט ער גע־זאָגט, — „איז ענלעך צו אַ גאָטישער קאַטעדראַלע און דער, ווי־דער, איז ענלעך צו אַ קליין קירכעלע לעבן דערדאָזיקער קאַ־טעדראַלע... אָבער ווער וועמען וואָלט עס גאָר געקענט איינפֿאַלן, אַז אויף אַזאַ פֿאַרוואָרפֿן אומבאַקאַנטן פֿעלזיקן אינדזעלע וואַלגערט זיך אַן אוצר: אַן עכט קונסטווערק...

אָפּגערוט ביי אַ שעה צייט אין דעמדאָזיקן הערלעכן גראָ־טעלע, זענען מיר אַוועק צו אונדזער שיפּל און פֿון שיפּל זע־נען מיר אַרויף צוריק אויפֿן „שאַנסעלאָר“.

ראָבערט קורטיס האָט באַקומען אַ קופּע אינפֿאָרמאַציעס פֿון אונדז. דאָס אינדזעלע איז באַלד פֿאָפּולער געוואָרן אויפֿן שיף. עס האָט זיך אָנגעהייבן אַ סדרה מיט עקסקורסיעס. דער עולם האָט געמאַכט אַ שפּאַציר אויפֿן אינדזעלע. דאָס איז גע־ווען אונדזער איינציקער תּענוג.

קורטיס, פֿאַלסטען, דער לייטענאַנט, דער באָצמאַן, די

זאטראָזן — אַלע האָבן געמאַכט עקסקורסיעס אויפן אינדזע־לע.

מיסטער קיר, אַן אָנגעברוגזטער און אַן אָנגעבלאָזטער, האָט גאָרנישט געוואָלט הערן פון אונדזער נייעם תּענוג. ער איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ פאַרשלאָסענעם מויל און מיט גרויסע, נישט אַרויסגעזאָגטע טענות און פּרעטענזיעס צו דער גאַנצער וועלט.

זיין איבערגעזעטיקטע פרוי האָט שוין אפילו יאָ געוואָלט מאַכן מיט אונדז אַ קליינע נסיעה צום אינדזעלע,—צופיל האָט זי שוין געגעגעצט אויפן צרהדיקן „שאַנסעלאָר". דאָס פייניקן, ווידער, אָן אַן אויפהער די יונגע גערביי האָט שוין אויך פאַרלאָרן זיין שאַרפקייט און רייץ. אָבער זי האָט זיך אינמיטן באַדאַכט, אַז אַזאַ מין נסיעה איז פאַרבונדן מיט געפאַר: מען קען נאָך, חלילה, דערטרונקען ווערן אָדער אויסברעכן אַ פּוס, און זי האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דעמדאָזיקן תּענוג...

דערפאַר האָט זיך מיס גערביי שטאַרק דערפרייט, ווען הער לעטורנער האָט איר פאָרגעלייגט, זי זאָל מיטפאָרן מיט אים צום אינדזעלע. זי איז אייגנטלעך נישט אַזוי אויסן געווען די נסיעה, ווי דאָס ביסעלע פרייהייט, וואָס די נסיעה וועט איר געבן: כאָטש נישט זען פאַר די אויגן ביי אַ פּאָר שעה צייט די העסלעכע קיר, וואָס איז איר דערגאַנגען די יאָרן.

די מיליאָנערין האָט איר אָבער פאַרבאָטן צו פאָרן. איך האָב מיך באַלד אָנגעצונדן און האָב מיך נישט געבעטענערהייט אַריינגעמישט. איך האָב געזאָגט, אַז דאָס איז זייער איינגהאַרציק פון איר זייט. די איבערגעזעטיקטע פרוי האָט זיך אָבער נישט איבערגעשראָקן פאַר מיר און האָט געטענהט דאָס איריקע. אַז זי וועט איר נישט לאָזן פאָרן.

האָט זיך שוין אויך אַריינגעמישט קורטיס, דער לייטע־נאַנט, פאַלסטען. עס האָט איר שוין נישט געפּאַסט און זי האָט קוים מיט צרות נאָכגעגעבן.

און אַז מיס גערביי האָט זיך איינמאָל נאָר אַרויסגעריסן, איז עס שוין לייכטער צוגעגאַנגען מיט אַ צווייטן מאָל און אַ דריטן מאָל.

די גאַנצע נסיעה האָט באַקומען גאָר אַן אַנדער רייץ, ווען מיס גערביי האָט זיך געפונען אין אונדזער קאָמפּאַניע. דאָס מיידל האָט אַריינגעגאָסן פריילעך ליכט אין אונדזערע הער־צער...

מען האָט זיך געמיטלעך געוויצלט, געשפּאַסט, גע־לאַכט.

דער גאַנצער ים איז פאַרגאָסן געוואָרן מיט פריילעכן ליכט.

זי האָט אונדז דערמאַנט אין אַ שיינעם פייגל, וואָס האָט זיך פּלוצלונג אַרויסגעריסן פון אַן אייגגן שטייג. איר געלעכטער האָט זיך פריי געגאָסן איבער די אומענדלעכע ברייטקייטן פון ים און האָט אונדז אויך אָנגעשמעקט. איר שפּרונג האָט אונדז באַוועגט צו שפּרינגען.

מיר האָבן געשפּאַצירט איבער דעם קליינעם אינדזעלע, זיך געקוויקט מיטן גראָט, מיט די ווייטע האָריזאָנטן, מיטן הויכן בלויען הימל. עפּעס האָבן מיר געכאַפּט פיש, געפּראַ־ווּעט אַ באַשיידן, אָבער אַ פריילעך מאָלצייטל אויפן האַרטן שטיין, אין אַ מיטן ים און בעת מעשה געשאָטן וויצן נאָך וויצן. קעגן דעם שמאָלן אַרומגעברענטן דעק פון „שאַנסעלאָר" האָט דאָס אינדזעלע אויסגעזען, ווי אַ רחבותדיק פעלד, וווּ מען האָט געקענט לאָזן פאַנאַנדערגיין די פיס.

דאָס אינדזעלע איז אונדז מיטאמאָל טייער געוואָרן, ווי אַן אייגנס, וואָס איז פון אונדז פיינלעך אויסגעפונען געוואָרן און וואָס קען קיינעם נישט געהערן. מיר זענען אַרומגעקראָכן און אַרומגעקלעטערט איבער אַלע זיינע שטיינער, לעכער און שפּאַלטן, און האָבן עס אַזוי גוט געקענט, ווי מען קען דעם אייגענעם שרייבטיש ביי זיך אין קאַבינעט.

וויפיל לידער זענען דאָ אויסגעזונגען געוואָרן פון אונדז, וויפיל געלעכטערס האָבן דאָ געהערט שטיין און ים.

אין מיין זכרון שטייט איצט אויף דאָס אינדזעלע, ווי אַ ליכטיק ווינקענדיק פינטעלע אין אַ שווארצער נאַכט...

אנדרע האָט געזאָגט, אַז די אינדזל סטאַף געהערט צו דער פאַמיליע מאַק-דאָנאַלד, וואָס האַלט זי אין ארענדע פאַר צוועלף פונט סטערלינג אַ יאָר.

מיס גערביי האָט, לאַכנדיק, געפרעגט:

„ווי זענט איר אייך משער, וואָלט מען אונדז געגעבן אַ האַלבן קראָן פאַר דער ארענדע פון אונדזער ליבן אינדזעלע?“

„קיין האַלבן פּעני אויך נישט, מיס,“ — האָב איך גע-שפּאַסט.

„לאָז איך עס נישט פאַרקויפן, ניין!..“—האָט זי קאַטע-גאָריש דערקלערט.

„פאַרוואָס?“,—האָב איך געפרעגט.—„אויב מען זאָל אונדז אנבאָטן אַ רעכטע מטבע, וואָלט זיך אפשר געלוינט עס אָפּצו-געבן אין ארענדע...“

„ניין! ניין!“—האָט דאָס מיידל זיך איינגעשפּאַרט.

„אָבער פאַרוואָס נישט?“—האָב איך זי נישט פאַרשטאַנען.

מיס גערביי האָט זיך פאַרטראַכט.

„אָך!“—האָט זי זיך מיטאָמאָל אַ כאַפּ געטאָן און זיך

אויפגעשטעלט, אַ שלאַנקע און אַ שטאָלצע, אויפן שטיין פון אינדזעלע.—„דאָס איז אפשר דאָס איינציקע אָרט אין דער וועלט, ווו איך האָב הויך און פריי געלאַכט!.. ווו און ווען וועל איך נאָך לאַכן, אַזוי ווי דאָ? ניין, איך לאָז עס נישט אוועקגעבן אין אַרענדע...״

„און איך אויך...״—האָט אנדרע שטיל געזאָגט.

דאָס אינדזעלע האָט אפילו באַדאַרפט הייסן „ג ע ר ב י״. מעגלעך, אַז מיט דעמדאָזיקן נאָמען האָט עס קורטיס פאַרצייכנט אויף זיינע ים-קאַרטעס...

XIX

15—6 נ אָ ו ע מ ב ע ר.

די שריפה איז שוין אייגנטלעך כמעט ווי איינגעלאָשן. עס טליעט נאָר עטוואָס. עס רויכערט נאָך אַ ביסל דער אונטערדעק. אָן פייער און אָן פונקען.

אין אונטערדעק איז דאָ אַ גרויסע לאָך, וואָס האַלט ביי אַ פיר קוואַדראַט-פוס. מיטן צופלוס פילט זיך אָן דער אונטערדעק מיט וואַסער, מיטן אָפּפלוס פאַלט עס אָפּ.

פלייפאָל איז געווען דער ערשטער מאַטראָז, וואָס האָט זיך אַרונטערגעטונקט אין אונטערדעק און איז דורכן געשעדיקטן אָרט אַריינגעשווומען אין ים אַריין. אַזויאַרום ווייסן מיר, אַז ס'איז דאָ אַ פרייע פאַרבינדונג צווישן ים און דעם אונטערדעק.

דער קלאַפּ, וואָס די שיף האָט באַקומען, בשעת זי האָט זיך געטראָפן אויפן שטיין און האָט זיך אַנידערגעזעצט, האָט גע-

פוזט זיין אַ ג ע וואַ ל ד י ק ע ר. נישט אומזיסט האָט דער שאַני־סעלאָר" באַקומען אַזאַ מוראדיקע ווונד...

אָבערט קורטיס זאָגט:

„נאַטירלעך, עס איז דאָ אַ סך אַרבעט, אַ ים אַרבעט. אָבער מיר שיינט, אַז מיר וועלן זי אויספירן אפילו מיט אונדזערע באַ־שיידענע כוחות. אין אַ פּאָר טעג אַרום וועט מען זיך שוין קענען פריי אַראָפּלאָזן אין אונטערדעק און נעמען רעמאָנטירן די צע־שעדיקטע ערטער. קודם אָבער וועלן מיר אַרויסשליידערן אַ טייל אָדער דעם גאַנצן פראַכט אין ים אַריין... איצט איז ער אונדז אי־בעריק און שעדלעך..."

די מאַטראָזן אַרבעטן, אַלע אַרבעטן, אָבער ראָבערט קור־טיס מער פון אַלעמען. אַלץ, וואָס איז צעשעדיקט אָדער פאַר־ברענט געוואָרן אינם אָרגאַניזם פון דער שיף, ווערט איצט צורעכט געמאַכט און רעמאָנטירט. מען אַרבעט אויפן שיפדעק, ביי די מאסטביימער, ביי די זעגלען, ביי די צעבראָכענע ווענט.

מיר האָבן שוין אפילו גאַנצע קאַיוטעס, וווּ מען קען אויס־רוען די מידע פאַרוואָגלטע ביינער...

דאָס ביסל פאַסאַזשירן, וואָס וויל נישט אַרומגיין ליידיק און איז גערן עפּעס צו טאָן, ווערט איצט צוגעצויגן צו דער אַרבעט.

מיר העלפן די מאַטראָזן.

מיר שלעפן פעק, בעלקעס, קלעצער.

אין דער צייט פון אָפּפּלוס קען מען שוין אַרבעטן אין אונטערדעק. אַ גרויסן טייל וואַסער שלעפט אַוועק דער אָפּפּלוס, אַ טייל, ווידער, פּאָמפּען מיר אויס.

מען האָט זיך שוין אויך באַפרייט פון אַ היבשן חלק פראַכט. דער ים האָט אים איינגעשלונגען.

אין אַלגעמיין גייט די אַרבעט צו זייער לעבעדיק. דעם 8־טן נאָוועמבער האָט מען זיך גענומען צו דער וווּנד פון אונ־
טערדעק. מען האָט זי פאַרשלאָגן מיט אַ בלאַט אייזן און מען
האָט זי פאַרלייגט מיט פעק באַוול. קורטיס זאָגט, אַז דער דרוק
פון דרויסנדיקן וואַסער איז שטאַרקער פונם בלאַט אייזן, ווי
באַלד אַז דער אונטערדעק איז פריי פון וואַסער, און דעריבער
האָט ער געהייסן פאַרלייגן דאָס אייזן מיט פעק, עס זאָל קענען
ביישטיין דעם דרוק.

גלייכצייטיק פּאָמפּעט מען אויך אויס דאָס וואַסער פון אינ־
וויניק, מען אַרבעט אויף אַלע כּלים, און אַלץ, זעט אויס, גייט
כּשורה. פאַראַן נאָר איין צרה: מיר זענען אָפּהענגיק
פון וועטער.

ביי אַ שלעכטן וועטער קען גיין קאַפּוט די גאַנצע מ־
אונדזערע. מיר זענען ביים ים אין די הענט און וואָס ער וויל,
קען ער טאָן מיט אונדז. ראַנגלען זיך מיט אים זענען מיר נישט
בכּוח. מיר האָבן נישט אַזאַ שיף. דער „שאַנסעלאָר" איז שוין
איצט נישט מער, ווי אַן אינוואַליד, וואָס איז געצווונגען צו
טראָגן זיינע פליכטן פון אַ געזונטער שיף...

דערין ליגט אונדזער טראַגעדיע.

פון נישט געווייניטלעכער אַרבעט האָט אונדז ווי געטאָן
דער רוקן, די הענט, טיילמאָל אַפילו דער קאָפּ. דאָס אַרויס־
פּאָמפּען דאָס וואַסער איז געווען באַזונדערס שווער. דער שוואַ־
כער אַנדרע האָט אָבער געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז די אַרבעט
קומט אים אָן זייער לייכט...

ער האָט זיך געשעמט מיט זיין שוואַכקייט.

XX

15—20 נאָוועמבער.

ערשט היינט האָבן מיר געקענט באַטראַכטן, ווי געהעריק, דעם אונטערדעק. פאַר איינוועגס האָט מען שוין געזוכט דעם פאַרשאָלטענעם פיקאַרט. געזוכט—און געפונען...

דער בלעכענער קאַסטן מיטן פיקאַרט איז געלעגן אין א ווייטן ווינקל, דאָרט, ווו עס האָט נישט געברענט. דאָס פייער איז נישט דערגאַנגען צו אים.

דעם קאַסטן האָט מען נישט אַריינגעוואָרפן אין ים אריין, וואָס ער האָט כשר פאַרדינט פאַר די גרויסע פחדים און יסורים, וואָס ער האָט אונדז פאַרשאַפט, נאָר מען האָט אים באַגראָבן אויפן אינדזעלע... צו וואָס האָט מען עס אַזוי געטאָן, פאַרשטיי איך נישט.

ראָבערט קורטיס האָט געזאָגט, אַז די צעשטערונגען אין אונטערדעק זענען דאָך נישט אַזוי גרויס, ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט. די בעלקעס, וואָס האַלטן אונטער דעם שיפדעק, זענען אַפילו אַרומגעברענט, אָבער זיי שטייען נאָך גענוג פעסט.

עס וואָלט אַלץ געווען גוט, ווען מיר וואָלטן געהאַט גענוג מאַטעריאַלן, ווי געהילץ, אייזן, שטאָל וכדומה. אונדזער גע־שיקטער און פעיקער טשעסלער דאָולאַס איז זייער פאַרזאָרגט.

קורטיס מאַכט אויך טיילמאָל אַ זויערע מינע, און זיינע ליכטיקע אויגן פאַלט אַריין אַ שאָטן פון אומעט.

פון אַ טיפערן שמועס מיט קורטיסן האָב איך אַרויסגע־טראָגן דעם איינדרוק, אַז ווען מיר געפינען זיך איצט, אַ שטייגער, אויף אַ זיכערער אינדזל, ווו מען קען זיך אויפהאַלטען אַ געוויסע צייט, וואָלט דער קאַפּיטאַן צעבראָכן דעם „שאַנסעלאָר" און וואָלט פון זיין געביין אויסגעבויט אַ קליינע שטאַרקע שיף.

אין אָוונט האָט קורטיס פאַרזאַמלט אויפן שיפדעק די גאַנ־צע קאָמאַנדע מיט אַלע פּאַסאַזשירן און האָט געהאַלטן פאַר זיי אַ קלייניטשקע דרשה

ער האָט געזאָגט:

„מיינע פריינט! דער שאַנסעלאָר" איז שטאַרק צעשעדיקט. ער זעט אויס, ווי אַ פאַרוואונדעטער זעלנער נאָך אַ שווערער שלאַכט. ער איז שוין אַן אינוואַליד, דער אַמאָל שיינער שטאַר־קער „שאַנסעלאָר" און איך גלויב נישט, ער זאָל קענען קומען צו די כוחות. אָ, ער דאַרף זיך לאַנג היילן און נישט אָט דאָ, לעבן טויטן פעלזיקן אינדזעלע, ווו מיר האָבן נישט קיין רפואות פאַר אים, נאָר אין אַ גרויסן רייכן פּאָרט... דערדאָזיקער אינ־וואַליד איז דערווייל אָבער אונדזער גאַנצער פאַרמעגן, מיר האָבן נישט עפּעס בעסערס פאַר אים, און דעריבער איז מיין עצה, מען זאָל אים ווי עס איז אויספאַרריכטן און זיך אַריינ־קריגן מיט אים אין דעם נאָענטסטן האַפן. מיר געפינען זיך ביי אַכטהונדערט מייל פון פאַרימאַריבאָ, דעם צפונדיקן ברעג פון דער האָלענדישער גוויאַנע, און מיר קענען קומען אַהין אין אַ וואָסערע צען אָדער צוועלף טעג. דאָס איז מיין פּלאַן, און איך מיין, אַז קיינער וועט נישט האָבן וואָס איינצוווענדן קעגן אים.

קיין בעסערע אויסזיכטן זענען נישטאָ. אַ קלוגער מענטש נעמט דאָס, וואָס עס לאָזט זיך אין אַ צייט פון אַ נויט. לאָמיר זיך נאָר האַלטן פעסט און מונטער. מער האָב איך נישט, וואָס צו זאָגן."

קיינער איז נישט אַרויסגעטראָטן קעגן קורטיסן, ווייל ס'איז באמת נישט געווען קיין בעסערס פון דעם, וואָס ער האָט פאָר־געלייגט.

די אַרבעט איז ווייטער געגאַנגען מיט דעמזעלבן טעמפּאָ, וואָס פריער און זי וועט פאַרענדיקט ווערן, ווי מען האָט אויסגע־רעכנט, דעם 20-טן נאָוועמבער.

דער „שפּאַנסעלאָר" דאַרף אונדז נאָר ברענגען אין דעם נאָענטסטן האַפן, ווו מיר וועלן אים פאַרלאָזן אויף אייביק. גע־ברויכן אים צו אַ ווייטערע נסיעה, קען מען שוין נישט: ער האָט אַ צו קורצן אָטעם...

די גרעסטע צעשעדיקונגען האָט ער באַקומען אין נאָזטייל. אויסערדעם, איז ער שטאַרק צעטרייסלט און צעממיתט פונעם קלאַפּ אויפן שטיין.

ער האָט זיך באַלד אויפגעהייבן פון זיין געזעס, ווי נאָר מען האָט אויסגעפּאָמפּעט דאָס וואַסער און אַריינגעוואָרפן אין ים אַריין דעם גרעסטן טייל פראַכט. די פראַגע וועגן אַראָפּנעמען אים פון שטיין איז אַזוי אַרום בטל געוואָרן. אונדזערע פּעסי־מיסטן, מיט הער לעטורנערן בראש, האָבן זיך זייער געשראָקן פאַר דעמדאָזיקן מאָמענט.

כדי ער זאָל ווידעראַמאָל נישט אַרויפפאָרן אויפן ריף, האָט מען אים פאַראַנקערט פון צוויי זייטן—פון נאָזטייל און פון הינטערשטן טייל.

עס איז אָבער געווען אַן אַנדער צרה (צרות איז דאָ ג״כ-

נוגו). דער „שאַנסעלאָר“ איז געשטאַנען אין אַ נאַטירליכן שמאָלן האַפנדל, אַרומגערינגלט פון פעלזן. אַריינגעפאַלן בשלום אין דעמדאָזיקן האַפנדל איז ער נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס אַ הויכע כוואַליע האָט אים דעמאָלט, אין יענער אומפאַרגעסלעכער נאַכט פון פייער און וואַסער, אויפגעהייבן און אַראָפּגעזעצט אינמיטן אויף אַ שטיין.

איצט האָט מען זיך באַדאַרפט אַרויסקריגן פון האַפנדל.

ווי ראָבערט קורטיס איז נישט געווען זיכער ביי זיך, האָט ער דאָך זייער קרום געקוקט אויף דערדאָזיקער אָפּעראַציע.

ער האָט געהאַלטן, אַז די קלענסטע אומפאָרזיכטיקייט איז מסוגל אומצעברענגען די שיף.

אַרויסגיין דאַרף מען, נאַטירלעך, אין דער צייט פון צופלוס און מיט דער הילף פון אַ גינסטיקן ווינט.

אַלע נייטיקע הכנות זענען געמאַכט געוואָרן, דער צופלוס איז אויך געקומען און דער גינסטיקער ווינט האָט צוגעהאָלפן, אָבער אַז דער „שאַנסעלאָר“ האָט „געשטעלט דעם ערשטן שריט“ פאָרויס, זענען מיר געהאָנגען אויף אַ האָר פון אַ קאַטאַסטראָפע...

דער „שאַנסעלאָר האָט געקענט צעקלאַפּט ווערן אָן די פעלזן.

ער האָט געמוזט מאַכן אַ שריט צוריק און קומען אויף זיין פריערדיקן אָרט...

וואָס טוט מען איצט?

קורטיס איז געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט. ער האָט געקנייטשט דעם שטערן און געטראַכט. דער לייטענאַנט האָט באַמערקט:

„מיר ווע̄לן זיך, אַפנים, נישט אַרויסקריגן פונדאַנען. איך זע נישט איין, ווי אַזוי ?..״

און קורטיס האָט געברומט:

„איר הייבט שוין אָן מיט אייערע ספקות? ניין, די וועלט וועט אונטערגיין און מיר וועלן זיך דאָך אַרויסקריגן. אָט דאָס אָרט טאָר נישט און וועט נישט זיין אונדזער קבר !..״

ס'איז כדאי צו באַמערקן: דאָסדאָזיקע שמאָלע האַפנדל האָלט צווייהונדערט מעטער די לייגג.

XXI

21—23 נאָוועמבער.

מיר מוזן זיך צואיילן. דאָס וועטער איז איצט גוט, אָבער עס קען קאַליע ווערן. מיר זעען שוין שלעכטע סימנים: הויכע כוואַליעס ווייזן זיך. דער ים בייזערט זיך.

ראָבערט קורטיס זאָגט, אַז מען דאַרף אַדורכהאַקן עטלעכע זייטיקע פעלזן, וואָס פאַרשפאַרן דעם דורכגאַנג פון דער שיף.

„אָבער דאָס איז אַן אַרבעט נישט פאַר אונדזערע כוחות,״—זאָגט דער באָצמאַן,—„די פעלזן האַלטן צען פוס די ברייט און זעקס פוס די לייגג. ווי אַזוי וועלן מיר עס מאַכן ?״

„אמת, אָבער מיר האָבן נישט קיין אַנדער אויסוועג,״ — ענטפערט קורטיס בייז.—אַלץ איז שווער, פונדעסטוועגן ווערט יעדע מניעה ביסלעכווייז באַזייטיקט. מיר זענען פאַרשפאַרט און מיר מוזן זיך אַרויסקריגן פונדאַנען.׳

דאולאַס האָט זיך אַריינגעמישט:

„מיר האָבן אַ ביסל פּולווער, לאָמיר זיי אויפרייסן, וועט מען פאַרשפּאָרן צו האַקן די שטיינער."

„אָך און ווי, מיר האָבן אַ טראָפּעלע פּולווער, אַ שמעק טאַבאַק... וואָס וועט איר מאַכן מיט דעם?" — זאָגט דער באָצמאַן.

אינזשינער פאַלסטען שמייכלט:

„מאָלט אייך, אַז מיר דהאָבן עפּעס בעסערס, ווי פּולווער..."

„וואָס אַזוינס? רעדט ווערטער!"—איז קורטיס זייער נייגעריק.

פאַלסטען זאָגט:

„יאָ, מיר האָבן דעם פּיקאַרט-קאַלי..."

דער פאַרשאָלטענער פּיקאַרט-קאַלי, וואָס האָט אונדז שיער נישט אומגעבראַכט, קען איצט ווערן אונדזער גואל.

פאַלסטען האָט ווייטער געזאָגט:

„מיר פאַרלייגן אַ מינע אינם פעלז און מיר רייסן אים אויף. איך פאַרזיכער אייך, אַז פון אים וועט קיין זכר נישט בלייבן?..."

עס שטעלט זיך אַרויס, אַז פאַלסטען האָט עס פריער נישט דערלאָזט, מען זאָל אַרויסוואַרפן דעם פּיקאַרט אין ים אַריין. ער האָט זיך איינגעשטעלט, און מען האָט דעם פּיקאַרט באַגראָבן אויפן אינדזעלע. דער טיפער פאַלסטען האָט נאָך פריער, קענטיק, פאַרשטאַנען, אַז עס קאָן זיין אַ מאָמענט, ווען מיר וועלן זיך נייטיקן און דעמדאָזיקן אויפרייסמאַטעריאַל.

די מאַטראָזן האָבן געבראַכט העק און מען דהאָט זיך באַלד גענומען צו דער מינע לויט פאַלסטענס אָנווייזונגען. די

ארבעט האָט געברענט אין די הענט, אָבער דער רעזולטאַט איז געווען אַ מאָגערער: דער באַזאַלט לאָזט זיך אַזוי לייכט נישט האַקן.

דאַולאַס האָט זיך שטאַרק געהיצט, פאַלסטען האָט קאַלט געשמייכלט.

„עס וועט גיין, נישקשה!..״—האָט ער געזאָגט.

דער שרעקלעכער מת, דער פּיקאַרט, איז אויסגעגראָבן געוואָרן פון זיין קבר און ער איז ווידער דאָ אויף דער סצע-נע. איצט באַדאַרף ער אונדז העלפן.

וואָס איז אייגנטלעך דער פּיקאַרט-קאַלי?

דאָס פּיקרינזויערס איז, ווי באַוווּסט, אַ קריסטאַליש בי-טער שטאָף. אין פאַרבינדונג מיט קאַלי בילדעט עס אַ געלן זאַלץ, וואָס הייסט פּיקאַרט-קאַלי. ער רייסט אויף זייער שטאַרק, דאָך אָבער נישט אַזוי שטאַרק, ווי פּיראָקסילין אָדער דינאַמיט. אַ סך שטאַרקער איז ער אָבער פון געוויינלעכן דינאַמיט, און ער פלאַמט אויף פון אַ פעסטן קלאַפּ.

פאַלסטען האָט געזאָגט:

„איך מיין, אַז מען דאַרף אים צונויפמישן מיטן ביסל פּולווער, וואָס מיר האָבן דאָ. דעמאָלט וועלן מיר קענען אונ-טערצינדן די מינע מיט אַ קנויט. דאָס איז אַ סך לייכטער, ווייל מיר וועלן אויסמיידן דעם נישט אַנגעגעמען קלאַפּ אין פּיקאַרט... אגב, ווירקןביידע צוזאַמען אַ סך בעסער און צוועקמעסיקער. דער פּיקאַרט, וואָס איז, לויט זיין טבע, זייער אויפרייסיק, וועט דורכשלאָגן אַ וועג פאַרן פּולווער, וואָס ברענט לאַנגזאַמער און וואָס קען דעריבער מיט זיין פייער בעסער צעפּרעסן די שטיי-נער.״

מיט פאַלסטענען רעכנט מען זיך זייער. אין דער צייט

פון אונדזער אומגליק האָט ער זיך שטאַרק אַרויסגערוקט מיט זיין אויסגעהאַלטנקייט און גרויסע קענטענישן. דערדאָזיקער מענטש איז גלייכצייטיק אי אַ קאַלטער, אי אַ טיפער, און זיין יעדעס וואָרט האָט אַ גרויסע וואָג.

מען האָט אים געהאַרכט און מען האָט צוגעפּגעמישט דעם פּיקאַרט מיטן פּולווער...

עס האָט זיך אָנגעהייבן אַ נייע בהלה. יעדער האָט גע-האַלט זען, ווי אַזוי עס ווערט אַריינגעלייגט דידאָזיקע קאַשע אין די דורכגעהאַקטע לעכער פון פעלז.

אין אַ שעה אַרום איז שוין אַלץ געווען פאַרטיק. פאַל-סטען האָט צוגעפּאַסט דעם קנויט...

דער „שאַנסעלאָר" איז אפילו געשטאַנען גאַנץ ווייט פון דער מינע, אָבער פון זיכערקייט וועגן (און טאָמער האָט עמעץ צו שוואַכע נערוון!) האָט מען די קאַמאַנדע מיט די פּאַסאַזשירן אַראָפּגעפירט אויפן אינדזעלע.

די איבערגעזעטיקטע מיליאָנערין איז געווען זייער בייז, ווען זי האָט באַדאַרפט צום ערשטן מאָל פאַרלאָזן דעם שיפּ-דעק. מען האָט זי כמעט מיט געוואַלד אַראָפּגעשלעפּט פון „שאַנ-סעלאָר".

פאַלסטען איז געווען דער קנויטצינדער.

דער קנויט האָט, לויט אַ געניען חשבון, באַדאַרפט ברע-נען צען מינוט ביזן אויפרייס.

אָנגעצונדן דעם קנויט, האָט זיך פאַלסטען אַריבערגע-פּעקלט צו אונדז.

דער עולם איז געשטאַנען און געוואַרט מיט אָנגעשפּיצטע אויערן. מיר האָבן געוואַרט אויף אַ דונער, וואָס האָט באַדאַרפט אויפטרייסלען דעם ים...

1170

געשען איז אָבער נישט אַזוי: דער קלאַפּ איז געווען אַ טעמפּער, אַ פאַרשטיקטער.

פאַלסטען האָט דערקלערט:

„די מינע איז אַ צו טיפע. קיין אַנדער קלאַפּ קען נישט זיין. אויב איר ווילט, איז אפילו דער קלאַפּ אויך אַ צו שטאַרקער.“

קורטיס האָט אַליין צוגעאיילט. מיר זענען מיט דעם גרעסטן בייגיר געפלויגן צו אונדזער „שאַנסעלאָר“.

מען מוז אָנערקענען פאַלסטענס בריהשאַפט: דער אויפרייס איז געלונגען אויף דעם העכסטן אופן...

מיר האָבן געהאַט אַ פרייען וועג אין ים אַריין, פון די פעלזן איז קיין זכר נישט געבליבן, און צום ערשטן מאָל האָט דאָ פאַרהילכט די לופט אַ פריילעכער און געזונטער „הוראַ!“...

דאָס איז געווען אונדזער ערשטער נצחון אויפן שווערן טראַגישן וועג צו אונדזער באַפרייונג.

ראָבערט קורטיס האָט געזאָגט:

„מיר ליגן אין אַ נעץ פון שוועריקייטן און מניעות, אָבער שכל אין פאַרבינדונג מיט שטאַרקן ווילן, קען אַלץ גובר זיין!“

ביידע לעטורנערס, מיס געריבי און איך זענען אַוועק זיך געזעגענען מיטן אינדזעלע, אויף וועלכן מיר האָבן פאַרבראַכט כמעט אַלע טאָג אין אַ משך פון דריי וואָכן צייט.

מיר זעען עס איצט צום לעצטן מאָל און עס דריקט ביים האַרץ, פּונקט ווי מיר וואָלטן זיך צעזעגנט מיט אַ לעבעדיק וועזן.

אויף אַ וואַנט פון גראַט האָט אַנדרע אויסגעגראַווירט דעם נאָמען „שאַנסעלאָר“, וואָס דאַרף פון היינט אָן זיין דער נאָמען

פונם אינדזעלע און די דאַטע, ווען די שיף האָט זיך אַוועקגע-
זעצט אויפן פעלז.

„אַדיע! אַדיע! שטיל, ליב, פאַרוואָרפן, אומבאַקאַנט אינ-
זעלע! דו פאַרבלייבסט אונדז אין זכרון אויף אייביק!"

XXII

27 נאָוועמבער—1 דעצעמבער.

מיר גייען אין אָפענעם ים מיט אַ שיף, וואָס זיין אָרגאַ-
ניזם איז אינגאַנצן צעטרייסלט און צעקלאַפּט. צום גליק, באַ-
דאַרפן מיר ווייט נישט גיין—מיר האָבן דורכצעמאַכן אַלטהונ-
דערט מייל.

אויב דער ווינט וועט אונדז דינען, וועלן מיר אין עט-
לעכע טעג אָרום דערגרייכן דעם גוויאַנישן ברעג.

אויפן שיף איז רויק. מען לעבט אויסערלעך אַ נאָרמאַל
שיפלעבן, קיין נייס איז נישטאָ. עס איז שטיל. די איבערגע-
לעבטע פּחדים ווערן טיף פאַרגראָבן אין זיך...

דער ווינט איז נאָך אַלץ אַ גינסטיקער, די שיף גייט
נישט שלעכט, אָבער ראָבערט קורטיס האַלט זיך ביי אַ קליינער
צאָל זעגלען. ער האָט מורא, אַז ביי אַ שנעלערן גאַנג פון דער
שיף וועלן זיך פונדאָסניי עפענען אירע וווּנדן און דער אונ-
טערדעק וועט זיך אָנפילן מיט וואַסער.

עס פעלט אונדז אַ ביסעלע פרייד, געלעכטער.

מען קען נישט זיין פריילעך, ווען מען גייט מיט אַזאַ
אינוואַליד, וואָס שרעקט זיך פאַר יעדער כוואַליע...

דעם 29־טן האָט זיך גענומען ענדערן דאָס וועטער. דעם אינוואַליד איז באַפאַלן אַ צפון־ווינט און ער האָט זיך אויס־געקרימט אויף אַ זייט.

מיר גייען שרעקלעך לאַנגזאַם. קורטיס טרעט נישט אָפּ פון ים, פון שטייערמאַן, פון וואַכבריקל. דאָס פּנים איז אים פאַרשוויצט, די אויגן האַלב אָפן—ער איז איבערגעמאַטערט.

אַך, ווי עס ווילט זיך אַ יאָג טאָן שטאַרקער די שיף! דער שטילער גאַנג אָבער דענערווירט. עס ציט דאָס אויסגעפּיי־ניקטע האַרץ צו יבשה, צו זיכערער מנוחה, ווייט פון כוואַ־ליעס, פון שלעכטע משוגענע קאַפּיטאַנען, פון פּיקאַרטן און פון שריפות.

די שיף אָבער שלעפּט זיך פּאַוואָליע, פּאַוואָליע, ווי אַ קראַנקער זקן, וואָס גייט אויף אַ גליטש...

די נאַכט פון 29־סטן אויפן 30־סטן איז געווען אַ פינס־טערע און אַ פאַרנעבלטע. עס האָט געבלאָזן אַ קאַלטער ווינט. די פּאַסאַזשירן האָבן זיך איינציקווייז אַראָפּגעלאָזט אין די קאַ־יוטעס. יעדער איינער איז געגאַנגען מיט אַ שוואַרצער מחשבה אין קאָפּ.

איך בין מיך מודה, אַז אויך אין מיין קאָפּ האָבן זיך דעמאָלט אַרומגעפּלאָנטערט נישט קיין פרייליכע רעיונות. איך בין אַריין אין קאַיוטע און האָב מיך אַ וואָרף געטאָן אויפן געלעגער.

און אָט הער איך, אין דער אַרומיקער שטילקייט, ליגנ־דיק אויפן געלעגער, ווי דער מאַטראָז ברוק, וואָס אַרבעט אין אונטערדעק, לויפט אַרויף אויפן שיפדעק און שרייט נישט מיט זיין קול:

„ביי צוויי פוס וואַסער! ביי צוויי פוס וואַסער!"

איך רייס מיך אַראָפּ פון געלעגער און לויף אויפן שיפ־דעק. אויפן וועג שטויס איך מיך אָן מיט קורטיסן און מיסן באָצמאַן. זיי לויפן אין אונטערדעק. אין אַ ווײַלע אַרום באַשטעטיקט מען מיר, אַז דאָס וואַסער רייסט זיך אַריין אין אונטערדעק...

דער אַלטבאַקאַנטער פּחד קומט ווידער צוגאַסט אויפן שיף.

קיינער ווייס נישט דערווײַל, פונוואַנען עס דרינגט אַריין דאָס וואַסער און אונטערדעק. מען הערט אָבער, ווי עס גיסט כּסדר פון דרויסן אינווייניק... מען הערט דעם גאַנג פון וואַסער.

קורטיס קומט אַרויף פון אונטערדעק. זיין פּנים איז אַזאַ, אַז איך קען גאָרנישט אַראָפּלייענען פון דעם. עס איז אָבער קלאָר, אַז מען דאַרף וואַרטן ביז אינדערפרי.

גיי איך ווידער אין קאַיוטע און וואַרף מיך ווידעראַמאָל אויפן געלעגער. שלאָפן איז אָבער שווער. די אויגן קלעבן זיך צו, אָבער דער שלאָף אַנטלויפט. די נערוון זענען אויפגערעגט־איך טראַכט פון דער גאַנצער נסיעה און קום צו אַ טרויע־ריקן סך־הכּל: אַ מענטש איז גאָרנישט, אַ שפּילכל ביים צו־צופאַל...

נאָכדעם טראַכט איך מיט קנאה פון דערהיים, פון נאָענטע און באַקאַנטע און פריינט...

ווי לאַנג וועלן מיר זיך אַזוי אַרומשלעפּן מיט דעמדאָזיקן אינוואַליד?

דער אַלטער לעטורנער, וואָס האַלט אַזוי פון קורטיסן און פון דער גאַנצער שיפקאָמאַנדע, האָט אָבער געזאָגט, אַז מיר האָבן נאָך אַראָפּצעשלינגען אַ שווערן ביסן. עס גייט נישט

אזוי לייכט. מיט אזא שיף קען מען גאָרנישט אויפטאָן. דאָס איז אייגנטלעך אַ לאַנגע קייט פון מניעות און דהאַרצהאַ־טיק...

שעהן ציען זיך, ווי פון פעך, איך קען דאָך נישט איינ־שלאָפן, כאַפּ איך מיך אַרויף אויפן שיפדעק.

אויפן ים טאָגט שוין. ראָבערט קורטיס איז שטאַרק פאַר־טאַראַמט. איך קוק אים אָן. ער איז בלאַס, דער מענטש. דער קאָפּ איז אים אָנגעבויגן, אָבער ער האַלט זיך פעסט. ער האָט אפילו פאַרביסן די ליפּן, ווי ער וואָלט זיך אַליין געוואָלט מיט געוואַלד איבערצייגן, אַז מען טאָר נישט נאָכגעבן...

פון די קאַיוטעס שיטן זיך אַרויס מאַנכע פּאַסאַזשירן, און זיי ווייזן שוין, אַז ביטן אונטערדעק איז שלעכט.

קיינער האָט זיי נישט אָנגעזאָגט, זיי פילן אָבער מיט די נערוון, ווו מיר האַלטן אין דער וועלט...

„נו, אַ ביי אומגליק..."—שעפּטשעט צו מיר דער אַלטער לעטורנער.

„אָבער דערויף האָט מען זיך דאָך געריכט..."—פּרווו איך פאַרגלעטן די צרה.—„אַגב, זענען מיר דאָך שוין נאָענט פון יבשה. מיר וועלן זיך אַ ביסעלע איבערמוטשען, ליבער הער לע־טורנער, און ס'וועט בעמען אַ סוף צו אונדזערע צרות. פון דער שריפה זענען מיר אַרויסגעקראָכן, פונם פּיקאַרט זענען מיר פּטור געוואָרן, פון די פעלזן האָבן מיר זיך באַפרייט, איז צו האָפן, אַז מיר וועלן פון אָט דער צרה אויך אַרויסקריכן בשלום..."

דער אַלטער שווייגט, אָבער אַז איך וואַרט אויף זיינעם אַ וואָרט, וואַרפט ער מיר צו:

„הלוואי זאָלט איר אמת זאָגן!"

אינזשינער פאַלסטען האָט שוין גרייט זיין ביכעלע מיט

זינגער. מיט גערבײ ציטערט אונטער דעם דינעם טיכל. וואָס הענגט איר אויף די אַקסלען.

אויפן סצענע באַווײַזן זיך ווידער די פּאָמפּעס.

עס הייבט זיך אָן אַ שווערע נודנע אַרבעט: דער ים גיסט אַריין, די פּאָמפּעס גיסן אַרויס.

די מאַטראָזן שווייגן מיט פאַרדריקטע ציין.

עמעץ זאָגט אָן, אַז דאָס וואַסער האַלט שוין, גאָט צו דאַנקען, אין אונטערדעק ביי דריי פוס...

די מאַטראָזן אַרבעטן שנעלער. אויפן שיף איז טויט-שטיל. איך וויל עפּעס פרעגן קורטיסן, אָבער איך האַלט מיך איין: איך ווייס, אין אַזוינע מינוטן האָט ער פיינט צו רעדן. ער ענטפערט נישט אויף קיין פראַגן, און די אויגן גיסן זיך איבער אָן מיט בלוט.

אַ שווערער טאָג איז אַדורכגעגאַנגען און צוגעדעקט האָט אים נאָך אַ שווערערע נאַכט...

עס האָט זיך נישט געשלאָפן, נאָר עס האָט זיך געדרעמלט מיט קאָשמאַרן, מיט פּחד...

און צומאָרגנס אינדערפרי איז ווידעראַמאָל געמאָלדן געוואָרן:

„אין אונטערדעק האָט דאָס וואַסער דערגרייכט ביז פינף פוס!..“

דאָס וואַסער איז שטאַרקער פון די פּאָמפּעס. טאָג און נאַכט פּאָמפּעט מען אָן אויפהער, און וואָס קומט אַרויס? ס'איז באמת געשטויסן וואַסער!..

קאַפּיטאַן קורטיס איז שטאַרק צעטראָגן. איך זע, ווי ער קנייטשט כסדר דעם שטערן און זוכט עפּעס אָן אויסוועג.

דער ים פירט איצט אַ קאַמף מיט אונדז, ווי ער האָט

פריער געפירט אַ קאַמף מיט דער שריפה, און ער מוז מנצח זיין.

די מאַטראָזן האָבן זיך שוין אַרויסגעשלאָגן פון די כוחות. מען דערקענט שוין אויף זיי, אַז זיי ווילן ווילד ווערן. מען זעט שוין אויף זיי סימנים פון פּאַניק...

אונדזער לאַגע איז אַ קריטישע.

די פּאַסאַזשירן פאַרנעמען דאָס אָרט פון די אויסגעמו-טשעטע מאַטראָזן. מיר פּאָמפּען איצט דאָס וואַסער און יענע-רדען זיך אויס. אָבער צי וועט עס העלפן?

„אַך, אויפן אינדזעלע איז טויזנטער מאָל בעסער, ווי דאָ!..“ — קלאָגט זיך מיס גערביי און איך בין מסכים מיט איר.

XXIII

2—3 דעצעמבער.

נאָך אַ גאַנצן מעת-לעת ראַנגלען מיר זיך ענערגיש מיטן ים. מיר דערלאָזן נישט, אַז דאָס וואַסער זאָל זיך אויפהייבן אין אונטערדעק. אָבער ס׳איז קלאָר פאַר אַלעמען, אַז מיר וועלן גאָרנישט אויפטאָן דערמיט.

דער קאַפּיטאַן האָט זיך ווידער אַראָפּגעלאָזט אין אונטער-דעק. איך, דער לייטענאַנט און דער באָצמאַן גייען אים נאָך ווי די געבדז.

אָוועקגערוקט עטלעכע פעק מיט באַוול, לייגן מיר צו דאָס אויער צו דער וואַנט און מיר הערן זיך צו, ווי עס פליס

דאָס וואַסער אין אונטערדעק. אָבער מיר קענען בשום אופן נישט באַשטימען, ווו איז דער דורכברוך און אין וואָסער אָרט פליסט עס דאָס וואַסער.

נאָך אַ לאַנגן טראַכטן האָט קורטיס באַשלאָסן, מען זאָל באַציען די ווענט פון אונטערדעק מיט געפעכטן לייוונט, וואָס האָט זיך געפינען אויפן שיף. דערווייל איז עס דאָס איינציקע מיטל. קיין אַנדער מיטל איז נישטאָ.

עס האָט זיך אָנגעהייבן אַ נייע אַרבעט און אַ שווערע. דערצו האָט מען נאָך געמוזט אויפהאַלטן דעם גאַנג פון דער שיף. אָבער די נויט האָט דיקטירט צוזאַמען מיט קורטיסן, און דידאָזיקע אַרבעט איז אויך אָפּגעטאָן געוואָרן.

איך וועל בשום אופן נישט זאָגן, אַז עס האָט נישט געהאָלפן. דאָס וואַסער האָט נאָך אַלץ אַריינגערונען, אָבער נישט מער ווי אַ ר י י נ ג ע ר ו נ ע ן. עס האָט שוין נישט אַזוי געפלייצט, ווי פריער. נאַטירלעך, די פּאָמפּעס האָבן נישט געטאָרט רוען אויף קיין איין מינוט.

איצט זענען זיי שוין געווען שטאַרקער פאַרן ים, ווייל זיי האָבן אַרויסגעוואָרפן מער וואַסער, וויפל ער האָט אַריינגעוואָרפן און דאָס אַליין איז שוין געווען אַ שטיקל נצחון.

עס איז אויסגעפאַלן אַ שוואַרצע נאַכט מיט אַ קאַלטן ווינט. אויפן שיפדעק איז געווען אומהיימלעך, ווי אויף אַ בית-עולם. דאָך האָט קורטיס געהייסן אויפהייבן וואָס מער זעגלען.

ער וויל זיך שנעלער דורכרייסן צום ברעג.

מיר זענען געגאַנגען שנעל. עס האָט אויסגעזען, ווי אונדזער לאַגע פאַרבעסערט זיך צו ביסלעך. סוף-כל-סוף האָבן מיר דאָך נישט פיל צו גיין. שוין-זשע וועט אונדז באמת נישט געלינגען זיך צוצוקריגן צו דער יבשה!

אָבער אָט איז מיטאַמאָל ווידער שלעכט. דער באַצמאַן איז געקומען מיט אַ פרישער מעלדונג: אין אונטערדעק דער־גרייכט שוין דאָס וואַסער ביז זעקס פוס...

די הענט פאַלן אַראָפּ, די פּאָמפּעס בלייבן אַ רגע שטיין. עמעץ פון די פּאַסאַזשירן האָט טיף אָפּגעזיפצט...

אָבער קורטיס שרייט:

„די פּאָמפּעס טאָרן נישט שטיין! ווער עס וויל לעבן, דער זאָל פאַרטאָפּלען זיין ענערגיע!"

וואַרפט מען זיך ווידער צו די פּאָמפּעס. טאָמער איז עס ווייניק, שטעלט אונדז קורטיס אַוועק מיט עמערט ביי דער טיר פון אונטערדעק און הייסט אונדז שעפּן דאָס וואַסער מיט ווי.

עס ברעכט דער רוקן, די ביינער, די הענט, עס פּינטלט אין די אויגן. דאָס העמד איז נאַס אויפן לייב. מיר אַרבעטן קאַטאָרגע־אַרבעט צוליב וועמען און צוליב וואָס? צוליב הענט־לין?

ווער קען ענטפערן אויף דערדאָזיקער פראַגע.

אונדזער קאַטאָרגע־אַרבעט האָט אָבער קיין שום זין נישט: דאָס וואַסער איז שטאַרקער פון אונדז. מיר שעפּן מיט עמערס און מיט פּאָמפּעס — און דאָס וואַסער האַלט אַלץ אין איין שטייגן.

די מאַטראָזן זאָגן זיך אָפּ צו אַרבעטן. מיר האָבן שוין איינמאָל געזען אַזאַ בילד. ראָבערט קורטיס שרייט און שפּרינגט פון דער הויט. ער איז איצט פעיק צו דערהרגענען אַ מענטשן. מען טאָר זיך מיט אים נישט איינרייסן.

אָבער די מאַטראָזן זענען פאַרעקשנט, ווי חיות: מיט זיי טאָר מען זיך אויך נישט איינרייסן. אויף רציחה קענען זיי ענט־פערן באַלד מיט גרעסערער רציחה...

זייער אָנפירער איז דער מאַטראָז אָוועץ. ער בונטעוועט כסדר די קאָמאַנדע אין פירט אַ פאַרביסענעם קאַמף מיט קור-טיסן.

דאָס איז אַ מענטש פון אַ יאָר פערציק מיט אַ געל בערדל, מיט קליינישקע לויפיקע אויגלעך און מיט גרויסע אָפגעשטאַנענע אויערן.

איך הער, ווי ער טענהט צו די מאַטראָזן:

„מיר האָבן נישט, וואָס אָנצעווערן! צו וואָס זאָלן מיר געהאָרכן און פאָלגן, ווי די בהמות, ווען אַלץ גייט מיטן קאָפּ אַראָפּ, ווען די שיף טרינקט זיך! מיר וועלן סיי-ווי דערטרונקען ווערן, ווי די הינט! מיר האָבן נישט, וואָס צו געהאָרכן! מען האָט אונדז פאַרפירט! מען האָט אונדז אויסגענאַרט! מען האָט אונדז אומגליקלעך געמאַכט! מיר האָבן נישט קיין קאַפּיטאַן! אין דר'ערד זאָל דאָס גיין!"

די מאַטראָזן וואַרפן באַלד די אַרבעט. מיט בייז-קלאַפּנ-דיקע טריט גייט צו קורטיס צו אָוועצן. ער קוקט אים אָן מיט קאַלטע אויגן, אָבער אין דערדאָזיקער קאַלטקייט גליווערט דער טויט...

„דו וועסט מיר נישט בונטעווען! ניין, דו וועסט מיר נישט בונטעווען!"—כריפּעט קורטיס און די פינגער וויקלען זיך אים אין פויסטן.

אָבער דער געלער אָוועץ הייבט אויף דעם קאָפּ און זאָגט רויק:

„היט אייערע הענט, וואַרפט אייך נישט, שרייט נישט און באַפעלט נישט! איר וועט ערגער מאַכן!.."

און מיט דידאָזיקע ווערטער האָט ער זיך אָפּגעקערט פון קורטיסן.

ראָבערט קורטיס שטייט נאָך אַ ווײַלע. נאָכדעם גייט ער אַוועק מיט בייז-קלאַפּנדיקע טריט צו זיך אין קאַיוטע. אין פינף מינוט אַרום גייט ער אַרויס פון קאַיוטע מיט אַן אָנגעלאָדענעם רעוואָלווער אין דער האַנט.

עס ווערט מיטאַמאָל קלאָר, אַז באַלד וועט זיך גיסן היים בלוט, מען פילט עס בחוש מיט די אויסגעמוטשעטע נערוון, און די מאַטראָזן וואַרפן זיך צוריק צו דער אַרבעט.

דער „בונט" איז געבראָכן געוואָרן.

XXIV

4 דעצעמבער.

די לאַגע איז נאָך אַלץ אַ קריטישע.

צי וועלן מיר בשלום זיך צוקריגן צום ברעג?

די פּאַסאַזשירן שווייגן שוין ווידער מיט פאַרשלאָסע-נע מיילער און מען סטאַרעט זיך אויסצומיידן דאָס וואָרט טויט...

מיר אַרבעטן, ווי קאַטאָרזשניקעס—דאָס וואַסער אין אונ-טערדעק פאַלט אָבער נישט אָפּ. פאַרקערט, עס קומט נאָך צו.

לעטורנער דערמאָנט מיר אויפן אויער די שווערסטע מאָ-מענטן פון דער שריפה. ער זאָגט:

„מיר שטייען איצט נישט בעסער, ווי דעמאָלט... און אויב איר ווילט—נאָך ערגער... די שיפקאָמאַנדע איז טויט-מיד... איך באַשולדיק נישט די צעבונטעוועטע מאַטראָזן: אין זיי שרייט די

ביטערסטע נויט, די פיינלעכסטע יסורים !... פאַרוואָס קומט זיי אַזויפיל צו ליידן? ווען די שיף ווערט געשעדיקט, איז, נאַטירלעך, זייער שלעכט, אָבער ווען די קאָמאַנדע ווערט געשעדיקט, איז נאָך ערגער און נאָך ערגער. עס ווערט פאַרדאָרבן דאָס ביסעלע גייסט, וואָס מיר פאַרמאָגן אויפן שיף... דאָס ביסעלע מענטשלעכקייט גייט פאַרלאָרן. וואָס וועלן מיר טאָן אָן דעם? ווי אַזוי וועלן מיר זיך העלפן?"

די, וואָס אַרבעטן אין אונטערדעק, שטייען ביזן גאַרטל אין וואַסער. די לופט איז דאָרט אַ שווערע און אַ פאַרשטיקטע. מען ריזיקירט מיטן לעבן, מיטן געזונט. און דאָס ערגסטע איז דאָס, וואָס מען פילט, אַז די אַרבעט איז אַן אומזיסטע.

קורטיס אַליין האָט שוין אויך אויפגעהערט צו יאָגן די מאַטראָזן. עפּעס פילט זיך אין אים אַן ענדערונג. צי זעט ער נישט איין, אַז ס'איז געקומען דער סוף, אַז מען קען זיך שוין נישט העלפן און ער האָט דעריבער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אויף אַלץ און אַלעם?

דעם 4-טן דעצעמבער איז צונויפגערופן געוואָרן אַ פאַרטרויטע זיצונג, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט בלויז דריי מענטשן: קורטיס, דער לייטענאַנט און דער באָצמאַן. זיי זענען געזעסן אין קורטיסעס קאַיוטע העכער אַ שעה צייט און האָבן באַשלאָסן צו פאַרלאָזן דעם „שאַנסעלאָר"...

דאָס קליינע וועלבאָטל, וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט, האָט נישט געקענט אַרויפנעמען אַלע מענטשן אויף זיך, און דעריבער האָט מען גענומען צונויפקלאַפּן אַ פּאַראָם. די אַרבעט איז איינגעשטעלט געוואָרן אַזוי: די מאַטראָזן פּאָמפּען דאָס וואַסער, ווי פריער, דער טשעסלער דאולאַס מיט נאָך אַ פּאָר מענטשן

אַרבעטן ביים פּאַראַם. געהילץ האָבן מיר געהאַט אַ ביסל אויפן „שאַנסעלאָר".

דער ים איז רויק און מען קען איינגנטלעך אַרבעטן.

ראָבערט קורטיס מיט פּאַלסטענען העלפן צו דעם טשעס־לער. אַזוי ווי אין דער נייער אַרבעט שלאָגט עפּעס אַ ציטריקע האָפענונג, אַרבעט מען מיט חשק... אפשר וועלן מיר דאָסמאָל געראַטעוועט ווערן.

לעבן מיר אַרבעט אַנדרע. מיר פּאָמפּען ביידע דאָס וואַ־סער. דער פּאָטער נעמט פון אים נישט אַראָפּ די אַלטע, גוטע אומעטיקע אויגן. איך זע, ווי דער אַלטער ליידט פון אַ פּייני־לעכער מחשבה: וואָס וועט עס זיין מיט דעמדאָזיקן אַדרעס, ווען עס וועט אויסקומען זיך צו ראַנגלען מיט די בייזע כוואַ־ליעס פון אָקעאַן? ווי אַזוי וועט ער זיך ראַטעווען און ווער וועט אים ראַטעווען? אָבער איך קלער מיר בעת־מעשה, פּאָמפּענ־דיק דאָס וואַסער, אַז איך וועל אים העלפן, דעמדאָזיקן ליבן אַנדרען און וועל זיכער איינשטעלן מיין לעבן פאַר אים, אויב עס וועט נאָר קומען דערצו.

מיסיס קיר ליגט שוין אַ פּאָר טעג אָן באַוווסטזיין. אונד־זער אומגליקלעכע נסיעה האָט זי אינגאַנצן צעבראָכן. דערפאַר איז טאָקע מיס גערביי אַ ביסל פרייער. אַז יענע ליגט אָן באַ־וווּסטזיין, קען זי דאָך נישט שרייען. ווען עס ווענדט זיך אָן מיר, וואָלט איך זי כסדר געלאָזט ליגן אין אַזאַ צושטאַנד, אַבי די ליבע מיס גערביי זאָל אָטעמען פרייער!...

איך קוק זי אָן און רייד מיט איר, ווי מיט אַ גרויסן שטאַרקן דערוואַקסענעם מענטשן.

איך זאָג:

„ליבע מיס גערביי, מיר האַלטן שלעכט... כמעט ביים סוף..."

און זי פרעגט:

„צו וואָס זאָגט איר עס מיר ?"

„ווייל איך גלויב אין דער פעסטקייט פון אייער הארץ..."

רויטלט זי זיך עטוואָס און זאָגט

„מיט שלעכטע זאַכן קען מען מיך, באַטירלעך, איבער־שרעקן, אָבער נישט שטאַרק... איך בין שוין געוווינט צו צרות, צו נויט. אַ ביסל מער, אַ ביסל ווייניקער, אָדער גאָר אַ סך... אַפילו דער סוף שרעקט מיך נישט שטאַרק..."

עס קלינגט איר יונגע שטים, ווי פיינער מעטאַל.

אַנדרע לעטורנער קוקט זי אָן און עפּעס אַ וואַרעמע פאַר־ליבטקייט צעגיסט זיך אין זיינע אַנטציקטע אויגן.

אַ זייגער אַכט אין אָוונט איז שוין כמעט ווי פאַרטיק דער דעק פון פאַראַם. איצט באַדאַרף מען נאָך צופעסטיקן צו אים ליידיקע, נאָר הערמעטיש פאַרשטאָפּטע פעסלעך, ער זאָל באַקו־מען דורכדעם אַ גרויסע שווימקראַפט.

אויפן שיף איז שטיל. עס הערט זיך נאָר דאָס מעסיקע קלאַפּן פון דער אַרבעט. די שטימונג איז ביי אַלעמען אַ גע־פאַלענע. מען שווייגט און מען אַרבעט.

פּלוצלונג צעטראָגן זיך איבערן ים שרעקלעכע ווילדע געוואַלדן:

„מיר טרינקען זיך? מיר טרינקען זיך ?"

דאָס שרייט מיסטער קיר מיט אַן אַרויסגערוקטן בויך, אויף דיקע ציטערדיקע פיס.

מיס גערביי און אינזשינער פאַלסטען טראָגן אַרויס אויפן

שיפדעק די פאַרהלשטע פרוי קיר. ראָבערט קורטיס שפּרייזט צו זיך אין קאַיוטע און קומט באַלד צוריק פון דאָרט מיט אַ אַ ים-קאַרטע אין דער האַנט און מיט קליינע אינסטרו-מענטן.

אויפן שיפדעק איז אַ מהומה. די מאַטראָזן וואַרפן זיך אויפן בישט פאַרענדיקטן פאַראָם. עס איז אַ מוראדיקע געדרענגעניש. מאַנכע ווילן זיך שלאָגן. עס דערהערן זיך ווילדע קולות, אַ גע-וויין...

פאַר מיינע אויגן לויפט פּלוצלונג אַדורך מיין גאַנץ לעבן: אָט אַ קינד, טאַטע-מאַמע, אָט אַ ייִנגל, שול און לערער, און אָט אַ דערוואַקסענער מענטש פאַר אַ גרויסן בייזן ים, וואָס וויל אונדז דורכאויס איינשלינגען...

און איך זע דעם סוף, דעם משוגעדיקן נאַרישן סוף פון מיין לעבן.

דער שיפדעק נידערט אונטער מיינע פיס. דאָס וואַסער רייסט זיך אַרויס פון אונטער די ברעטער און פליצט אין אַלע זייטן. און איך דערמאָן מיך: פריער האָט זיך אַזוי געריסן דאָס פייער, איצט דאָס וואַסער.

„די לעצטע מינוט! די לעצטע מינוט!"—האַקט מיר אין קאָפּ, ווי מיט אַ האַמער.

איך וויל עפּעס טאָן, אָבער איך ווייס נישט, וואָס מען דאַרף טאָן.

פּלוצלונג דערפיל איך אויף זיך אַ האַנט.

דער אַלטער לעטורנער ווינט און ווייזט מיר אָן מיט אַ פינגער אויפן זון. אַ צעמישטער, כאַפּ איך אַרום דעם אַלטן ביים האַלדז און דריק אים צו זיך.

„יאָ, יאָ," — שעפּטשע איך, — „מיר וועלן אים ראַטע-

וען... ראַטעווען... שרעקט אייך נישט. טייערע, שרעקט אייך נישט..."

דער אַלטער וויינט און דאַנקט מיך דורך טרערן. די גאַנצע סצענע געדויערט אַ מינוט, אַ רגע, אַלץ איילט, אַלץ דרענגט זיך און שטויסט זיך און שטופּט זיך און וויל זיך ראַטעווען...

דער "שאַנסעלאָר" זינקט. ער לאָזט זיך לאַנגזאַם אַראָפּ אין אָפּגרונט. דאָס וואַסער האָט שוין אַ כּאַפּ געטאָן מיינע פיס. אינסטינקטיוו פאַל איך צו מיט די הענט צו די שטריק.

פּלוצלונג אָבער הערט אויף די שיף צו זינקען. דער שיף־דעק איז בלויז אויף צוויי פוס נידעריקער פונם ים־פלאַך.

דער "שאַנסעלאָר" בלייבט שטיין אומבאַוועגלעך.

XXV

די נאַכט פון 4־טן דעצעמבער.

ראָבערט קורטיס האָט גענומען דעם יונגן לעטורנער אויף די הענט, איז אַדורכגעלאָפן מיט אים איבער דעם פאַר־פלייצטן שיפדעק און האָט אים אַוועקגעזעצט אינדערהויך לעבן מאַסטבוים.

איך מיט דעם אַלטן לעטורנער האָבן זיך צוגעגרייט אַן אָרט לעבן אַנדרען. קורטיס איז אַרויף אויפן וואַכבריקל.

מיסטער קיר, זיין ווייב, מיס גערביי און פאַלסטען האָבן זיך איינגעאָרדנט אינם הינטערשטן טייל פון דער שיף, וואָס איז נישט געווען פאַרגאָסן מיט וואַסער.

דער לייטענאַנט מיטן באַצמאַן האָבן זיך אַנידערגעזעצט

אויפן זייט-לייטערל און די מאַטראַזן מיט דער איבעריקער מאַנ-
שאַפט זענען אַרויפגעקראָכן אויפן שטריקגעפלעכט, ביי די זעג-
לען און אויף די הענגברעטלעך.

קורטיס האָט בעהייסן אַראָפּנעמען די זעגלען—די שיף זאָל
פעסטער שטיין אויפן וואַסער. אַזויאַרום וועט זי האָבן מער
גלייכגעוויכט און וועט זיך נישט אויסדרייען אויף אַ זייט.

פאַוואָליע בין איך צוגעקראָכן צו קורטיסן און האָב אים
געפרעגט:

„וואָס טוט מען איצט? שוין זשע וועלן מיר נישט אומ-
קומען? דער „שאַנסעלאָר" גוסעט דאָך שוין! דער ים פארצוקט
אים."

קורטיס האָט רויק געענטפערט:

„איך ווייס גאָרנישט! אַלץ איז אָפּגעהאַנגען פון וועטער.
אין דעם מאָמענט שטייט דער „שאַנסעלאָר" דווקא זיכער און
פעסט אין וואַסער. ער זינקט דאָך נישט. איר פילט עס דאָך
אַליין. נאַטירלעך, אַז דער ים זאָל זיך צעבונטעווען, איז שלעכט.
מיר קענען זיך אָבער נישט העלפן, מיין ליבער. על פי טעאָריע
האָבן אונדזערע ביינער שוין לאַנג באַדאַרפט פוילן אויפן דנאָ
פון ים, אָבער מיר לעבן נאָך אַלץ און מיר לעבן מיט ניסים.
יאָ, יאָ, מיט נסים לעבן מיר!... ווער ווייס, אפשר וועלן מיר
זיך אויך פונדאַנען אַרויסקריגן. איך האָב נאָך די האָפענונג
נישט פאַרלאָרן, ניין! און איך וועל זי נישט פאַרלירן אפילו
דעמאָלט, ווען איך וועל מיך ראַנגלען צום לעצטן מאָל מיט די
כוואַליעס אין ים!.."

איך האָב אים נישט גוט פאַרשטאַנען און האָב אים דע-
דיבער געפרעגט:

„שויז איז דער „שאַנסעלאָר" איצט בכוח צו שווימען?

ואָס וואַסער שטייט דאָך העכער פון שיפדעק אויף גאַנצע צוויי פוס? דאָס הייסט דאָך, אַז דער „שאַנטעלאָר" איז אַ טויטע שיף, נישט וואָר?"

ראָבערט קורטיס האָט זיך שוין אַ ביסל אויפגערעגט. ער האָט געזאָגט:

„ניין, הער קאַזאַלאָן, דער „שאַנסעלאָר" איז נאָך נישט געשטאָרבן. אמת, ער איז טויט קראַנק, אָבער ער לעבט נאָך... ביי אַ גוט וועטער קען ער זיך נאָך האַלטן, און קוים קען ער זיך נאָך האַלטן, איז דאָ אַ מעגלעכקייט אַדורכצוקריגן זיך מיט אים צו אַ ברעג... נו, און, חוצדעם, האָבן מיר דאָך עפּעס דעם פּאַראָם. איצט, אַז די קאָמאַנדע האָט זיך אַ ביסל באַרויקט, וועט ער פאַרענדיקט ווערן אין אַ וואָסערע דריי שעה צייט. פאַרטאָג קען מען זיך שוין אַריבערפּעקלען אויפן פּאַראָם, אויב די נויט וועט צווינגען דערצו. ווי איר זעט, האַלטן מיר נאָך גאָרנישט אַזוי שלעכט... כלעבן, איר זענט אַ ביסל צעפּיצטשעט..."

„נו, איר זענט אַן אויסנאַם אין דעם פּרט," — האָב איך געזאָגט און זיך בעת מעשה געחידושט, ווי דערדאָזיקער מענטש רעדט עס אַזוי רויק און קאַלט.—איר פאַרלירט נישט קיינמאָל די האָפענונג... דאָס איז אַ גליקלעכע נאַטור!"

קורטיס האָט געשמייכלט.

„ניין, הער קאַזאַלאָן, די האָפענונג טאָר מען קיינמאָל נישט פאַרלירן אפילו ביים טויט אונטער דער נאָז... איך וועל אייך זאָגן: אויב פון הונדערט שאַנסן, אַ שטייגער, זענען ניינ-אונניינציק קעגן אייך, קענט איר האָפן אויפן הונדערטסטן שאַנס.. גאָט אין הימל, מיט וויפל שיפן איז שוין געשען דאָס אייגענע וואָס מיטן „שאַנסעלאָר" און דאָך האָבן זיך מענטשן געראַטע-

וועט, איך ווייס פון ערגערע פּאַלן און פון אַן ערגערער ים־לאַגע, ווי ביי אונדז, און דאָך האָבן זיך די מענטשן אַרויסגעקריגן פון דער נויט. די גרעסטע צרה איז, וואָס אַ מענטש זאָגט זיך אין אַזאַ פּאַל: „ווײ צו מיר, איך שטאַרב!" אַנשטאָט דעם, וואָס ער דאַרף זיך זאָגן: „ניין! איך וועל מיך אַרויסקריגן! איך וועל נישט אומקומען!" מען דאַרף וו ע ל ן אויסהאַלטן און דערין ליגט דער גאַנצער קונץ!"

אַ מאָדנע זאַך: דערדאָזיקער קורטיס באַרויקט מיך שטענדיק, הגם איך בין נישט אַלעמאָל מסכים מיט אים. ער קען באמת אנשטעקן אַ מענטשן מיט מוט און האָפענונג.

איך בין אַוועק אויף מײַן אָרט און האָב מיך אוועקגעזעצט לעבן די לעטורנערס.

דער אַלטער האָט געשוויגן, דער יונגער איז געזעסן שטיל. די נאַכט האָט זיך לאַנג, לאַנג געצויגן.

אָבער אפילו אָט די צרהדיקע שטילקייט ווערט אונדז, קענטיק, אויך נישט פאַרגונען. אויפן שיף איז ווידער אַ מהומה. דאָלאַס, דער גאַנצער מאַכער פונם פּאַראָם, איז אַרויף אויפן שיפדעק און האָט געמעלדן, נישט מער און נישט ווייניקער, אַז עס איז אים אַנטרונען געוואָרן זיין גאַנצע מאַכעריי... דער פּאַראַם איז אַוועק מיט די כוואַליעס און אַ גוטען טאג מיט דער קאַפּאָטע...

מען האָט אים, קענטיק, נישט גוט צוגעפּעסטיקט צום „שאַנסעלאָר", דהאָט ער זיך באַליידיקט און דהאָט געמאַכט פּיס...

וואָס טוט מען איצט?

די מאַטראָזן זענען אַראָפּגעשפּרונגען פון זייער'ע ערטער האַלב משוגע. זיי דהאָבן געהאָפּט אויפן פּאַראָם, ווי אויף דער

איינציקער ישועה, און איצט איז שוין אָט די ישועה—דאָס סאַמע לעצטע מיטל—אויך קאַפּוט.

זיי האָבן געשריען:

„לאָמיר ברעכן די מאסטביימער, די געשטעלן, די בריקן! מיר האָבן נישט מער וואָס צו וואַרטן! דער טויט פּאַקט איבער אונדז! קיינער וועט אונדז דאָ נישט ראַטעווען, אויב מיר וועלן עס אַליין נישט טאָן! ברעכט, ברידער, די מאסטביימער, רייסט די שטריק, לאָמיר פאַרענדיקן דעם פאראַם! די צייט איז קורץ!..."

קורטיס איז אַרויסגעשפּרונגען פון זיין וואַכבריקל, ווי אַ חיה.

„קיינער זאָל זיך נישט רירן פון אָרט!"—האָט ער געשריען.—„אָן מיין באַפעל וועט דאָ קיין פאָדעם נישט איבערגעשניטן ווערן! דער „שאַנסעלאָר" האָט נאָך נישט פאַרלאָרן זיין גלייכגעוויכט און דעריבער קען ער זיך נאָך האַלטן! איך פאָדער, מען זאָל זיצן רויק אויף די ערטער, ווי פריער. און דער, וואָס וועט נישט פאָלגן, וועט באַצאָלן מיטן לעבן! רויק זאָל זיין!"

די מאַטראָזן, אויפגערעגטע און בייזע, האָבן זיך דאָך אונטערגעגעבן און זענען אַוועק אויף זייערע ערטער.

די נאַכט ד'האָט זיך אַדורכגעשלעפּט איבער אונדז, אַ פינסטערע, אַ טריבע און אַ שווערע. מיר ד'האָבן זי געפילט אויפן געזיכט און אויף די הענט, ווי עפּעס פיינלעכס, און קיינער האָט נישט צוגעמאַכט מיט אַן אויג.

מען האָט געוואַרט אויפן טאָג מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג, און ער איז געקומען אַ בלאַסער, אַ פרעמדער.

קורטיס האָט זיך באַלד אַרויפגעכאַפּט אויפן סאַלינג און האָט אַ וואָרף געטאָן די אויגן אין ים אַריין: ער האָט גע-

זוכט דעם נישט פאַרענדיקטן פּאַראָם און האָט אים נישט גע-
פונען.

קורטיס האָט געהאַט אַ פּלאַן: אויב דער פּאַראָם באַמבלט זיך דאָ ערגעץ נישט ווייט אַרום אין וואַסער, וואָלט מען זע-
קענט צושווימען צו אים מיטן ווערבאָטל און אָוועקשלעפּן אים צוריק אויף זיין אָרט. אָבער מען זעט אים נישט מער און מען הערט אים נישט מער.

דער אומגליקלעכער קאַפּיטאַן, וואָס האָט אָבער שטענדיק אויסגעוויזן, ווי אַ גליקלעכער, איז אַראָפּגעקראָכן פון סאַלינג און האָט געזאָגט:

„פאַרפאַלן! קיין אַנדער ברירה איז נישטאָ: מיר מוזן בויען פונדאַמענט... עס מוז פונדאַמענט געמאַכט ווערן אַ פּאַראָם און זאָל מען טאַקע שוין צוטרעטן צו דער אַרבעט!"

און אָט האָט זיך אָנגעהייבן ווידער אַן אַרבעט.

דער עולם איז אַראָפּגעקראָכן פון די אַלטע ערטער און האָט זיך אויסגעזוכט נייע, באַקוועמערע. ווײַבאַלד, אַז דער „שאַנסעלאָר" שטייט און זינקט נישט, קען מען זיך דאָך מאַכן באַקוועמער.

הענטלי, אַ חסר-דעהדיקער, כמעט ווי אַ שטומער, איז צוגעקראָכן צום מיסטער קיר און האָט זיך איינגעאָרדנט לעבן אים. דער מיליאָנער האָט אים נישט אַוועקגעטריבן. דערזען, אַז זיינע טענות און תביעות העלפן נישט און רירן קיינעם נישט, איז ער דערווייל אויף פאַרשטומט געוואָרן...

עס הערט זיך דאָס קלאַפּן פון האַמערס און העק—מען בויט מיט מזל דעם נייעם פּאַראָם.

וואָס וועט פאַרט איצט זיין? וואָס וועט זיין מיט אונדז?
איך בין מיך מודה און מתודה: איך זע נישט קיין אויס-

חעג. רייד איך מיט קורטיסן, איז נאָך גישקשה. פאַרליר איך אים אָבער פון די אויגן, זע איך, אַז מיר זענען די אומגליקלעכסטע פון אומגליקלעכע.

איין העכערע כוואַליע פון ים, איין פייף פון שטורעם־ווינט—און מיר ליגן אַלע אויפן דנאָ...

דאָס איז פאַר מיר קלאָר, ווי דער טאָג.

XXVI

צ דעצעמבער.

דער בלאַסער פרימאָרגן האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ הייסן טאָג. אויפן זעכצעטן פאַראַלעל איז דער דעצעמבער אַן עכטער זומער־חודש.

הויכע כוואַליעס גייען אויפן ים. זיי גייען מיט שוים און שפריצן אונדז אָפּ, ווי מיט אַ געדיכטן רעגן.

אַלע האָבן זיך ביסלעכווייז אַריבערגעצויגן אויפן שפּיץ פון „שאַנסעלאָר“, און דאָך זענען מיר נאָענט פון ים־פלאַך...

אויפן הויכן שטריקגעפלעכט האָט מען אויסגעלייגט ברעטער און וועגן, אין דער עולם האַלט זיך אויף זיי. אפילו די דאַמען האָבן זיך צוגעפּאַסט צו דידאָזיקע אויסטערלישע וווּנונגען. קורטיס האָט אָבער אַ ווייך האַרץ, נישט געקוקט דערויף, וואָס ער איז לעצטנס אַזוי האַרט און שטרענג, האָט ער צוועקגעשטעלט אַ וואַך לעבן די דאַמען, און דידאָזיקע וואַך מוז זאָרגן פאַר זיי און זיי אָפּהיטן.

און דער „שאַנסעלאָר“ זינקט נאָך אַלץ נישט. ער שטייט

אויף איין אָרט אומבאַוועגלעך, ווי אַ תם. דער קאַפּיטאַן איז
גערעכט.

איצט בויט מען דעם פּאראם שוין נישט אַזוי לייכטזיניק,
ווי פריער. קורטיס אַליין איז דער משגיח איבער דער אַרבעט.
כּודם כּל מוז ער זיין אַ שטאַרקער, אַ פעסטער, וואָרים מיר האָבן
נאָך צו גיין עטלעכע הונדערט מייל ביז גוויאַנע. אַלע זענען
מסכּים, אַז עס איז גלייכער אָפּצופּאַקוטעווען נאָך אַ פּיינלעכן
טאָג אויף די שפּיצן פון „שאַנסעלאָר", אַבי דער פּאַראָם זאָל
אַרויסקומען נישט קיין פושערישער. מען האָט געוואָלט אַ רעכט
שטיקל אַרבעט, נישט קיין טאַנדעט...

פּאַראַן ביי אונדז איין מענטש אויף דער שיף, וואָס די
גאַנצע פּאַראָמאונטערנעמונג שמעקט אים נישט. דאָס איז רעדי,
אַ זעכציקיעריקער מאַטראָז, אַן אירלענדער, וואָס איז גרוי און
וויס געוואָרן אויפן ים. ער האַלט, אַז אויפן „שאַנסעלאָר" איז
זיכערער, ווי אויפן פּאַראָם, נישט געקוקט דערויף, וואָס דער
„שאַנסעלאָר" האָט ליב ירידה... קיינער איז אָבער נישט מסכּים
מיט דעמדאָזיקן פריצייטיקן זקן...

טיילמאָל שלעפּט ער מיך אַריין אין אַ קורצן שמועסל.
ער האָט ליב צו רעדן.

„פריצל,"—מאַכט ער צו מיר און קייט בעת מעשה זיין טאַ-
באַק,—„מען וויל איבערלאָזן אויף הפקר אונדזער שיף... איך זאָג
אייך, אַז עס איז אַ נאַרישקייט! הערט, פריצל, גאַנצע צען מאָל
האָב איך איבערגעלעבט די סכּנה דערטרונקען צו ווערן: פיר מאָל
אין אָפענעם ים און פינף מאָל ביים ברעג... אין די ים-קאַטאַ-
סטראָפעס האָב איך שוין גענוג פּראַקטיק. איך האָב מיך שוין
גענוג אָנגעזען און אָנגעהערט און אָנגעלערנט. און צעהאַקט
זאָל איך ווערן אויף שטיקער און קיין זכר זאָל פון מיר נישט

בלייבן און שטום זאָל איך ווערן אויפן גאַנצן לעבן, אויב איך זאָג אייך אַ ליגן, אַז די אַלע מענטשן, וואָס ראַטעווען זיך אויף שיפלעך און פּאַראָמען, ווערן סוף־כּל־סוף דערטרונקען... מען דרייט זיך אַהער און מען דרייט זיך אַהין און מען וואַרט אויף הילף און מען זוכט דעם פּאַראַיאָריקן שניי און מען ווערט דער־טרונקען. דאָס איז שוין אַ כּלל, אַן אַלטער כּלל און מען דאַרף אים דערעיקרשט געדענקען און גוט אַריינגעמען אים אין זינען. איר הערט, וואָס איך רייד צו אייך?"

אַן, איך הער, וואָס ער רעדט, אָבער איך ווייס נישט וואָס צו ענטפערן...

איך בין דול. דער קאָפּ איז מיר דול.

מיסטער קיר און קאַפּיטאַן סילאַס העגטלי זיצן אויף זייער זייטבריקל און שמועסן, ווי צוויי אַלטע באַקאַנטע.

אַ מערקווירדיקע זאַך: דער פריערדיקער קאַפּיטאַן פון „שאַנסעלאָר" וויל מיט קיינעם נישט רעדן. ער איז תּמיד שע־מעוודיק און איבערגעשראָקן און אומבאַהאָלפן. אָבער מיט קירן רעדט ער גערן. ער רעדט און מאַכט מיט די הענט, ווי אַ מענטש, וואָס איז פאַרטיפט אין אַ וויכטיקן שמועס. נאָכדעם קוקט ער אויפן ים און אויפן הימל און רעדט ווייטער צו קירן. דער באַפּט־מיליאָנער הייבט זיך אויף אויפן זייטבריקל און נעמט פאַ־וואָליע קלעטערן מיטן בויך צו דעם שכנותדיקן בריקל, ווו עס שטייען עטלעכע מאַטראָזן. דידאָזיקע אָפּעראַציע קומט אים אָן נישט זייער לייכט און איך דריי מיך אויס פון דעמדאָזיקן בילד...

איך נעם אויך קלעטערן, אָבער אַ ביסל לייכטער פון קירן. איך קלעטער גאָר אין אַן אַנדער זייט, צו מיין אָרט, צו די לעטורנערס, ווו עס זיצן איצט מיס גערביי און פאַלסטען. די

זון ברענט, ווי אַ באַקאַויוון, איך אָטעם מיט פייער. ס׳איז נאָר אַ שטיקל נס, וואָס איבער אונדז הענגט אַ זעגל, אַ נישט וואָלטן מיר זיכער פאַרברענט ווערן.

פינף אַ זייגער עסן מיר אָוונטברויט. יעדער באַקומט איצט אויף זיין חלק אַ סוכאַר מיט אַ שטיקל געטריקנטן פלייש און אַ האַלב גלאָז וואַסער.

נישט ווייט פון אונדז ליגט מיסיס קיר, און איך זע, ווי זי איז שוין אויף אַן אמת האַלב אָפּגעחלשט. עסן קען זי נישט. עס דריקט איר אונטערן האַרצן, זי איז קראַנק.

מיס גערביי האָט שוין איצט גרויס מיטלייד מיט איר. עפּטער טראָגט זי איר צו אַ ביסל פריש וואַסער צו די פאַר־טריקנטע און צעפּלאַצטע ליפּן. איך טראַכט, אַז דידאָזיקע אי־בערגעזעטיקטע און אויסגעפּיפּסטשעטע פרוי וועט לאַנג נישט אויס־האַלטן. אַזאַ מין „נסיעה" איז דאָך נישט פאַר אירע מיליאָנע־רישע כוחות...

דער מאַן האָט איר אינגאַנצן פאַרלאָזט. ער גייט זי גאָרנישט געוואָר ווערן. ער פרעגט אַפילו נישט אויף איר...

אויפן שיף, ווו מען לעבט אַזוי איינג צוזאַמען, מאַכט עס אַ שווערן איינדרוק, אָבער קיינער רעדט נישט דערפון...

מיר פאַלט איין, אַז דאָס קלעטערן, וואָס ער קלעטערט צו די מאַטראָזן און פון זיי ווידער צו אַ צווייטן בריקל, איז נישט עפּעס אַנדערש, ווי אַ „לופט־נסיעה" צו דער ווייב...

און אים האָט זיך, קענטיק, פאַרט דערוועקט דאָס האַרץ. אַ מענטש איז דאָך נישט קיין שטיין. אָט וויל ער מסתמא אַריבערקלעטערן אויף אונדזער זייט און צוקומען צו דער ווייב...

ס׳איז אָבער נישט קיין לייכט שטיקל אַרבעט פֿאַר אַזאַ בויך. ער קען דאָ ברעכן האַלדז און נאַקן.

פּלוצלונג שטעלט ער זיך צו, אָנהאַלטנדיק זיך אָן די שטריק און נעמט רופֿן די מאַטראָזן, וואָס שטייען אויף אַן אונטערשטן בריקל.

איך הער, ווי ער שרייט צו זיי און באָט זיי אָן געלט פֿאַר זייער טרחה. צוויי מאַטראָזן, באָרק און סענדען, דראַפּען זיך שנעל אַרויף, ווי די קעץ, צו קירן, וואָס טענהט עפּעס מיט זיי. מען דינגט זיך, קענטיק, און די מאַטראָזן גייען נישט איין אויף דער סומע, וואָס ער לייגט זיי פֿאָר. מיסטער קיר איז אַ קאַרגער און האַלט זיך אין איין דינגען מיט זיי.

צולעצט נעמט ער אַרויס פֿון קעשענע אַ פּעקל דאָלאַרס און גיט עס איבער די מאַטראָזן.

די מאַטראָזן ציילן פֿריער איבער פּאַוואָליע דאָס געלט, נאָכדעם וויקלט מען אַרום מיט שטריק דעם מיליאָנער און מען לאָזט אים אַראָפּ אויפֿן אונטערשטן בריקל. מיסטער קיר דרייט זיך בעת מעשה מיטן שטריק, ווי אַ געהאָנגענער, די מאַטראָזן לאַכן...

איך האָב מיך אָבער טועה געווען. מיסטער קיר טראַכט גאָרנישט פֿון זיין אשה. אויפֿן אונטערשטן בריקל באַגעגנט ער זיך מיט העלענעלין און ביידע לאָזן זיך אַריין אין אַ לאַנגן שמועס.

דער ים איז אַ ביסל אומרויק. אויפֿן האָריזאָנט שווימען אַרום רויט-געלע וואָלקנס: מאָרגן וועט מסתמא זיין ווינטיק. צי ענדערט זיך דאָס וועטער?

פֿאַר אַ צפֿון-מזרח-ווינט שרעקן מיר זיך נישט: ער וואָלט אונדז געטריבען צום ברעג...

ראָבערט קורטיס האָט זיך אויפגעהייבן אויפן וואַכבריקל. ער איז עפּעס נישט צופרידן מיט דער מראה פון הימל. עס באַאומרויקט אים די וועטער-ענדערונג. ער קוקט לאַנג אויפן הימל און קוקט לאַנג אויפן ים, ווי ער וואָלט זיי געבעטן, זיי זאָלן זיך האַלטן אין די ראַמען פון אָנשטענדיקייט...

איך פיל, אַז מיר פאַרוויקלען זיך עפּעס אין אַ ניי אומגליק — אפשר דאָס לעצטע? עפּעס קלויבן זיך אַרום אונדז שוואַרצע אומבאַקאַנטע כוחות, און מיר זענען אַזוי שוואַך...

עס ווערט מיטאַמאָל אָפּגעהלשט-שטיל אויפן ים. אַפילו דאָס ווינטעלע פאַלט. דער זעגל הענגט, ווי אַ צעקנייטשטע העמד...

דער ים, דער הימל, די לופט — אַלץ איז מיטאַמאָל אָפּגעשטאָרבן.

עס ווילט זיך מיר שלאָפן — איינשלאָפן אויף אייביק. די אויגן קלעבן זיך מיר, אָבער איך שטאַרק מיך און שטעל מיך אויף אויף די פיס.

עלף אַ זייגער ביינאַכט שניידט זיך אויס די לבנה אויפן הימל. דער ים נעמט גלאַנצן, ווי אַן אָפּגעפּאָליטורטער. איך שטיי און קוק אין ים אַריין. ער איז גלאַט און ליכטיק און עפּעס הייבט זיך אויף אים און לאָזט זיך אַראָפּ. צי ווייזט עס מיר אויס אַזוי?

ניין, דאָס אויג זעט ניכטער און דייטלעך.

וואָס קאָן עס זיין?

אַ פעלז געוויס נישט — אַ פעלז באַוועגט זיך נישט. מיין מוח אַרבעט אָבער אַזוי פויל און אַפּאַטיש, אַז ס'איז מיר אַלצאיינס, וואָס דאָס זאָל נישט זיין. איך וויל בעסער שלאָפן...

אַך, שלאָפן, שלאָפן!...

און, ווי צוגעפּאַסט צו מיין אינערלעכן צושטאַנד, פאַר־קלעפּט אַ שוואַרצער וואָלקן די לבנה. אויפן ים ווערט שטאָק־פינסטער.

איצט קען מען באמת שלאָפן. אָבער ווו?

XXVII

6 דעצעמבער.

איך שלאָף זיצנדיק. אַ שאַרפער פייף פון ווינט וועקט מיך אויף. עס איז פיר אַ זייגער פאַרטאָג. ראָבערט קורטיס שרייט אין ווינט אַריין. דער „שאַנסעלאָר" וויגט זיך און קרעכצט ווי אַ קראַנקער זקן.

איך הייב מיך אויף און האַלט מיך אָן פאַר די שטריק.

אויפן ים איז פינסטער, אָבער מען הערט גוט זיין לשון. ער גרייט זיך, דער ים. איך פיל אינדערפינסטער, ווי ער פאַר־זאַמלט זיינע שוואַרצע כוחות. ווי אַלעמאָל, גייט ער צוזאַ־מען מיטן ווינט. דער ווינט שלאָגט פון אייבן, דער ים פון אונטן.

פון קורטיסעס שטרענגע קולות פאַרשטיי איך, אַז מיר האַלטן שלעכט. ער טרייבט די מאַטראָזן, שפּרינגט אַרום פון אויבן אַראָפּ און פון אונטן אַרויף און שרייט צום באָצמאַן, צום לייטענאַנט.

איך פרעג דעם מאַטראָז, וואָס בינדט איבער די שטריק,

ניִשט ווייט פון מיר:

„וואָס איז געשען?"

און יענער וואַרפט מיר צו אַ ברוגזער:

„דער ווינט האָט זיך געענדערט?"

„וואָס הייסט?"

„מיר האָבן איצט אַ דרום־מערב־ווינט..."

דאָס האַרץ איז מיר געפאַלן. אַזוי־אַרום ווערן מיר געטריבן נישט צום ברעג, נאָר ווייטער און טיפער אין אָפענעם ים!...

די זאָרג ווערן שווערער און געדיכטער. עס איז קלאָר: אַלץ פירט צום אומפאַרמיידלעכן סוף.

ביסלעכווייז הייבט אָן צו שאַריען אויף טאָג. דער ים דעקט זיך אויף אין זיין גאַנצער אימהדיקייט. איצט זעען מיר די התחלה פון אַ געפערלעכן שטורעם.

פאַר דער נאַכט האָט די שיף שטאַרק געזונקען. דאָס וואַסער אויפן שיפדעק דערגרייכט שוין ביז אַכט פוס. אַלץ רוקט זיך אַראָפּ, אַלץ גייט צום דנאָ פון ים.

ראָבערט קורטיס אַרבעט מיט די מאַטראָזן ביים פּאַראָם.

די אַרבעט גייט אָבער צו זייער שווער: די טאַנצנדיקע כוואַליעס שטערן שטאַרק. זיי רייסן און צעטראָגן דאָס, וואָס מען בינדט און מען באַפעסטיקט.

עס איז נישט בלויז אַ קריטישע לאַגע, נאָר אויך אַ קאָמישע. דער ים טרייבט חוזק פון אונדז.

די לעטורנערס שטייען לעבן מיר. דער פאָטער האַלט אונטער דעם זון, וואָס שטייט שוואַך אויף די פיס — די שיף וויגט זיך אַרום.

דער אַלטער שעפטשעט:

„הער קאַזאַלאַן, איך טרוי נישט דעם מאַסטבוים: ער וועט באַלד אומפאַלן...“

אונדזער בריקל, אויף וועלכן מיר שטייען, איז צוגעפּעסטיקט צו דעמדאָזיקן מאַסטבוים.

„שוין זשע האַלט עס שוין אַזוי שלעכט?“ — פרעג איך דעם אַלטן.

דער אַלטער שווייגט.

מיס גערביי הייבט זיך אויף פונם שכנותדיקן בריקל. זי ווייזט אָן אויף דער פּיליאָנערין, וואָס ליגט, ווי אַ טויטע און פרעגט:

„וואָס טוט מען איצט? וואָס זאָל איך טאָן מיט איר?“

איך זאָג:

„דאָס בעסטע איז—פאַרבלייבן דאָ.“

אַנדרע באַמערקט:

„מיס גערביי, שרעקט אייך נישט... דאָ איז נישט געפערלעך...“

מיס גערביי וואַרפט אונדז צו

„איך שרעק מיך נישט פאַר זיך, נאָר פאַר די, וואָס זענען אומבאַהאָלפענער פאַר מיר... פאַר זיי בין איך אומרויק!

אַנדערע קולות, שטאַרקערע, רייסן איבער אונדזער שמועס.

דער באָצמאַן שרייט צו די מאַטראָזן:

„מען דאַרף אָפּבינדן דאָס וועלבאָטל“.

פון דער זייט ענטפערן אַ פּאָר מאַטראָזישע שטימען:

„דאָס וועלבאָטל איז נישטאָ...“

„וואָס הייסט?“

„מסתמא פאַרטראָגן געוואָרן אין ים אַריין ?...״

„אַך, פאַרשאָלטן זאָל דאָס ווערן!״—רייסט זיך אַרויס פון באָצמאַנס האַלדז.

קאַפּיטאַן קורטיס קלאַפּט זיך אין שטערן. די ציין זענען אים פאַרדריקט. דער מענטש ווערט אָנגעגאָסן מיט רציחה. מען קוקט זיך אַרום און מען כאַפּט זיך: עס פעלן פינף מענטשן — מיסטער קיר, דזשאָן סילאַס העגטלי און דריי מאַטראָזן...

איצט פאַרשטיי איך דאָס פינטל, וואָס איך האָב ביינאַכט געזען זיך טוקן אויפן וואַסער...

זיי האָבן געמאַכט פּליטה.

דער מיליאָנער האָט איבערגעלאָזט זיין ווייב אויף הפקר; העגטלי, וואָס איז האַלב משוגע, האָט איבערגעלאָזט זיין „שאַנסעלאָר״ אויף הפקר. די מאַטראָזן האָבן אונדז צוגעגנבעט דאָס איינציקע שיפל, וואָס מיר פאַרמאָגן, די לעצטע ה־אָפענונג אונדזערע...

דער באָצמאַן ברומט:

„זאַלבעפינפט וויל מען זיך ראַטעווען!״

דער אַלטער מאַטראָז ענטפערט אים, ווי אַן עכאָ:

„זאַלבעפינפט וועט מען אומקומען!״

מיר זענען איצט צוויי־און־צוואַנציק נפשות. אונדזער משפחה האָט זיך פאַרקלענערט.

די מאַטראָזן זענען שטאַרק אויפגעבראַכט אויף די פּליטה־ניקעס. עס פעלן שווערע זידלווערטער. עמעץ איז מבטיח, אַז זיי וועלן זייער מיאוס אָפּשניידן, אויב זיי וועלן נאָר אַריינפאַלן צעבעדיקערהייט אין די האַרטע מאַטראָזישע הענט...

„זיי וועלן אָבער פריער דערטרונקען ווערן!״ —זאָגט ווי־דער דער אַלטער מאַטראָז,- געדענקט מיינע ווערטער!...״

איך האַלט, אַז מען דאַרף נישט זאָגן מיסיס קיר, אַז איר מאַן האָט געמאַכט פּיס און האָט זי איבערגעלאָזט אויף הפקר. די פרוי איז ערנסט קראַנק, און איך זע נישט אײן קײן פּעולה אין דעם, וואָס מען וועט פּערערגערן איר צו־שטאַנד.

אויף יעדן איינעם, וואָס ווערט קראַנק אויפן „שאַנסע־לאָר" איז ממש אַ רחמנות צו קוקן. מיר האָבן נישט קיין רפואות, אונדזער אַפּטייק איז פּאַרטרונקען געוואָרן, מיר קענען נישט געבן קיין מעדיצינישע הילף און, דערעיקרשט, מיר האָבן נישט קיין רויק געלעגער פאַר אַ חולה.

מיסיס קיר טאָר זיך נישט אויפרעגן, און דעם מאַנס פּליטה באַדאַרף זיין אַ סוד פאַר איר.

XXVIII

6 דעצעמבער. פּאַרנאַכט. ביינאַכט. פאַרטאָג.

דער „שאַנסעלאָר" פּאַרלירט דעם גלייכגעוויכט. ער זינקט אַלץ מער און מער אין וואַסער. מען זעט בחוש, ווי ער פּאַר־לירט די כוחות, ווי אַ לעבעדיק באַשעפעניש...

אין אָוונט ווערט פּאַרטיק דער פּאַראָם, און אַלע נפשות פון „שאַנסעלאָר" וועלן זיך אַריבערפּעקלען אויף אים, אויב ראָבערט קורטיס וועט נאָר איינגעפינען, אַז ס׳איז די העכסטע צייט דערצו. אָן קורטיסעס הסכמה טאָר מען קיין איין שריט נישט מאַכן. מיר מוזן אים געהאָרכן, און עס אַרט מיר נישט: דאַרף דאָך צו איין מענטשן, דעם ספּעציאַליסט אוז דעם מומחה,

געהערן די שטאַרקסטע שטימע אין דעמדאָזיקן כאַאָס און פּחד?...

דער פּאַראָם ווערט פעסט געבויט. מיט גראָבע שטריק זענען געבונדן די בעלקעס, דער דעק איז באַשלאָגן מיט ברע־טער און באַדעקט מיט בלעטער אייזן. ער הייבט זיך איבערן וואַסער אויף גאַנצע צוויי פוס כמעט.

אויב דער „שאַנסעלאָר" איז טויט, טאָ זאָל כאָטש לעבן דער פּאַראָם...

צו נאָכהאַלבן טאָג האָט מען גענומען איבערשלעפּן די נייטיקע זאַכן פון דער שיף אויפן פּאַראָם. מען האָט געשלעפּט זעגלען, פאַרשידענע אינסטרומענטן, בעטלעך, קיכגעשיר, פעסער, פלעשער, לייוונט...

אַלע האָבן זיך בעטייליקט אין דערדאָזיקער אַרבעט.

און דער „שאַנסעלאָר" רוקט זיך אַלץ אַראָפּ. איך וועל זיין געוואַלדיק פאַרחידושט, ווען איך וועל מאָרגן עפענען די אויגן און וועל אים נאָך געפינען אויפן וואַסער...

דאָס וועט פשוט זיין אַ נס, אַ וווּנדער, וואָס וועט זיך מיט קיין שום ווערטער נישט לאָזן דערקלערן.

איך וואָלט געוואָלט זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן אונדזער געמיט־צושטאַנד אין דערדאָזיקער טראַגישער שעה. וועגן זיך קען איך נאָר זאָגן, אַז איך בין געווען גלייכגילטיק. נישט דערשראָקן, נישט דערשלאָגן, נישט פאַרצווייפלט (דאָס אַלץ האָב איך שוין איבערגעלעבט!), נאָר טאַקע גלייכגילטיק. ס'איז מיר געווען אַלצאיינס. קיין אויסוועג האָב איך סיי־ווי ישנט געזען...

די לעטורנערס וואָלטן אפשר אויך געווען גלייכגילטיק, אָבער אַזוי ווי דאָס זענען פאָטער און זון, איז מען שטאַרס

פאַרזאָרגט און איבערגעשראָקן פאַר אײנאַנדער: דער טאַטע שרעקט זיך פאַרן גורל פון דעם זון און דער זון טראַכט נאָר אַלץ װעגן דעם גורל פון פאָטער. איך מוז אָבער צוגעבן, אַז אַנדרע איז זײער אַ דרײסט ײנגל, װאָס האָט אַ געװיסע באַציונג צום טויט: אַ באַציונג אָן שרעק...

אינזשינער פּאַלסטען, װירער, איז תּמיד צופרידן. װעגן דעמדאָזיקן מענטשן קען מען זאָגן, אַז ער האָט הנאה, װאָס עס װערט ערגער... עס איז אים, קענטיק, זײער אינטערעסאַנט צו זען, װי עס גײט אונטער אַ שיף און װי מענטשן ראַטעװען זיך אין גרויס נויט און שרעק. דאָס נעמט זיך בײ אים נישט פון שלעכטסקײט, נאָר פון דעם, װאָס ער איז זײער להוט נאָך אײנדרוקן...

דאָס לעבן האָט ער שוין גענוג דײטלעך געזען, איצט װאָלט ער, קענטיק, געװאָלט דײטלעך זען, װאָס איז עס פאַר אַ בריאה דער טויט...

ו, און מיס גערבײ? אַך, מיס גערבײ איז אַ פּרעכטיק מײדל. דאָ זע איך בלויז ליכטיקע מעלות, אָן חסרונות. איך זע מוט און האַרץ און שײנקײט און שכל... װאָס קען זײן מער, װי דאָס אַלץ?

מיסיס קיר װעט זיך שוין, אפנים, נישט אױפהײבן פון איר ליג-אָרט... מיר טוען אַלע פאַר איר, װאָס מיר קענען. אָבער צי װעט עס העלפן? אײן גאָט אין הימל קען איר העלפן. אַ מענטשישע האַנט איז שוין צו שװאַך פאַר דעם.

װאָס אָנבעלאַנגט אָבער די מאַטראָזן, פאַרהאַלטן זיך בלויז אַ צװײ-דרײ מער אָדער װײניקער אָנשטענדיק, די איבעריקע זענען בײז, גראָב, שלעכט און פאַרצװײפלט. מיט זײ דאַרף מען זײן זײער פאָרזיכטיק, װי מיט שונאים, װאָס זענען פעיק

אויף אַלץ...

לייטענאַנט וואַלטער איז לעצטנס זייער אָפּגעשוואַכט געוואָרן. ער ווערט אויך ביסלעכווייז ענלעך צו הענטלין, הגם ער איז בעצם אַ גאַנץ מוטיקער מענטש און האָט זיך ביז אַהער באַטייליקט אין דער רעטונג פון „שאַנסעלאָר".

קורטיס מיטן באָצמאַן זענען די שטאַרקסטע, מוטיקסטע און זיכערסטע מענטשן צווישן אונדז. און פעסט זענען זיי נישט בלויז מיטן חומר, מיטן גוף, נאָר אויך מיטן האַרץ, מיט דער נשמה. אויף זיי קען מען זיך פאַרלאָזן, זייערס אַ וואָרט האָט וואָג און ווערט...

און אויב מיר וועלן געהאָלפן ווערן, וועט עס געשען נאָר דורך זיי.

איך האָב נישט לאַנג געשריבן וועגן דעם, אַז די מיליאָנערין האָלטן שמאָל. איצט מוז איך מיט אויפריכטיקן טרויער פאַרצייכענען: מיסיס קיר האָט פינף אַ זייגער נאָכהאַלבן טאָג אויף אייביק צוגעמאַכט די אויגן...

זי האָט געהאַט אַ לייכטן טויט, אָן יסורים און אָן באַוווסטזיין... דאָס לעבן אירס איז מיטאַמאָל איבערגעריסן געוואָרן.

פאַרטאָג איז זי געקומען צו דער קבורה אין ים. מען האָט עס אָדורכגעפירט מיט אַלע צערעמאָניעס און מיט גרויס פאַראַד.

אין דעם מאָמענט, ווען מען האָט זי אַראָפּגעלאָזט אין ים, זענען ערגעץ פון אויבן געפאַלן איבער מיין קאָפּ די דאָזיקע ווערטער:

„מעז לאָזט אַראָפּ אַ קערפּער אין ים... מיר וועלן זיכער

חרטה האָבן דערויף..."

איך האָב מיך אומגעקוקט. אויבן, אויפן שטריקגעפלעכט, איז געשטאַנען דער מאַטראָז אָווען...

אין די רעיונות האָט מיר מיטאַמאָל אַ זעץ געטאָן, ווי אַ דונער, און איך האָב פאַרשטאַנען דעם מוראדיקן זין פון דיראָזיקע ווערטער: א י נ ג י כ ן וו ע ל ן מ י ר נ י ש ט ה אָ ב ן וו אָ ס צ ו ע ס ן!...

קיינער האָט אים נישט געענטפערט.

XXIX

7 ד ע צ ע מ ב ע ר.

דער „שאַנסעלאָר" טוט נאָר איין זאַך: ער זינקט אין ים. דער גרעסטער טייל שפיצן ליגן שוין אין וואַסער, דאָס גאַנצע שטריקגעפלעכט איז שוין פאַרטרונקען. עס שטעקן נאָך די שפיצן פון דריי מאַסטביימער...

עס צופּט דאָס האַרץ, בשעת מען שטייט ביים סוף פון דערדאָזיקער שיינער, שטאַרקער שיף...

דער פּאַראָם איז שוין אָבער פאַרטיק, און אַלץ, וואָס מען האָט נאָר געקענט, האָט מען איבערגעשלעפּט אויף אים.

אויף דעם פאָדערשטן טייל האָט מען געמאַכט אַ געשטעל פאַר אַ מאַסטבוים. אַזויאַרום וועלן מיר באַקומען הילף אויך פון ווינט. צי וועט אונדז אָבער דער פּאַראָם דערפירן צום ברעג? איך בין מיך מודה: איך האָב נישט קיין זיכערן ענטפער אויף דערדאָזיקער פראַגע...

עס איז ערשט זיבן אַ זייגער.

מיר פּעקלען זיך איבער אויפן פּאַראָם. און אָט, אַקוראַט אין דעם מאָמענט, ווען יעדער איינער פון אונדז נעמט זיינע קליינע פּעקלעך אין די הענט און וויל מאַכן דידאָזיקע קליינע נסיעה, גיט זיך דער „שאַנסעלאָר״ מיטאַמאָל אַ לאָז אַראָפּ אין תהום אַריין...

דער טשעסלער מיט זיינע העלפער באַווייזן קוים איבער־צעהאַקן די שטריק, וואָס בינדן דעם פּאַראָם מיטן „שאַנסעלאָר...״

עס איז אַ פיינלעכע מינוט, פול פּחד און יסורים: דער „שאַנסעלאָר״ גייט אַראָפּ צום דנאָ, דער פּאַראָם לויפט אַוועק אין ים אַריין!..

דריי מאַטראָזן וואַרפן זיך תיכף ומיד אין ד כוואַליעס: זיי ווילן כאַפּן און פאַרהאַלטן אונדזער איינציקע האָפענונג — דעם פּאַראָם. אָבער די מאַטראָזן פאַלן אַריין אין די אָרעמס פון די אומרויִקע כוואַליעס, וואָס הייבן זיי אויף און פאַרדריקן זיי אונטער זיך...

דערזען דאָס אומגליק, כאַפּט קורטיס אַ שטריק און וואַרפט זיך צו די מאַטראָזן, אָבער אומזיסט: די מאַטראָזן זענען אַנטרונען געוואָרן אונטער די כוואַליעס...

מיר קוקן זיך צו צו דערדאָזיקער אימהדיקער סצענע און שווייגן.

עס איז אַזוי גראַנדיעז־שרעקלעך, אַז דער מענטשלעכער קול ווערט פאַרשטיקט אין האַלדז...

אַן אויסגעמאַטערטן, אַן אָפּגעשוואַכטן, מיט פאַרגליווערטע מוסקולן שלעפּט מען אַרויף קורטיסן אויפן שפּיץ פון שיף...

אַ גאַנצע שעה צייט הענגען מיר, ווי פאַרמשפטע, צווישן לעבן און טויט. מיר האָבן נישט קיין שיף און נישט קיין פּאַ-

ראָם. אָבער דאָולאַס און זײַנע לײַט שלאָגן זיך אַרויס פון די פּוחות און טרײַבן מיט הויכע שטעקנס דעם פּאַראָם צו די קוים שטעקנדיקע שפּיצן פון „שאַנסעלאָר".

יעדע באַוועגונג פון פּאַראָם זעט אונדז אַזוי אויס מערדער-לעך-ל אַ נ ג ז אַ ם, אַזוי משונה-פּאַוואָליע, אַז עס ווערט אונדז בעת מעשה פּיזיש נישט גוט און עס קערט אונדז צום ברעכן.

דער קאָפּ נעמט שווינדלען...

אָבער דער פּאַראָם איז דאָך געקומען, דער באָצמאַן וואַרפט אַריבער אַ שטריק צו דאָולאַסן, און ווי ווילדע איבערגעשראָ-קענע חיות כאַפּן מיר זיך אַרויף אויפן פּאַראָם..

מיר קוקן זיך אַרום מיט קלאַפּעדיקע הערצער, שווער-אָטעמדיקע: צוויי מענטשן פעלן אונדז—ראָבערט קורטיס און דער אַלטער רעדי.

דער קאַפּיטאַן איז פאַרעקשנט און וויל בשום אופן נישט פאַרלאָזן דעם שפּיץ פון מאַסטבוים.

ער וויל נישט פאַרלאָזן די שיף, כל זמן זי איז נאָך נישט אונטערגעגאַנגען, כל זמן זי אָטעמט נאָך...

ביי אים איז דער „שאַנסעלאָר" נישט בלויז אַ שיף, נאָר אַ טייל פון זיין לעבן און ער קען זיך נישט אָפּרייסן פון דעמדאָזיקן טייל...

ער אַלטער מאַטראָז, חידער, וויל ג'אויך נישט אַרויף אויפן פּאַראָם.

קורטיס שרייט צו אים:

„אַלטער, טראָג זיך איבער אויפן פּאַראָם!..."

אָבער דער אַלטער מאַכט אַ תמעוואַטע מינע און פרעגט:

„וואָס רעדט איר? שוין-זשע גייט אונטער די שיף?"

קורטיס קריצט שוין מיט די ציין און שרייט נאָך העכער:

„אַלטער, גיי אַוועק פונדאַנען! זעסט דאָר, אַז די שיף גייט אונטער! דו ביזט בלינד?״

קראַצט זיך דער אירלענדער אין פּאַטילניצע און קריכט אַרויף אויפן פּאַראָם, אַ נאַסער, ווי אַ הון, מיט אַלטע בלויע ליפּן...

שפּעטער פּאַרלאָזט אויך קורטיס דעם „שאַנסעלאָר״ און גייט איבער צו אונדז.

אַלע שווייגן.

דאַולאַס האַקט איבער די שטריק, דער פּאַראָם טאַנצט מיטאַמאָל אַוועק אויף די הויכע כוואַליעס.

אַלע האַלטן אָבער די אויגן אויף די לעצטע שפּיצן פון „שאַנסעלאָר...״

מען קוקט מיט ווייטיק, מיט פּיין...

אָט פּאַרזינקט איין שפּיץ, אַ צווייטער...

דאָס וואַסער קאָכט און זידט אַרום זיי, ווי אין אַ קעסל.

און אָט פּאַרשווינדט אויך דער דריטער — דער לעצטער...

די כוואַליעס שליסן זיך צוזאַמען און נישטאָ מער קיין זכר פון „שאַנסעלאָר״...

ראָבערט קורטיס שווייגט. אַלע שווייגן.

דער אַלטער מאַטראָז קראַצט זיך אין דער נאַסער פּאַ-טילניצע...

XXX

אין דעם איינעגעם טאָג.

דער פּאַראָם, וואָס טראָגט אונדז אין אָפענעם ים, קען זיך נישט צעפּלאָזן אויפן דנאָ פון ים. די צוזויפגעבונדענע בעל־קעס וועלן זיך תמיד האַלטן אויפן וואַסער. דאָס ווייסן מיר זייער גוט. אָבער מיר ווייסן אויך זייער גוט, אַז דער ים קען צערייסן דעם פּאַראָם און צעטראָגן און צעשפּרייטן אים אויף איינצלנע בעלקעס...

און דעריבער איז דער פּאַראָם נישט אַזאַ זיכערע נעסט, ווי מען קען זיך פאָרשטעלן.

אַ שטריק איז בכלל אַ קנאַפּע חזקות ביים ים.

דערווייל אָבער האָבן מיר אונטער די פיס אַ שטיקל באָדן, וואָס זינקט דאָך נישט, ווי דער „שאַנסעלאָר" אויפן דנאָ...

פון די אכטאונצוואנציק נפשות, וואָס זענען געווען אויפן „שאַנסעלאָר", זענען שוין צען אומגעקומען. איצט באַמבלען זיך אַכצן נפשות אויף אַ קליינטשקן פּאַראָם, וואָס האָט די פאָרם פון אַ נישט געניעם פירעק און וואָס האַלט פערציק פוס די לענג און צוואַנציק די ברייט.

מיטן פּראָוויאַנט שטייען מיר אויך זייער שלעכט. מיר פאַרמאָגן אינגאַנצן אַ פעסל סוכאַרעס, אַ פעסל געטריקנטן פלייש,

אַ קליין פּעסעלע בראָנפן און צוויי גלעזלעך וואַסער.

זין מיט דעם ערשטן מאָמענט, וואָס מיר זענען אַרויפ־געטראָטן אויפן פּראָם, איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ באַשטימטע נאָרמע פאַרן עסן און טרינקען. מען האָט באַדאַרפס זיין זייער קארג און אויסגערעכנט. קיין שום לייכטזין אין דעם פּרט האָט נישט געקענט דערלאָזט ווערן.

דער אייגענער דלות, וואָס אין פּראָוויאַנט, איז אויך געווען אין אונדזער הלבשה. דער גאַנצער פאַרמעגן איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס מען האָט געטראָגן אויף זיך. דער געלעגער האָט אויך נישט געקענט זיין קיין קייזערלעכער: מיר האָבן פאַרלאָרן אין ים די קאָלדרעס מיט די קישנס...

מען האָט אַלץ פאַרלאָרן אין ים. עס איז בכלל נישט געווען ווער עס זאָל אַכטונג געבן אויף אַזעלכע „קלייניקייטן"...

וויכטיק איז נאָר געווען דאָס מענטשלעכע לעבן, און דער־מיט, וואָס האָלט אונטער דאָס מענטשלעכע לעבן, ד"האָט מען זיך, אין אַזאַ פּחד און מהומה, ווייניק אינטערעסירט..

אויפן פּראָם זענען געזעסן אַכצן אָ ר ע מ ע, פאַראַביונטע נפשות!..

איך מוז מודה זיין: עס איז שווער אויפן האַרצן. וועגן מאַנכע זאַכן ווילט זיך פּשוט נישט טראַכטן. די נויט איז אומגעהייער גרויס.

כמעט אַלע זענען געקומען אויפן פּראָם אָן ענערגיע און אָן כוחות, אויסגעמוטשעטע און אויסגעליטענע.

צווישן אונדז געפינען זיך אָבער מאַטראָזן, וואָס קענען ווערן געפערלעך אין אַ קריטישן מאָמענט.

זיי קענען זיך וואַרפן מיט מעסערס, זיי קענען טויטן,

דערשטיקן און גאָט ווייס וואָס נאָך...
יאָ, ס'איז באמת גלייכער נישט צו טראַכטן...

XXXI

8 דעצעמבער.

דער ערשטער טאָג איז אַריבער רויק, אָן שום נייס.

היינט, אַ זייגער אַכט אינדערפרי, האָט זיך קורטיס אויפגעהייבן פון אָרט און האָט געהאַלטן אַ קליינע דרשה פאַר אונדז.

ער האָט געזאָגט:

„מיינע פריינט, איך בין דער פירער פון דעמדאָזיקן פּאַראַם, ווי איך בין געווען דער פירער פון „שאַנסעלאָר", און דעריבער פאָדער איך אַבסאָלוטע געהאָרזאַמקייט און דיסציפּלין. אַ שטאַרקע דעה קאָן דאָ זיין נאָר איינע, און זי איז מיינע.

לאָמיר האָפן, אַז דווקא אָט דער אָרעמער פּאַראַם, אָט די צונויפגעבונדענע בעלקעס וועלן אונדז בשלום ברענגען צו אַ ברעג. דאָס קען אָבער געשען נאָר דעמאָלט, ווען מיר וועלן לעבן מיט איין ווילן, מיט איין פאַרלאַנג און אונטער איין דיסציפּלין..."

קיינער פון אונדז האָט נישט געהאַט וואָס אייגנצווענדן קעגן דידאָזיקע ווערטער.

עס איז געווען שטיל, און דידאָזיקע שטילקייט דהאָט

שאַרף באַשטעטיקט, אַז מיר זענען מסכּים מיט אונדזער פֿי־רער.

דאָלאַס, וואָס האָט גאָלדענע הענט, האָט אויפגעשטעלט און איינגעפּעסטיקט דעם מאַסטבוים, און אויפן פּאַראָם הענגט שוין אַ זעגל. אַ גינסטיקער ווינט פּאַרלייכטערט אונדז עטוואָס דעם וועג צו דער יבשה.

אָבער דער וועג איז זייער אַ שווערער.

אַ פּאַראָם, וואָס האָט נישט קיין אייגענע טרייבקראַפט און וואָס איז תּמיד אָפּהענגיק פֿון ווינט, מוז גיין זייער פּאַוואָליע. מער ווי צוועלף ים־מייל אַ טאָג קען ער נישט גיין.

לויט קורטיסעס חשבונות געפֿינען מיר זיך בײַ אַ 650 מייל פֿון דער האָלענדישער גוויאַנע. צעוואַרפֿט מען דידאָזיקע צאָל אויף צוועלף מייל אַ טאָג, קומט אויס, אַז פֿריער, ווי אין צוויי חדשים אַרום וועלן מיר זיך נישט דערשלאָגן צו דעם גוויאַנע־ברעג, סײַדן מיר זאָלן אָנבאַגעגענען אַ שיף אויפן וועג.

ווײַל מען אָבער מאַכן דעמדאָזיקן חשבון נאָך ניכטערער, דאַן מוז מען מודה זײַן, אַז אין דעמדאָזיקן טייל פֿון אַטלאַנ־טישן אָקעאַן טרעפֿט מען זעלטן אַ שיף...

עס גייען דאָ נישט קיין שיפֿן. ס'איז אַ וואַסער־מדבר, נישט קיין ים פֿאַר שיפֿפֿאַרקער...

פֿון די אַלע חשבונות ווערט אָבער איין זאַך זייער קלאָר: מען מוז שוין נעמען הונגערן, אויב מיר ווילן אויסהאַלטן אַ לייִנגערע צײַט אויפֿן ים... מען מוז זײַן גרייט צו לײַדן באַלד פֿון דעם ערשטן טאָג אָן, וואָס מיר האָבן דערקענט דעם פּאַ־ראָם...

עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז יעדער איינער פֿון אונדז

באַקומט אַ טאָג פינף אונציעס פלייש מיט פינף אונציעס סוכאַ-רעס.

דאָס איז זייער אַ מאָגערע פּאָרציע, ביי וועלכער מען קען קוים אָפּציען דעם אָטעם, אַבער מען קען נאָך נישט שטאַרבן...

יעדער איינער באַקומט באַלד אינדערפרי זיין פּאָרציע סוכאַרעס, פלייש און וואַסער און ער קען זיך איינאָרדנען מיט דעם, ווי ער וויל: אָדער מיטאַמאָל, אָדער ביסלעכווייז.

מיר לייגן אַפילו גרויס האָפענונג אויפן פאַנג פון פיש און אויפן רעגנוואַסער. אָבער דאָס זענען אַלץ זאַכן פוי דער צו-קונפט.

דידאָזיקע עס-און טרינק-כּללים, וואָס זענען אויסגעאַרבעט געוואָרן דורך קורטיסן און פאלסטענען, זענען באַשטעטיקט גע-געוואָרן דורך אַלעמען, און זענען געוואָרן אַן אייזערן גע-זעץ.

פון היינט אָן טאָר קיינער נישט איבערטרעטן דאָסדאָזי-קע געזעץ.

דער פראָם גייט, מיר אַלע שווייגן, עס איז אומעטיק. מיר קענען זיך נאָך נישט איינלעבן מיטן בינטל בעלקעס.

מען קען זיך נישט מאַכן באַקוועמער, און עס ווילט זיך דאָך לעבן.

איך ווי עס ווילט זיך לעבן!...

XXXII

17—9 דעצעמבער.

אין אָוונט האָבן זיך אַלע פּאַרטוליעס אונטערן זעגל. איך בין געוועזן מיד און בין איינגעשלאָפן, ווי אַ דערהרגעטער.

דער פּאַראָם איז נישט איבערגעלאָדן און דעריבער גייט ער גאַנץ לייכט אויפן וואַסער. דער ים איז שטיל, די כוואַליעס שלאָפן...

אַלע האָבן שטאַרק געשלאָפן, ווי נאָך אַ שריפה. מען האָט נישט געשפּירט די האַרטע ברעטער, די שאַרפע נאַכטלופט.

אינדערפרי שאָקלען מיר די קעפּ צו איינאַנדער און זאָגן זיך „גוט-מאָרגן". מיס גערבײַ האָט זיך אויך גוט אויסגעשלאָפן. זי רוט זיך איצט אויס פאַר די אַלע שווערע טעג און נעכט, וואָס זי האָט געהאַט אויסצושטיין ביי דער מיליאָנערין. אפשר וועט זי דאָ, אויפן אָרעמען פּאַראָם, קומען צו די כוחות.

עס איז אַ דהייס-גיהנמדיקער טאָג. מיר געפינען זיך אויפן עלפטן פּאַראַלעל. די לופט איז אָנגעפּילט מיט הייסע דאַמפן.

ראָבערט קורטיס מיטן באָצמאַן קוקן לאַנג אויפן ים. זיי האָבן זייערע סימנים, וואָס נאָר ים-לייט קענען זיך אויף זיי. און לויט דידאָזיקע סימנים זענען זיי משער, אז מיר וועלן גע-

טראָגן דורך אַ שטראָם קיין מערב מיט אַ שנעלקייט פון צוויי-
דריי מייל אַ שעה.

דערדאָזיקער אומשטאַנד דערהעקט אין אונדז גרויסע האָ-
פענונגען. מיר גייען, הייסט עס, שנעלער צום ברעג, וואָס איז
אונדזער איינציקע ישועה.

און אַז מען גייט אַזוי צום ברעג, מאַכט מען שוין נישט
ווילנדיק אַ האָפּערדיקן חשבון. אונדז איז דאָך בעסער ווי אויפן
„שאַנסעלאָר". ווי דאָס איז, זענען מיר דאָך אַרויס פון דעם
פיינלעכן רעיון, אַז מיר קענען אַ ליאַדע מינוט דערטרונקען ווערן,
אַז מען הענגט צווישן לעבן און טויט.

אויפן פּאַראָם איז פּאַרט בעסער. אַ סימן—די נערוון באַ-
רויקן זיך. דער עולם שמועסט שוין צווישן זיך, עמעץ לאָזט
פאַלן אפילו אַ וויצל.

די לעצטע נאַכט האָט אונדז באַזונדערס באַרויקט: מיר
האָבן זיך גוט אויסגעשלאָפן.

אַנדרע שמייכלט און רייבט זיך די הענט מיט הנאה.

ער זאָגט:

„הער קאַזאַלאָן, דערדאָזיקער פּאַראָם דערמאָנט מיר אונד-
זער ליב אינדזעלע. איך פיל מיר דאָ גאָרנישט שלעכט... נאָכ-
מער: אונדזער אינדזעלע שטייט אויף איין אָרט, בשעת אונדזער
פּאַראָם באַוועגט זיך פאָרויס און גייט צום ברעג... דאָס איז
עפּעס ווערט, מיין איך!..."

„יאָ, מיר גייען צום ברעג, מיין ליבער",—האָב איך אָנגע-
שטעקט מיט זיין שמייכל און שמייכל אויך.

„און אַ ווינט האָבן מיר אַ גינסטיקן."

און אַ ווינט אַ גינסטיקן..."

„אונדזער לאַגע איז אַזאַ,"—שמייכלט ער,— אַז זי ווערט באַלד

גוט, ווען זי ווערט נאָר עטוואָס בעסער... לאָמיר האָפן, אַז צוזאַמען מיטן „שאַנסעלאָר" זענען אויך פאַרזונקען געוואָרן אונדזערע ליידן..."

ס'איז אַלץ באמת נישט אַזוי שלעכט, אָבער ראָבערט קורפּיס דערווייטערט זיך פון אונדז...

איך פאַרשטיי אים נישט. תמיד איז ער אַן אָנגעברוגזטער, אַן אָנגערוקטער, אַן אומעטיקטער, רעדט זייער ווייניק און מיידט מיך אויס. שוין זשע איז עס אַ רעזולטאַט פון אונדזער לאַגע? שוין זשע האַלט ער, אַז מיר זענען פאַרלאָרענע, אַז דער גאַנצער פּראַם איז נישט מער ווי אַן אילוזיע, צו פאַרבלענדן אונדז די אויגן?

יאָ, איך פאַרשטיי אים נישט, אָבער אַזוי ווי איך גלויב אים און האַלט אים נישט פאַר קיין שווינדלער, מיין איך, אַז די יידאָזיקע ענדערונג אין אים נעמט זיך דערפון, וואָס ער טראָגט אויף זיך אַ צו גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט : די אַלע זיבעצן לעבנס אויפן פּראַם.

אויפן פּראַם זענען געמאַכט געוואָרן מאַנכע שינויים :
דער פאָדערשטער טייל איז אָפּגעגעבן געוואָרן פאַר די מאַטראָזן, דער הינטערשטער פאַר די פּאַסאַזשירן. אויפן הינטערשטן טייל האָט מען אַפילו אויפגעשטעלט אַ געצעלטל פאַר אונדז, וואָס שיצט אונדז אַ ביסל פון דער גיהנמדיקער זון.

כאָטש מיר עסן קדחת און שלאָפן אויף האַרטע ברעטער, זענען מיר דאָך געזונט און פריש, הלוואי אויף ווייטער נישט ערגער. שוואַך איז ביי אונדז בלויז איין מענטש — דער לייטענאַנט וואַלטער.

ער שניידט זיך אויף אַ הענטלי...

גרויס נחת האָב איך פון דעם יונגן לעטורנער. דאָס איז

א מערקווירדיקער ייִנגל. אונדזער קליינע געזעלשאַפט אַנטציקט זיך מיט אים.

ער איז זייער קלוג און שאַרפזיניק. טיילמאָל לייכטן אים די אויגן מיט עפּעס אַ געטלעך פייערל. דאָס געזיכט איז שיין און דורכזיכטיק, און עס דאַכט זיך, אַז מען זעט, ווי עס שפּילט אין אים אַ ריינע, צאַרטע נשמה...

עפטער שמועסן מיר מיט מיס גערביי. איך מוז זאָגן דעם אמת, אַז יעדער איינער פון אונדז איז אַ ביסל פאַרליבט אין איר. אין דעם שווערן פּראָם-לעבן איז זי דער ווייכסטער קלאַנג. עס איז גוט צו זיצן לעבן איר און קוקן אויף איר און עס איז גוט צו רעדן מיט איר שטיל און האַרציק. פון איר ווייעט אויף אונדז מיט שטילן זונאונטערגאַנג, מיט חלומות און מעשהלעך פון אונדזער יוגנט...

אַמנאָענטסטן איז זי אָבער מיטן יונגן לעטורנער. צווישן זיי וועבט זיך עפּעס, און כאָטש מיר אַלע זענען אין איר פאַר־ליבט צו ביסלעך, דאָך ווילן מיר זיי נישט שטערן.

דער אַלטער לעטורנער איז איר זייער מקרב, ווי אַ פאָטער. ער פאַרברענגט מיט איר ערנסט און שענקט איר אַפילו קליי־ניטשקע טיילכעלעך פון זיינע אָרעמע פּאַרציעס, וואָס זי וויל באַטירלעך, נישט נעמען.

עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז אונדזערע מאַטראָזן, וואָס זענען בטבע נישט אַזוי מפקיד אין איידלקייט און פיינקייט, האָבן זי קיינמאָל נישט באַליידיקט נישט מיט אַ וואָרט און נישט מיט אַ בליק...

דער 12-טער, 13-טער און 14-טער דעצעמבער זענען אַדורכ־געגאַנגען שטיל און רויק, אָן שום נייס. דער פּראָם רוקט זיך פאָרויס און פאָדערט דערווייל נישט קיין שום אָנשטרענגונג פון

אונדזער זיים.

מיר גייען שוין זיבן טעג מיטן פּאַראָם. ביסלעכווייז געוווי־נען מיר זיך צו צו די פייגלשע פּאַרציעס, צו די האַרטע ברע־טער, צו דער גיהנמדיקער זון. עס פּייניקט אונדז אָבער דער דורשט, און וואַסער האָבן מיר ווייניק.

דעם 15טן ד"האָט זיך דער פּאַראָם אַריינגעשניטן אין אַ מחנה ספּאַרן, גאָר ווילדע פישלעך, און דער עולם האָט זיך אַ וואַרף געטאָן צו די ווענדקעס און נעצן. אַרום אונדז האָט אַזוי געשוויבלט און געגריבלט מיט פיש, וואָס האָבן זיך געהאַלטן נישט טיף אין וואַסער, אַז אַפילו אַ בלינדער האָט דאָ געקענט זיין אַ בריהדיקער פישפאַנגער.

מען האָט זיי געשלעפּט פון וואַסער, וויפל עס האָט זיך נאָר געלאָזט, און געלאָזט האָט זיך אַ סך.

מיר האָבן געהאַט אַ הערלעכן מיטאָג מיט רייכע פּאַרציעס, און ס'איז נאָך געבליבן אויף שפּעטער אויך אַ בערגעלע פיש פון אַ צוויי הונדערט פונט!...

דאָס איז גאָר עפּעס אַן אומגעריכטע ישועה, וואָס דער הייסער הימל האָט אונדז צוגעשיקט, נעמענדיק אין אַכט אונד־זער ביטערע לאַגע...

דעם 17־טן האָבן מיר זיך אָנבאַגעגנט מיט עטלעכע גרוי־סע הייפיש, וואָס ווערן באַצייכנט מיט דעם נישט היימלעכן נאָ־מען ים־וועלף. זייער פעך־שוואַרצער הויט און שוואַרצע פלוספע־דערן זענען באַשאָטן מיט ווייסע שטרייפעלעך.

אַ באַגעגעניש מיט זיי איז נישט באַזונדערס אַנגענעם, אין דערצו ליגט נאָך אונדזער פּאַראָם זייער נידעריק אויפן וואַסער, כמעט אין איין הויך מיט זיי...

דידאָזיקע העסליכע און געוויסנלאָזע ברואים פאַרהאַלטן זיך

צו אונדז זייער חוצפּהדיק און דערלויבן זיך צו שמייסן מיט זייערע שרעקלעכע עקן אין די בעלקעס פון אונדזער פּאַראָם.

פון יעדן שמיץ ווערט אַ ביסל נישט היימלעך סיי אונדז און סיי דעם פּאַראָם, וואָרים אַ סימן האָבן מיר, אַז ער קרעכצט אָפּ בעת מעשה, אָבער מען מוז קעמפן מיט זיי.

נאָך אַ לענגערן געראַנגל איז די מאַטראָזן געלונגען זיי אָפּצוטרייבן פון אונדז, אָבער זיי לאָזן אונדז נישט אַרויס פון אויג. אפשר פילן זיי אין אונדז עפּעס „קינפּטיקס,״ וואָס האָט אַ שייכות צום פיסק און צום מאָגן?

פוי, דאָס זענען מיאוסע ברואים און איך וויל נישט קוקן אויף זיי. עס עקלט מיר פון זיי!

XXXIII

18—20 דעצעמבער.

דאָס וועטער ענדערט זיך. עס בלאָזט אַ קאַלטער ווינט. צו דעמדאָזיקן ווינט האָבן מיר אָבער קיין שום טענות נישט, ווייל ער איז אַ גינסטיקער...

דער פּאַראָם רוקט זיך שנעלער און דערפון אַליין ווערט לייכטער אויף דער נשמה. פאַרנאַכט האָט אַ שוואַרצע כמאַרע באַדעקט דעם הימל און דער ים האָט זיך מיטאַמאָל צעבונטעוועט. די היץ איז געפאַלן. אַ פייפעדיקער ווינט האָט אויפגעהייבן הויכע כוואַליעס.

אַ פּאָר כוואַליעס האָבן פאַרגאָסן אונדזער בידנעם פּאַראָם.

דער עולם איז ברוגז אויף זיי, און דאולאס האָט זיך גענומען צו זיין העקעלע.

ער וויל מאַכן אַ באָרט ביי אַ צוויי פוס די הויך. אזוי אַרום וועלן מיר כאָטש האָבן אַ שטיקעלע שוץ קעגן די חוצפה־דיקע כוואַליעס.

די מאַטראָזן, ווידער, האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צו אונדזער ביסל אָרעמקייט, וואָס מיר פאַרמאָגן אויפן פאַראָם. אַלץ איז גוט צוגעפעסטיקט געוואָרן צום פאַראָם־דעק, אַז די כוואַליעס זאָלן עס נישט פאַרשלעפן.

מען האָט געפונען אין ים עטלעכע פלאנצן, וואָס זענען באַקאַנט אונטערן נאָמען „שווימערלעך." דאָס איז אייגנטלעך אַ מין ים־מעך, וואָס פאַרמאָגט אין זיך אַ קליינעם צוקער־עלעמענט. מיר אַלע קייען עס—ס'איז אַ גוט מיטל צום דורשט.

קיין נייס איז נישטאָ. דער פאַראָם רוקט זיך פאָרויס, און מיר, דאָס ביסל פאַסאַזשירן, פאַרציילן זיך מעשיות און שטופּן פּאַוואָליע די צייט.

עפּעטער קאָכט זיך אינדערשטיל ביי די מאַטראָזן. עפּעס זע איך, ווי אָווען, בערק, פליפּאָל, ווילסאָן און דער נעגער שעפּטשען צווישן זיך. מען שמועסט, קענטיק, פון געהיימע ענינים און מען איז בעת מעשה זייער פאָרזיכטיק.

איך זע אָבער אויך, ווי ראָבערט קורטיס האַלט זיי אויפן אויג און אינטערעסירט זיך שטאַרק מיט זייערע שמועסן. ער גייט אַרום מיט אויסגעשפּיצטע אויערן. ראָבערט קורטיס קען זיי בעסער פון מיר, און איך בין משער, אַז ער האַלט די דאָזיקע געהיימע שמועסן פאַר אַ התחלה פון אַ פאַרשווערונג, מער ווי דאָס פעלט אונדז נישט...

עס איז הייס, משוגע צו ווערן. עס שלאָגט אַ היץ נישט בלויז פון דער זון, נאָר פון דעם גאַנצן הימל, אויף וועלכן עס איז קיין איין וואָלקנדל נישטאָ.

די מאַטראָזן באָדן זיך אין ים און ראַטעווען זיך אַזוי־אַרום פון היץ, אָבער מיר קוקן אויף זיי מיט גרויס קנאה און באָדן זיך נישט: מיר האָבן מורא פאַר די שרעקלעכע הייפיש, וואָס דרייען זיך אַרום מיט די פיסקעס אַרום פאַראָם.

די ד־היץ איז אָבער אַזוי הייס, אַז מיר אָטעמען מיט פייער. אויף אונדז הענגט אַ שוויים, ווי גרויסע רעגנטראָפנס. אין מויל איז טרוקן, דעם קאָפּ שווינדלט.

אַך, ווי עס ציט דאָס וואַסער פון ים!

סוף־כל־סוף וועט מען זיך מוזן אַריינוואַרפן אין ים אַריין און אַ מאַך טאָן מיט דער האַנט אויף די הייפיש. זאָל זיין, וואָס עס וויל, אַבי זיך עטוואָס אָפּפרישן!

דער לייטענאַנט וואַלטער ווערט שוואַכער פון מינוט צו מינוט. דער מענש גוססעט אויף אונדזערע אויגן.

אַ קליין פּאַרציעלע כינין וואָלט אים פשוט געראַטעוועט, אָבער אונדזער אַפּטייקל ליגט שוין לאַנג אויפן דנאָ פון ים.

חוץ אַלע זיינע מחלות, צו וועלכע עס וואָלט געהאָלפן כינין, ליידט ער, מיין איך, אויך אויף שווינדזוכט. עפּטער הוסט ער מיט אַ טרוקענעם הוסט, אָטעמט שווער און שלאָפט אין שוויים. די שווינדזוכט לאָזט זיך אויך דערקענען אין זיין דאַרקייט, הויט און ביין, אין זיין פאַרשאַרפטער נאָז און בלויע ליפּן. אויף די איינגעפאַלענע באַקן טרעטן אַרויס רויטע פלעקן...

דער מענטש איז אַ פאַרפאַלענער.

מיר ווערן פאַרברענט פון היץ. מיר ליידן גרויסע יסורים. דער דורשט הרגעט אונדז אַוועק. מיר וועלן דאָ אַלע אַוועקפגרן

זוי די הינט...

די פאָרציע וואַסער, וואָס ווערט אונדז אויסגעטיילט מיט אַזאַ קאַרגשאַפט, פונקט ווי גאָלד, איז אונדז טייערער פון עסן, פון שלאָפן, פון גאַנצן לעבן. דער לייטענאַנט וואַלטער נערט זיך אייגנטלעך מיט דעמדאָזיקן ביסל וואַסער און מיס גערביי איז אַזוי גרויסמוטיק און האַרציק, אַז זי שענקט אים אַוועק איר וואַסער-פאָרציע! דאָס איז די שענסטע און שטאַרקסטע טאַט, וואָס איך האָב ווען געזען אין מײַן לעבן.

„אַך, ער ליידט, דער לייטענאַנט...״ — קלאָגט זי זיך און אירע אויגן ווייַנען אָן טרערן.

„און מיר קענען אים נישט העלפן, מיס... דאָס איז דאָס ערגסטע, ווען מען זעט יסורים און מען קען זיי נישט לינדערן,״— ענטפער איך.—„ווען וועט שוין נעמען אַ סוף צו דעם אַלעם, מיס?״

„צום סוף איז נאָך, קענטיק, ווייט...״—ענטפערט זי שטיל.

זי דרייט זיך אויס פון מיר און זעצט זיך אַוועק אויפן ברעג פון פאַראַס. איך זע, ווי זי דעקט צו מיט די הענט דאָס געזיכט און ווערט פאַרזונקען אין דער פאָזע פון אַ מענטשן, וואָס קען שוין מער נישט טראָגן די לאַסט פון יסורים און נויט.

היינט האָט געפּלאַצט דער ערשטער סוד פון די מאַטראָזן. אַ שעה צייט האָבן זיי געשמועסט צווישן זיך אינדערשטיל, ווי בגניבה, נאָכדעם אָבער האָט מען שוין דערהערט העכערע קולות. זיי האָבן גענומען מאַכן מיט די הענט, די אויגן ד״האָבן אויפ־געפלאַמט.

דער מאַטראָז אָווען איז אַרויס פון דער גרופּע מאַטראָזן און געשפּרייזט מיט ברייטע טריט צו אונדז.

„וווהין גייסטו, אָווען?״ — האָט אים געפרעגט דער באָצמאַן.

אָווען האָט מיט גרויס רוגזה געענטפערט:

„דאָס איז מיין זאַך. איך גיי, ווו איך וויל!"

דער באָצמאַן האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט. ראָבערט קורטיס איז באַלד אַרויסגעשווומען צווישן זייביידן — צווישן דעם באָצמאַן און דעם מאַטראָז. דער קאַפּיטאַן האָט שאַרף אָנגעקוקט דעם מאַטראָז. יענער איז געשטאַנען גלייך און האָט רויק אויסגעהאַלטן קורטיסעס בליק.

„קאַפּיטאַן," — האָט ער געזאָגט, — „איר האָט מיט אייך צו רעדן אין נאָמען פון מיינע חברים."

„רעדן" — האָט קורטיס געזאָגט.

„עס האַנדלט זיך וועגן דעם פּעסעלע בראָנפן..." — האָט אָווען נישט זיכער געזאָגט. — „פאַר וועמען אייגנטלעך האַלט איר דאָס דאָזיקע פּעסעלע — פאַר די ים-חזירים, צי פאַר די הערן אָפיצירן?"

„נו, וואָס ווילסטו ווייטער זאָגן?" — האָט קורטיס געפרעגט.

„מיר האָבן אַ פּשוטע פאָדערונג: אַלע טאָג באַדאַרף אונדז אַרויסגעגעבן ווערן אַ פּאָרציע בראָנפן... זאָל זיין אַ קליינע פּאָרציע... אָן דעם איז נישט מעגלעך אויסצוהאַלטן! מיר פאָדערן אַ קליינע פּאָרציע בראָנפן!..."

קורטיס האָט שטיל, אָבער אַנטשלאָסן געזאָגט:

„איר וועט עס נישט באַקומען!"

אָווען איז בלאַס געוואָרן.

„וואָס זאָגט דער קאַפּיטאַן?" — האָט ער הויך געפרעגט.

„איך זאָג, אַז איר וועט עס נישט קריגן!"

אָווען איז אַוועק צו דער גרופּע מאַטראָזן, קורטיס האָט געקוקט, אַ שטרענגער און אַ פאַרטראַכטער, אין ים אַריין.

די מאַטראָזן האָבן געשוויגן, דער ענין איז נאָך נישט פאַרענדיקט. דאָס איז ערשט דער ערשטער סוד פון זייערע פאַרשווערונגס-סודות.

שפּעטער האָב איך געפרעגט דעם קאַפּיטאַן, וואָס טראַכט ער וועגן דעמדאָזיקן אינצידענט.

קורטיס האָט קאַלט און שטרענג געזאָגט:

„איך וועל דאָס פעסעלע בראָנפן אריינוואַרפן אין ים, אָבער זיי וועלן אפילו אַ טראָפּן נישט באַקומען! אַזוינע בויאַנעס גיט מען נישט קיין בראָנפן!"

און ער האָט מער נישט גערעדט דערפון.

XXXIV

21 דעצעמבער.

די מאַטראָזן שוויגן דערווײַלע. אויפן פּאַראָם איז אויסערלעך רויק.

ווידער האָבן מיר זיך אַריינגעשניטן אין אַ מחנה ספּאַרן. דער מאָגן האָט זיך דערפרייט. די באַשטימטע, אויסגערעכנטע פּאָרציע האָט אַ ווײַלע נאָכגעלאָזט.

ווי דאָס איז גוט, ווען מען איז זיכער מיטן עסן! עס ענדערט זיך די שטימונג, מענטשן ווערן בעסער, הארציקער...

אין אָוונט איז אַ ביסל געפאַלן די היץ, בײַנאַכט איז אָבער געווען דושנע. מיר האָבן אײַנגעאָטעמט ווייכע לופט, אַזוי ווי צעטראָטענע...

די נאַכט איז אייגנטלעך אַ לבנהדיקע, אָבער די לבנה זייט אויף שפעט. דערווייל איז פינסטער, כאָטש בלינד צו ווערן. פון צייט צו צייט ווערט אָפּגעגאָסן דאָס פינסטערניש מיט ווייסע מילכיקע בליצן, פונקט ווי דער הימל וואָלט זיך אויפגעריסן ביי די האָריזאָנטן. קיין דונערן הערט מען נישט.

אויפן ים ליגט אַ געפּרעסטע שטילקייט.

די מאַטראָזן שמועסן:

„מיך שרעקט די שטילקייט. עס וועט זיין אַ שטורעם,״— זאָגט איינער.

„אונדזער פּאַראָם איז דאָך אַקוראַט צוגעפּאַסט צו אַ שטורעם,״—מאַכט אַ צווייטער.

„ליגן מיר טאַקע גוט אין דר׳ערד!...״ — וואַרפט צו אַ דריטער.

„מיר לעבן אויף באַרג, ברידער!״ — וואַרפט צו אַ פערטער.

עמעץ פון זיי צעלאַכט זיך מאַטראָזיש, ברייט און גראָב.

„אויב דער ים,״—זאָגט ער—„וועט אונדז מאָרגן נישט וועלן געבן קיין קרעדיט, זענען מיר טאַקע קאַפּוט...״

ראָבערט קורטיס איז אויך אומרויק, און אַז ער איז אומרויק, בין איך שוין אויך נישט זיכער. ער איז דער באַראָמעטער, פון וועלכן עס איז אָפּגעהאָנגען מיין שטימונג... איך זע, ווי ער לויפט עפּעס פון איין עק פּאַראָם צום צווייטן און זוכט עפּעס.

וואָס זוכט ער? וואָס טראַכט ער?

נישט ווייט פון ברעג פּאַראָם, אָפּגעזונדערט פון אַלעמען, זיצט אנדרע מיט מיס גערביי. זיי זיצן און שמועסן שטיל.

איך דהער, ווי אנדרע פרעגט זי מיט פאַרבאָרגענער ליבע:

„שרעקט איר אייך פאַר אַ געוויטער, פאַר בליצן, מיס גערביי?"

און זי זאָגט:

„ניין, אין בליצן זע איך געטלעכע שיינקייט... צו וואָס זיך שרעקן פאַר זיי?..."

און ער זאָגט ווייטער (איך פיל אינדערפינסטער, ווי ער שמייכלט):

„איך בין מסכים מיט אייך, מיס... איך האָב אויך ליב בליצן... אָבער דונערן נאָכמער... ס'איז גראַנדיעז! גאָט אַליין זאָגט אַ וואָרט!.. נישטאָ אַזאַ קלאַפּ אין דער גאַנצער וועלט, וואָס זאָל זיך קענען פאַרגלייכן מיטן דונער... דאָס זענען די מעכטיקסטע קלאַנגען, וואָס זענען באַקאַנט מיין געהער... דאָס זינגט דער הימל פון רחבות, מיס גערביי..."

איך שאַר מיך צו צו זיי און שטעל אויך אַריין אַ וואָרט.

„דער דונער, מיינע ליבע, איז גוט, אָבער אויף דער בשה..."

אַנדרע לאַכט.

„אמת, אָבער איצט, אויפן ים, אין דערדאָזיקער טויטער שטילקייט, וואָלט ער אויך נישט געשאַדט... זאָל ער אויפרייסן די שטילקייט. ס'איז שווער צו אָטעמען..."

איך זאָג:

„יאָ, אָבער פאַר אונדז איז אַ געוויטער אומבאַדינגט שעדלעך! מען טאָר אים לייכטזיניק נישט רופן אויף אונדזערע מידע קעפּ."

„פאַרוואָסן״—חידושט זיך אנדרע.—„ער וועט אָפּפּרישן די לופט.״

„און ער וועט אונדז געבן וואַסער,״—כאַפּט אונטער מיס גערבי.—„און וואַסער ברויכן מיר—דאָס ווייסט איר אַליין אויך זייער גוט.״

קעגן דידאָזיקע ווערטער קען איך שטאַרק איינווענדן, אָבער איך זשאַלעווע דאָס ליבע פּאַרל. עס ווילט זיך מיר נישט אַריינשפּריצן אַ טראָפּעלע סם אין זייערע קלאָרע רויקע געמיטער. דאָס זעט מיר אויס, ווי רציחה און איך לאָז זיי רעדן, וואָס זיי רעדן...

שוואַרצע, שווערע דאַמפּן הילען אונדז איין, די לונגען לעכצן נאָך אַ ביסעלע פרישע לופט...

עס איז איינג, עס איז דושנע, עס שטיקט...

נישטאָ קיין טראָפּן פייכטקייט אין דער לופט. מיר ווילט זיך פאַרזאַרפן דעם קאָפּ, ווי אַן אָפּגעחלשטע הון...

פונדעסטוועגן הויב איך מיך אויף און גיי צו קורטיסן: איך וויל אַ קוק טאָן, ווי האַלט עס מיט מיין באַראָמעטער...

תחילת חיל קורטיס נישט רעדן, ווי זיין שטייגער איז. נאָכדעם זאָגט ער:

„עס וועט זיין אַ געוויטער—דער ים וועט זיך טרייסלען... דער הימל איז פאַרדעקט מיט שוואַרץ-געלע וואָלקנס. ביי די מעטעראָלאָגן הייסן דידאָזיקע וואָלקנס „ר י נ ג ע ן״. זיי כאַפּן אַרום גאַנצע געביטן און שטיקן אין זיך...״

ער שווייגט אַ ווײַלע, פונקט ווי ער וואָלט זיך צוגעהערט צו זיינע רעיונות, און איז מוסיף:

„יאָ, הער קאַזאַלאָן,״ — מיר געפינען זיך איצט אין דער מלוכה פון אייביקע געוויטערס... אויסערלעך דאַכט זיך, אַז עס איז שטיל, אַפילו טויט-שטיל. אָבער דאָס איז אַ טעות. אַ מענטש

מיט אַ פײַנעם געהער װעט זיך נישט נאַרן. ער װעט כּסדר הערן װײַטע־װײַטע דונערן... אַמאָל אין צפֿון, אַמאָל אין דרום, אין מזרח, אין מערבֿ... דאָ רוט נישט דער הימל, ער דונערט כּסדר."

ער שװײַגט אַ װײַלע, און איך הער באמת, װי דער הימל לאַכט בײַ די האָריזאָנטן... ערגעץ װײַט־װײַט דונערט אָן הפסקות.

„יאָ," —זאָגט קורטיס, — מיר שטײען פֿאַר דער התחלה. דאָס געװיטער װעט מסתּמא באַלד אױסברעכן... אָבער שרעקט אײַך נישט. מיר װעלן, האָפֿנטלעך, די געװיטערס אױך אַדורכ־קומען... מיר מוזן זײ אַדורכקומען. אַזױ איז עס אונדז אָנגע־חתמעט געװאָרן אױפֿן הימל..."

קײנער טראַכט נישט פֿון שלאָפֿן. עס איז שױן גוט שפּעט, און דער עולם זיצט נאָך אַלץ און שמועסט.

און מען קען טאַקע נישט שלאָפֿן—עס שטיקט, װי אין אַ קבֿר.

די װײַסע מילכיקע בליצן גיסן זיך פּיסלעכװײַז אָן מיט פֿײַער. פֿון די האָריזאָנטן שנײַדן זײ זיך נענטער צו אונדז.

די דונערן גײען נאָך זײ...

עס איז נאָך אָבער שטיל. די שװאַרצע, װײכע װאָלקנס, װאָס פֿאַרדעקן דעם הימל, פּאַרטוליען אױך די דונערן. זײ הילכן װי פֿון קישנס אַרױס...

אָבער עפּעס גרײט זיך. מיר פֿילן גראַנדיעזע הכנות... לאַנג װאַרטן באַדאַרפֿן מיר נישט.

אַ ים פֿײַער גיסט אָפּ מיטאַמאָל דעם ים װאַסער און באַלד דערױף נעמט קלאַפּן און טראַסקען פֿון גאַנצן הימל...

אין דער געפּרעסטער לופט רייסט זיך אַריין אַ שטורעם. אונדזער געצעלטל איז זיין ערשטע כפרה... עס רייסט זיך אַוועק אין ים אַריין..

אויפן פּאַראָם איז אַ מהומה. מען פּעסטיקט זיך איין אין אים—דער שטורעם זאָל נישט צוכאַפּן...

ער קען אַלץ צוכאַפּן און אַראָפּטראָגן—מענטשן, קאַסטנס, פּעסער. ער האָט לאַנגע, שוואַרצע הענט, מיט וועלכע עס איז שווער זיך צו ראַנגלען.

די געפּרעסטע לופט האָט אויפגעפּלאַצט.

די לונגען האָבן אויפגעלעבט...

XXXV

די נאַכט פון 21-סטן אויפן 22-סטן דעצעמבער.

דער באַצמאַן האָט זיך אַוואָרף געטאָן צו די זעגלען. מען האָט זיי תיכף ומיד אַראָפּגעשלעפּט! פאַר אונדז זענען זיי איצט די גרעסטע סכנה.

דער ווינט אַליין קען אונדז אייגנטלעך קיין שום שלעכטס נישט טאָן: אונדזער פּאַראָם ליגט סאַמע אויפן וואַסער. ער האָט נישט קיין הויכע טיילן, וואָס דער ווינט זאָל זיי קענען אָננעמען מיט זיינע כאַפּנדיקע הענט... ער גייט, אַזוי צו זאָגן, איבער אונדז, ווי איבערן ים און פאַרטשעפּעט אונז נישט, אויב מיר הייבן נישט אויף די קעפּ...

דערפאַר אָבער וואַרפן זיך אויף אונדז די כוואַליעס, ווי פאַרצוקערס... זיי ווילן פאַרגראָבן דעם פּאַראָם אונטער זיך און

דרייען זיך מיט אים אַרום, ווי מיט אַ באַלעם...
די כוואַליעס פאַרשרייען די דונערן...
דער באָצמאַן שרייט אין די געשרייען פון ים און פון
הימל:
„בינדט אייך צו צום דעק! שלאָפט נישט! האַלט אייך פעסט
ענט חאַך!!"
ער וואָרפט צו אַלעמען שטריק, דראָט, און לערנט דורך
מוראדיקע געשרייען, ווי אַזוי מען דאַרף זיך איינבינדן לייטיש
אין פאַראָם.
ביידע לעטורנערס, פאַלסטען און איך בינדן זיך צו צוזאַ-
מען צום פאַראָם. אויב אומקומען—קען עס געשען מיט אַלע
פיר צוזאַמען, און ערשט דעמאָלט, ווען דער ים וועט צעקלאַפן
און צעררייסן דעם פאַראָם.
מיס גערביי איז צוגעפעסטיקט צום געשטעל פון געצעלטל,
וואָס איז אַוועקגעפלויגן אין ים אַריין און מיר זעען זי יעדעס
מאָל פון קאָפּ ביז די פיס, ווען דער בליץ גיסט זי אָפּ מיט
פייער...
איר שיין פנימל שניידט זיך דעמאָלט אויס אויף אַ ווייַלע
אינדערפינסטער, און איך בעט בעת־מעשה דעם אַלמעכטיקן־
דעם שעפער פון געוויטער, אַז די בליצן זאָלן עטוואָס לייגגער
ציען...
סוף־כל־סוף אָבער ווערן מיר פאַרבלענדט און פאַרטויבט.
אין די אויערן פייפט, פאַר די אויגן דרייען זיך רויטע רעדער.
דער קאָפּ איז אינגאַנצן דול...
די פסדרדיקע בליצן גיסן אויף אונדז קאַלטע פלאַמען. דער
הימל ברענט, די לופט איז אָנגעפילט מיט שוועבל...
די פאַראָמקאָמאַנדע שרעקט זיך אָבער פאַרן גורל פון

פאַראַם. די הויכע כוואַליעס האַלטן אין איין וואַקסן. זיי גייען אויף אונדז, זיי פאַרגיסן אונדז...

דאַגלאַס, קורטיס און דער באַצמאַן בינדן פונדאַסניי דעם פאַראַם. מען אַרבעט איבער אים מיטן „ביטערן שווייס".

פון די דונערן מיט די בליצן האָט זיך אָבער אויסגעשיילט בישט קיין רעגן, נאָר אַ האָגל... אַ קאַלטער גרויסער האָגל האָט אונדז געגומען באַשיסן, ווי מיט קוילן, וואָס זענען אָפּגעשפּרונגען פון דעק מיט אַ מעטאַלישן קלאַנג...

מיר באַהאַלטן די קעפּ מיט די פנימער און שטעלן אים אויס די רוקנס, און ער קלאַפּט איבער זיי אָן רחמנות. אַז מיר דערשפּירן אַ ווייטיק אין רוקן, שטעלן מיר אויס אויף דהפקר אַ זייט, נאָכדעם אַ צווייטע זייט און נאָכדעם ווידעראַמאָל דעם רוקן... אַזוי מוטשען מיר זיך.

עס איז אָבער זייער שלעכט, וואָס עס שטאַרקט זיך דער ווינט. ער רייסט אונדז אַלץ אַוועק פון דעק און לויפט מיט דעם אין ים אַריין... ער האָט אונדז צוגעכאַפּט אַ רודער, דעם אָרע־מען מאַסטבוים, אַ פּעסל מיט אינסטרומענטן...

עס איז נאָר אַ נס, וואָס מיר האַלטן זיך. יאָ, מיר פילן, ווי ער שלעפּט אונדז, ווי הערינג, אָבער מיר גייען עפּעס נישט. מיר האַלטן זיך. שוין זשע זענען מיר אַזוי פעסט צוגעבונדן צום דעק?

די כוואַליעס דרייען דעם פאַראַם. טיילמאָל שטעלן זיי אים אַוועק אויף אַ זייט און דעמאָלט דראָט אונדז די געפאַר איבערגעדרייט צו ווערן... מיר שרייען נישט, אָבער יעדער איי־נער שעפּטשעט עפּעס בעת מעשה אינדערשטיל... מיר זענען אויף אַ האָר פון טויט!

גאָט זאָל זיך איבער אונדז דערבאַרעמען!

אין געוויסע מאָמענטן בין איך ווי פאַרגליווערט גע־ווארן און האָב מיך מכין געווען צוצומאַכן אויף אייביק די אויגן...

בשעת דער פאַראָם בלייבט שטיין אויף אַ זייט און קען זיך אַ ליאַדע מינוט איבערקערן אונטער דעם אימפעט פון חינט, מוזן אַלע לעבנס־חשבונות פאַרענדיקט ווערן. איך ווייס נישט, וואָס טראַכט דעמאָלט קורטיס, אָבער איך האָב נישט קיין איין מחשבה: וואָס זאָל זיין פאַרבונדן מיטן לעבן...

אַרום דריי אַ זייגער ביינאַכט האָבן מיר איבערגעלעבט דעם פיינלעכסטן מאָמענט... דער ווינט מיטן ים זענען אַוועק אין אַ טאַנץ. אַ הויכע כוואַליע האָט אויפגעהייבן דעם פאַראָם און האָט אים אַוועקגעשטעלט אויף אַ זייט, אָנגעבויגט מיט דעם אוי־בערשטן דעק צום וואַסער... און זי האָט אים נאָך אַ ביסל גע־וויגט...

איין קליינע רגע, נישט מער... און מיר, צוגעבונדענע, וועלן זיך אַפילו נישט קענען ראַטעווען. דער פאַראָם וועט אונדז צודעקן פון אויבן.

ערשט איצט האָבן זיך דערהערט קולות. די מאַטראָזן האָבן געשריען, ווי געשאָכטענע אָקסן... זיי האָבן געשריען בלויז מיטן אינסטינקט, פון שרעק פאַרן טויט...

איך האָב געהערט, ווי עס פאַלן אָפּגעריסענע פעסער אין ים אַריין, און ראָבערט קורטיס וויל זיי אָ פּ נ ע מ ע ן ביי׳ן ווינט... ער ראַנגלט זיך, אַ צוגעבונדענער, מיט די הענט, אָבער צי קען ער עפּעס אויפטאָן אין אַזאַ לאַגע — דאָס ווייס איך נישט...

די מאַטראָזן שרייען און געוואַלדעווען. דער ווינט כאַפּט אויף די קולות און צעשיט זיי אין כאַאָס פונם ימס קולות. איך

שרעק מיך, דאכט זיך, נישט, אָבער די האָר שטעלן זיך מיר אויף פּאַוואָליע אויפן קאָפּ...

פּאָר אַ בלענד-ווייסן בליץ זע איך, ווי צוויי אָפּגעריסענע מאַטראַזן פליען מיט די פיס אַרויף אין ים אַריין... איך וויל זיי לויפן צו הילף, קען איך נישט, — איך בין אַ צוגעבונדע-נער...

איך קלער מיר: אַ רגע פריער, אַ רגע שפּעטער, דער ים וועט איצט פאַרענדיקן מיט אונדז אַלעמען!...

דער פאַראָם וואַרפט זיך, ווי אין אַ קדחת: אַ צוגעבונדע-נער, קלאַפּ איך מיר אָן מיטן קאָפּ אָן אַ בעלקע און ס'ווערט מיטאַמאָל שטיל און לייכט און שוואַרץ אַרום מיר. דאָס באַ-וווסטויין לעשט זיך אויס אין מיר...

XXXVI

22 דעצעמבער.

די זון באַגיסט מיט ליכט דעם הימל און דעם ים, פּונקט ווי אַלע טאָג. די נאַטור איז קאַלט און גלייכגילטיק צו דעם מענטשנס יסורים...

מיט דער נאַכט איז אַוועק דער שטורעם, וואָס אויב מיר וועלן בלייבן לעבן, וועלן מיר אים האָבן צו געדענקען. ער וועט אונדז זיצן האַרט אין זכרון און וועט אונדז תמיד אָנפילן מיט פּחד און אַנגסט.

ער האָט אַוועקגעשלעפּט אַ העלפט פון אונדזער פּראָוויאַנט און וואַסער און האָט אַוועקגעשלעפּט צוויי מענטשן: דעם מאַט-

ראָז אָסטען און דעם אַלטן רעדי, וואָס האָט טאַקע אַלץ גע־שריען, אַז מען טאָר נישט פאַרלאָזן די שיף. מיר האָבן זיך באַצאָלט מיט צוויי מענטשן און מיטן פּראָוויאַנט, איבער וועלכן מען האָט זיך געטרייסלט מיט אַזא אומברחמנותדיקער קאַרג־שאַפט...

די לעטורנערס און מיס גערביי האָבן מיך אָפּגעמינטערט, אָבער קורטיס האָט מיר אָפּגעראַטעוועט דאָס לעבן: בשעת איך בין געלעגן אין חלשות, האָט ער מיך געהאַלטן אין די אָרעמס, איך זאָל נישט אַרײַנפאַלן אין ים...

אויפן פּאַראָם איז אַ בית־עולם־שטימונג. פאַר די אויגן שטייען די אַוועקגעריבטע מאַטראָזן, אין די אויערן קלאַפּן נאָך די גאַכט־קולות...

עס פרייט אונדז זייער ווייניק, וואָס מיר זעען ווידער־אַמאָל די זון, דעם רויקן ים, וואָס מיר „לעבן.״

ווער ווייס, אפשר איז אָסטענען און רעדין בעסער פאַר אונדז? יענע האָבן שוין אָפּגעטאַנצט דעם טאַנץ און מיר דאַרפן אים ערשט ווידעראַמאָל טאַנצן... טאַנצן — און נישט דער־טאַנצן...

אַ האַרטער און אַן אָנגעברוגזטער, האָט ראָבערט קור־טיס ווידער און ווידער אויסגעציילט די שיריים, וואָס דער שטורעם האָט אונדז גרויסמוטיק איבערגעלאָזט. דער סך הכל איז געווען זייער אַ טרויעריקער: פונם פלייש און פיש איז אונדז קיין זכר נישט געבליבן. אונדזער גאַנצער פאַרמעגן איז באַשטאַנען פון 60 פונט סוכאַרעס און אַ ביסל וואַסער.

אויב מען זאָל רעכענען אַ האַלב פונט סוכאַרעס אויף אַ מענטשן אין אַ מעת־לעת, וועט אונדז דאָס פּראָוויאַנט־פאַרמעגן קלעקן נישט מער ווי אויף אַ וואָך צייט...

יאָ, מיר טאַנצן — און דערטאַנצן נישט. מיר הענגען און דערהענגען נישט. וויפיל איז דער שיעור? זאָל שוין נעמען אַמאָל אַ סוף!

ראָבערט קורטיס האָט ווידער אַרויפגעוואָרפן אויפן פּאַראַם־דעק אַ קליינטשקע דרשה. ער האָט געזאָגט:

„אונדזער אָרעמע משפּחה ווערט אַלץ קלענער און קלענער. דער ים האָט אונדז אַרויסגעריסן נאָך צוויי מענטשן: אָסטען און רעדי... יאָ, איך קען דאָ נישט זאָגן די ווערטער, אַז מ ע ן ט אָ ר נ י ש ט פ אַ ר ל י ר ן דעם מ ו ט. עס ווערט שוין נמאס פון זיי, זיי קריכן שוין פון האַלדז... אָבער כּל זמן דער טויט וועט אונדז הענגען איבערן קאָפּ, וועל איך אַלץ קיין אַנדערע ווערטער נישט געפינען!.. פריינט, מיר מוזן זיך האַלטן און מיר מוזן זיך ראַנגלען ביז דעם לעצטן אָטעם. דאָס איז אונדזער הייליקער חוב, אונדזער דירעקטע פליכט! דאָס זאָגט אונדז די זון, דער הימל, דאָס בלוט אין די אָדערן. לאָמיר פאָלגן דערדאָזיקער שטים!"

קיינער האָט אים נישט געענטפערט. מען איז געווען פאַרביטערט און מען האָט געשוויגן, ווי די שטיינער, פּונקט ווי מען וואָלט פאַרלאָרן דאָס לשון.

געשוויגן האָט מען דעם גאַנצן טאָג. ביי קיינעם האָט זיך נישט געעפנט דאָס מויל. דער ים איז נמאס געוואָרן, דער הימל איז נמאס געוואָרן און ראָבערט קורטיס איז נמאס געוואָרן. נאָכמער: מען איז זיך אַליין נמאס געוואָרן.

צו וואָס לעבט מען נאָך? צו וואָס ליידט מען? צו וואָס? צו וואָס?

ערשט פאַרנאַכט האָב איך דערהערט, ווי צוויי מאַטראָזן שמועסן זיך איבער אינדערשטיל. פליפאָל האָט געשמועסט

מיט אָוונען. דער לעצטער, דער גאַנצער מאַכער פון די „שיפּבּונטן," איז געווען זייער דערשלאָגן.

דער ערשטער האָט געזאָגט:

„מיר וועלן שטאַרבן פון הונגער... מיר האָבן נישט וואָס צו עסן. עס איז שלעכט און עס נעמט קיין סוף נישט."

דער צווייטער האָט געזאָגט:

„ווען עס שטאַרבן די, וואָס דאַרפן שטאַרבן, וואָלטן מיר געהאַט מער וואָס צו עסן..."

עס ווערט מיר עפּעס אייגג אין האַרץ, אין האַלדז, אין מוח און מיר ווילט זיך אַריינשפּרינגען אין ים אַריין מיט צו-געמאַכטע אויגן. ס'איז דאָך אַ לייכטער סוף, און איך טו עס נישט. איז עס פּחדנות?

פּאַלסטן איז דער איינציקער מענטש, וואָס איז צופרידן מיט די היינערשע פּאָרציעס. ער זאָגט:

„צו וואָס דאַרף מען עס אַזויפיל עסן? מיט אַ לייכטן מאָגן פילט מען זיך בעסער."

אויב עמעץ פון אונדז וועט בלייבן לעבן, וועט עס זיין פּאַלסטען. דאָס איז אַ מערקווירדיקער מענטש, וואָס קען זיך צופּאַסן אַפילו צום טויט.

XXXVII

23—30 דעצעמבער.

מיר גייען ווידער נישט שלעכט. דער הימל האָט אונדז

געשענקט אַ גינסטיקן ווינט, און דער ים פאַרגינט אונדז אים דערוויל...

דאָס האָט שוין ווידער אויפגעשטעלט אַ מאַסטבוים. מען האָט אויפגעהייבן אַ זעגל, און מיר גייען פון צוויי ביז דריי מייל אַ שעה.

דער פּאַראָם איז פונדאַסניי איבערגעבונדן געוואָרן. די צעשטערטע טיילן האָט מען אויסגעפאַרריכט. אפילו אַ ניי געצעלט שטייט שוין אויך אויפן פּאַראָם. אַלץ מאַכט אַן איינדרוק פון אָרדענונג, אָבער קיינער איז נישט רויק...

עס איז שרעקלעך הייס. עס ברענט אונדז די הויט אויפן פּנים, אויף די הענט. מיר ליידן הונגער, דורשט. אַלע האָבן איינגעפאַלענע באַקן, טרוקן פלאַמענדיקע אויגן. מיט אַ ביסל טאַבאַק אָדער אָפּיום וואָלטן מיר געקאָנט פאַרשטיקן דעם הונגער, אָבער מיר האָבן דאָס אויך נישט.

דער ליידיקער מאָגן פייניקט, די קראַנקע נערוון מאַטערן. עס איז איינג אויפן פּאַראָם. מיר פילן זיך ווי קראַנקע ארעסטאַנטן, וואָס ליגן אין אַ קליינטשקן שפּיטאָל...

דער לייטענאַנט וואַלטער שטאַרבט נאָך אַלץ נישט אַוועק. דער מענטש עסט גאָרנישט. ער האָט נישט קיין אַפּעטיט, און דאָך לעבט ער און האַלט זיך. ער האָט אַפילו אויסגעהאַלטן דעם לעצטן שטורעם, וואָס האָט אַרויסגעריסן פון אונדז אַזאַ ריז, ווי אָסטען!

פאַראַן זאַכן, וואָס לאָזן זיך בשום אופן נישט פאַרשטיין. לייטענאַנט וואַלטער איז אויך אַזאַ רעטעניש: ער לעבט נאָך אַלץ.

דאָס ביסעלע וואַרעמקייט, וואָס איז אים באַשערט, באַקומט ער פון מיס גערביי. דאָסדאָזיקע האַרציקע מיידל האָט אויסגע-

פועלט ביים קאַפּיטאַן, ער זאָל דעם חולה עטוואָס פאַרגרעסערן די פּאָרציע וואַסער. עפּטער טראָגט זי אים צו צו די פאַרטריקנ־טע ליפּן אַ טראָפּעלע וואַסער און קילט אים די שלייפן מיט נאַ־סע טיכער.

ער אָטעמט שווער און קען שוין נישט רעדן, אָבער אַז ער דערזעט דאָס יונגע מיידל, טוקן זיך פייערלעך אין זיינע טויטע אויסגעברענטע אויגן...

אַמאָל פאַלט אים אויס אַ לייכטערע מינוט. הייגט, אַ שטיי־גער, האָט ער זיך געפילט גאָרנישט שלעכט, וועדליק זיין חולאת ער האָט מיר אַ ווונק געטאָן און געפרעגט כמעט אָן אַ קול:

„ווי האַלט עס מיט מיר, הער קאַזאָלאָן?"

„אָבער איך בין דאָך נישט קיין דאָקטאָר,"—האָב איך גע־זאָגט.

„איך ווייס... אָבער ווי ווייזט אייך אויס?"

איך האָב זיך געשטאַרקט און געזאָגט:

„קיין געפאַר זע איך נישט..."

ער האָב געפּרווּט שמייכלען.

„איר טרייסט מיך..."—האָט ער מיר קוים צוגעוואָרפן.

דעמאָלט האָב איך געזאָגט:

„מיין טייערער, וואָס מאַכט עס אויס? מיר זענען אַלע קראַנק און אַלע וועלן מיר אומקומען אין די קאַלטע אָרעמס פון ים און אויפן דנאָ וועלן ליגן אונדזערע ביינער... נאָך אַ טאָג, נאָך אַ טאָג,—דעם טויט וועלן מיר נישט אויסמיידן... דאָס איז מיין טיפסטע איבערצייגונג."

„נאָך אַ טאָג... נאָך אַ טאָג..."—האָט ער גענומען שעפּטשען מיט אַ פאַרלייגטן האַלדז און לונגען און האָט צוועמאַכט די אויגן.

מיר גייען ווייטער. ביסלעכווייז ווערען מיר געוווינט צום
הונגער. אַ מענטש ווערט צו אַלץ געוווינט.

צו יעדער פּאַרציע סוכאַרעס באַקומען מיר איצט אַ טראָ־
פּעלע בראָנפן, וואָס פרישט אונדז אָפּ און ווירקט זייער גוט אויף
אונדזער געמיט.

מיטן הונגער קען מען זיך דאָך אַן עצה געבן, אָבער וואָס
טוט מען מיטן ים? מיטן שטורעמווינט? מיטן ברעג, וואָס וויל
זיך נישט דערנענטערן צו אונדז?

דער שטורעמווינט האָט אונדז אויך אָוועקגעשלעפּט די
ווענדקעס מיט די נעצלעך. אַזוי ווי עס האָט שוין שטאַרק גע־
מאָגט אין אונדזער פּראָוויאַנט, און די פיש זענען איצט געווען
די איינציקע האָפענונג פון ליידיקן מאָגן, האָט דאָס געמען
מאַכן ווענדקעס און דער באָצמאַן האָט אים צוגעהאָלפן.

דער באָצמאַן האָט געמאַכט די האַטשיקעס. ער האָט זיי גע־
מאַכט פון פּשוטע טשוועקעס און איז אַליין געווען זייער צופרידן
מיט זיין אַרבעט.

„נאַטירלעך, אַ טשוואָק איז נישט קיין האַטשיק,"—האָט ער
געזאָגט,—אָבער אַז מען פיילט אים אויס, און מען בויגט אים אויס,
איז ער שוין נישט קיין שלעכט געווער אין דער האַנט פון אַ גע־
ניטן פישפאַנגער... די פראַגע איז נאָר, מיט וואָס צו פאַנגען?
נישטאָ מיט וואָס צו פאַרנאַרן די פיש. די סוכאַרעס (און מיר
האָבן דאָך אַזוי ווייניק!) האַלטן זיך שלעכט אויפן האַטשיק."

אַלע האָבן איצט „געכאַפּט" פיש, אָבער קיינער האָט גאָר
נישט געכאַפּט. אַן אומזיסטע, און וויל אַן אומזיסטע—אַ לאַנגוויי־
ליקע אַרבעט.

דער באָצמאַן האָט אָבער דורכאויס געוואָלט זיין דערפינ־
דעריש און האָט מיטאַמאָל צוגעטראַכט: ער וועט פאַרנאַרן די נאַ־

רישע פיש מיט א רויטן שטיקל טוך...

דער פאראם-עולם האט געדריקט מיט די אקסלען, אבער ער האט זיך נישט אונטערגעגעבן. גענומען ביי מיס גערבי א שטיקעלע רויטן טוך, האט ער עס אנגעטאן אויפן האטשיק און פארווארפן די ווענדקע אין וואסער.

פארווארפן איין מאל, א צווייט מאל, א דריט מאל... דאס שטיקעלע טוך איז געלעגן אין וואסער, קיין שום פיש האט זיך נישט צוגערירט צו דעם...

„בע!..״—האט קורטיס געחוזקט איבער אים.

דער פאראם-עולם האט פויל געשמייכלט.

עמעץ האט באמערקט:

„א דערוואקסענער מענטש און מאכט זיך נאריש!..״

דער באצמאן האט מיר א שעפטשע געטאן אין אויער:

„פאראן נאך א מיטל ווי אזוי צו פארנארן די פיש... איר פארשטייט?״

איך האב געפרעגט:

„וואס פאר א מיטל?״

ער האט קוים געשמייכלט.

„איצט וועל איך נישט זאגן... שפעטער וועט איר זיך דערוויסן!..״

און ביי דידאזיקע ווערטער האט ער זיך אזוי ווי געעבעדערט אין פנים. ער איז בלאס געווארן.

א גאנצע נאכט האב איך מיר געבראכן דעם קאפ און האב מיך אלץ געפרעגט:

„וואס קען עס זיין פאר א מיטל?״

XXXVIII

5— יאַנואַר.

שוין דריי חדשים, ווי מיר זענען רויק אַרויס מיטן „שאַנסעלאָר‟ פון טשאַרלזסטאָן, און צוואַנציק טעג, ווי מיר וואַלגערן זיך אויפן פּראָם, וואָס טראָגט זיך איבערן ים אַהין און אהער, לויטן קאַפּריז פון ווינט...

מיר קענען אפילו נישט באַשטימען, צי מיר דערנענטערן זיך צו דעם אַזויגעגאַרטן אַמעריקאַנישן ברעג, אָדער, פאַרקערט, די כוואַליעס וואַרפן אונדז אַלץ ווייטער און ווייטער צוריק אין אָפענעם ים.

ראָבערט קורטיס האָט אַלץ פאַרלאָרן אין דעם לעצטן שטורעם. אַלע אינסטרומענטן זענען אַוועקגעפלויגן פון אונדז, ווי פעדערן, אין יענער אומפאַרגעסלעכער נאַכט.

איך האַלט עס טיילמאָל פאַר אַ מעלה: אָן די אינסטרומענטן זענען מיר בלינד, און אַז מען איז בלינד, שטאַרקט זיך דאָס גלויבן און די האָפענונג...

מיר לעבן מיט השערות, און דערביי איז זיך לייכטער צו גענאַרן. ווען דער קאָמפּאַס, אַ שטייגער, ווייזט דייטלעך די ריכטונג, וואָס איז נישט גינסטיק פאַר אונדז, קומט די שוואַרצע פאַרצווייפלונג און באַזעצט זיך אויף לאַנג אין האַרצן. אָבער אַז די חשערה ווייזט די ריכטונג, הייבט מען אָן גלויבן און האָפן: אפשר גייען מיר באמת גוט און מיר דערנענטערן זיך צום ברעג?..

אונדזערע אויגן ליגן פסדר אויף די האָריזאָנטן: מיר זוכן יבשה... און ווייל די השערה אַרבעט אין אונדז שטאַרק, וואַקסט אונדז עפּעטער אויס אַ בלויער פּאַס יבשה דאָ אין מזרח און דאָ אין מערב... מיר גענאַרן זיך, גאַטירלעך, אָבער געגאַרטע האָפענונג אויפן ים איז אויך עפּעס ווערט: דאָס האַרץ, די בלאַסע בלוטן גיסן זיך אָן מיט ענערגיע.

דעם 1-טן יאַנואַר האָבן מיר אויפגעגעסן די לעצטע פּאָרציע סוכאַרעס, אָדער, ריכטיקער, די לעצטע סוכאַרעס-שיריים... אַך, דער ערשטער יאַנואַר! איך דערמאָן מיך אין דער שטאָט, אין באַקאַנטע, אין פרייַנט... הייַנט איז יום-טוב, דער עולם הו-ליעט ביי וויים-געדעקטע טישן. איך זע אויף די טישן גע-בראָטנס, וויינען, פרוכטן, קאָנפיטורן, פאַרשידענע דעסערטן...

וואָס טוען מיר דאָ אין ים? וווהין גייען מיר? וואָס האָבן מיר צו טאָן אויפן פאַראָם? פאַר וועמענס זינד ליידן מיר? און וואָס פאַר אַ זין, וואָס פאַר אַ תכלית ליגט אין אונדזערע ליידן?

מיר זענען טראַגיש און קאָמיש צוזאַמען. קאָמיש — דער-פאַר, ווייל מיר וויסן נישט פאַר וועמענס זינד מיר ליידן...

מיר זענען נישט קיין נאַטורפאָרשער, נישט קיין ים-לייט, נישט קיין טוריסטן אַפילו. מיר זענען פשוטע פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן געהאַט צו מאַכן אַ באַשטימטע נסיעה, נישט מער. און אָט האָבן מיר זיך פאַרוויקלט, נישט דיר, נישט מיר, אין אַזוינע אומגליקן און קאַטאַסטראָפעס, אַז מיר זעען קיין שום אויסוועג נישט. און איך וועל אייך זאָגן: דאָס איז ק אָ מ י ש מער ווי טראַגיש...

מיינע רעיונות בלייבן שטיין.

דער באָצמאַן קריכט פלוצלונג אַרויס פון הינטערן זעגל,

קוקט מיך אָן משונה און זאָגט:

„הער קאַזלאָן, איך באַגריס אייך...״

„מיטן נייעם יאָר!״—זאָג איך אים אונטער.

„ניין. מיטן היינטיקן טאָג. פון מיין זייט איז עס, באַטירלעך, אַ ביסעלע צו דרייסט. איר ווייסט דאָך מסתמא, הער קאַזלאָן, אַז אונדזער פּראָוויאַנט האָט זיך געענדיקט... מיר האָבן מער נישט, וואָס צו עסן...״

און ער רעדט און שמייכלט קרום. איך פאַרשטיי אים נישט.

יאָ, מיר ווייסן, אַז מיר האָבן נישט וואָס צו עסן, טאָ וואָס וויל דער באַצמאַן פון מיר? וואָס רייצט ער זיך מיט מיר?

אַ מאָדנע זאַך: צומאָרגנס, אַז מיר באַקומען שוין נישט די געוויינלעכע פּאָרציע, זענען אַלע עפּעס איבערראַשט. פּונקט ווי יעדער איינער וואָלט געוואָלט אַ פרעג טאָן: סטייטש, פאַרוואָס גיט מען אונדז נישט צו עסן?...״

דער געדאַנק קען זיך בשום אופן נישט צוגעוויינען צו צו דעם, אַז פון היינט אָן זענען מיר געצוווּנגען צו הונגערן...

אין אָוונט ספּאַזמירט מיר דער מאָגן. איך פיל אַ שוואַכקייט אין די הענט. דער קאָפּ שווינדלט. דאָס מויל גענעצט אָן אָן אויפהער...

שפּעטער ווערט מיר אָבער לייכטער. דער מאָגן באַרויקט זיך, איך פיל מיך אַפילו פרייער.

צומאָרגנס, דעם דריטן יאַנואַר, איבערצייג איך מיר, אַז מיינע יסורים פאַרגרעסערן זיך נישט. עס איז מיר נאָר ליידיק אין בויך, אין גוף, פּונקט ווי עמעץ וואָלט מיר עפּעס אַרויס

גענומען, אַרויסגעצויגן פון די בלוטן, און אַז איך הייב מיך אויף, וויגן זיך מיר עטוואָס די ברעטער אונטער די פיס...

דער הונגער ווירקט אָבער אויף אַלעמען נישט גלייך. די סאַמע שטאַרקסטע צווישן אונדז—דער באָצמאַן און דער טשעס־לער, אַ שטייגער, ליידן גרויסע יסורים. זיי וואַרפן זיך, ווי אין אַ קדחת, צאַפּלען זיך און שרייען, קרעכצן און וויקלען אַרום דעם בויך מיט גראָבע שטריק...

מען זעט בחוש, ווי דידאָזיקע מענטשן גייען אויס פאַר הונגער...

דער האַלבער פונט סוכאַרעס, וואָס מיר פלעגן באַקומען אַלע טאָג אויפן פּאַראָם, זעט אונדז איצט אויס, ווי אַן אומדער־גרייכלעכע עשירות... מיר בענקען איצט נאָך ברעקעלעך, נאָך פּיצעלעך, נאָך אַזוינע פּיק־פּיצלעך, וואָס הינער קלויבן אַרום אויף דער פּאָדלאָגע נאָך אַ מיטאָג...

מיר בענקען נאָך אַ הינערשע פּאַרציע!

עס ציען זיך די טעג, ווי פון פעך, די נעכט ציען זיך נאָך לייגנער. די צייט ליגט אונדז אויף די הונגעריקע אַקסלען, ווי אַ שווערע לאַסט. אַפילו די לופט ליגט אונדז שווער אויף די באַקן, אויפן געזיכט...

און טאָמער מאַכט מען צו די אויגן און מען ווערט איינגעשלאָפן, איז דער שלאָף אַ קרענקלעכער, אַ דושנער, מיט קאָשמאַרן, מיט משונהדיקע בילדער, מיט האַלוצינאַציעס, מיט שדים...

זעקס אַ זייגער פּאַרטאָג האָבן מיך שרעקלעכע קולות פאַלוצלונג אויפגעריסן פון שלאָף

איך האָב מיך באַלד אויפגעשטעלט אויף די שוואַכע פיס און אויסגעריבן זיך די אויגן. אויפן פּאַראָם איז אַ בונט, אַ מורא־

דיקע מרידה: דער נעגער דשאַנקסטראָפּ און די מאַטראָזן: אָוועו, כליפּאַל, ווילסאָן, בערק און סענדאָן, באַוואָפנט מיט העק, שטעקנס, ברעטער און שטריק, וואַרפן זיך אויפן קאַפּיטאַן, אויפן באָצמאַן און אויף דאָולאַסן... אין דעם מאָמענט טראַכט איך נישט קיין סך און צוואַמען מיט פאַלסטענען וואַרף איך מיך צו הילף דעם קאַפּיטאַן...

מיר האָבן נישט קיין געווער, אָבער מיר האָבן מעסערס און מיר זענען גרייט זיך צו שלאָגן אויף לעבן און טויט...

אָוועו איז שיכור און שיכור זענען די מאַטראָזן. ביינאַכט האָבן זיי אויפגעבראָכן דאָס פעסעלע און אויסגעכליאָבעט כמעט דעם גאַנצן בראָנפן.

אָוועו שרייט:

„ברידער, וואָס קוקט איר? שליידערט אין ים אריין דעם קאַפּיטאַן! איך וועל זיין דער פירער! איך בין אַזאַ קנאַקער, ווי ער! וואָס האָט ער אויפגעטאָן, דער קאַפּיטאַן? ער האָט אונדז בלויז פאַרפירט! ער האָט אונדז, ברידער, פאַרפירט מיטן „שאַנ-סעלאָר" און פאַרפירט מיטן פאַראָם! צי האָט דער מענטש כאָטש איין רעכט מיטל אין אונדזער לאַגע? צי קען מען אים טרויען? צי איז ער בכוח זיך אַדורכצורייסן צום ברעג? ניין, ברידער, ער קען גאָרנישט און ווייס גאָרנישט! מער ווי דעם טויט קען ער אונדז נישט געבן! לאָמיר אים אריינשליידערן אין ים אריין און פטור ווערן פון אים! אין ים! אין ים!"

די שיכורע מאַטראָזן שרייען אים נאָך מיט האַלב פאַר-גליווערטע צינגער:

„אין ים אריין! אין ים אריין!"

ראָבערט קורטיס, א קאַלטער און אַ פאַרביסענער, רוקט זיך אַרויס פאָרויס און דערנענט זיך צו אָוועגען.

„וואָס שרייסטו?“—פרעגט ער אים.

יענער הייבט אויף די הענט, בויגט זיך אויס און שרייט מיט שוים אויף די ליפּן:

„עס טויג אונדז נישט דער קאַפּיטאַן! ער פאַרפירט אונדז אין ים אַריין! אין ים אַריין!“

אָבער קורטיס זאָגט משונה רויק און ניכטער:

„אָחען, וואַרף אַוועק די האַק און שריי נישט!...“

דער מאַטראָז ווערט אָבער רויט, די אויגן גיסן זיך אים אָן מיט בלוט. ער וואַרפט זיך, ווי אַ חיה אויף קורטיסן...

אויפן האַלב-טויטן פּאַראָם ברעכט אויס אַ מוראדיקער קאַמף. אָווען מיט ווילסאָנען שלאָגן זיך מיטן קאַפּיטאַן, בערק מיט פליפּאָלן וואַרפן זיך אויפן באָצמאַן מיטן טשעסלער. דער נאַרישער נעגער לויפט מיט אַ שטעקן צו מיר... איך הייב מיך אָן ראַנגלען מיט אים, אָבער דערדאָזיקער אויסוווּרף איז שטאַרקער פון מיר. אַן אויסגעהונגערטער און אַן אָפּגעשוואַכטער, פאַרליר איך די לעצטע כוחות אין געשלעג. אָבער אַנדרע לעטורנער כאַפּט פּלוצלונג אָן דעם נעגער פאַר אַ פוס און יענער פאַלט אַנידער אויפן דעק, מיטשלעפּנדיק מיך אויך מיט זיך... איך פאַל אָבער פון אויבן און שפּרינג באַלד אויף אויף די פיס.

איצט בין איך שוין שטאַרקער פון נעגער. מיט פאַרדריקטע ציין רייס איך אים אַרויס פון האַנט דעם שטעקן און הייב אים אָן דעקן איבערן קאָפּ.

איך שלאָג מעכאַניש און שלאָג אָבער גוט...

אַנדרע לעטורנער כאַפּט מיך אָן ביי דער האַנט.

„מען דאַרף נישט...“—שעפּטשעט ער שטיל.

איך קוק מיך אַרום מיט אַ שווערן אָטעם.

די מורדים זענען אָפּגעשטויסן געוואָרן צום פאָדערשטן טייל פון פּאַראָם.

אין געראַנגל איז קורטיסן געלונגען אַרויסצערייסן די האַק פון אָווענס הענט. איך זע, ווי ער הייבט זי אויף איבערן קאָפּ און פאַרמעסט זיך אויף אָווענען. דער לעצטער שפּרינגט אָבער אָפּ, ווי אַ קאַץ, און די האַק לאָזט זיך אַראָפּ און צעשפּאַלט ווילסאָנען דעם מוח...

ווילסאָן ציט זיך אויס אויפן פּאַראָם מיט לאַנגע פיס און מיט אַ צעהאַקטן קאָפּ. אַ פּאַס בלוט שטראָמט אַוועק פון אים אין ים אַריין... ער הערט אויף צו אָטעמען.

ער איז טויט!..

דאָולאַס שעפּטשעט, אַן אויפגערעגטער:

„געשטאָרבן... געשטאָרבן!..“

דער באָצמאַן שאָקלט מיטן קאָפּ און שרייט, ווי משוגע:

„אָט אַזוי! אָט אַזוי!“

די מרידה איז איינגעשטילט געוואָרן. פליפּאָל און בערק ליגן טויט-שיכּור אויפן דעק, דעם בעגער האָבן מיר צוגעבונדן צום מאַסטבוים.

ראָבערט קורטיס שפּעלט זיך שאַרף אַוועק קעגן אָווענען און זאָגט:

„איצט וועל איך מיך נעמען צו דיר!“

ביים קאַפּיטאַן קלאַפּן די ציין פון רציחה.

אָווען שמייכלט אָבער מיט אַ בייז כיטרע שמייכעלע.

„יאָ,“—זאָגט ער,—„איר וועט מיך דערהרגענען, וועט איר האָבן וואָס צו עסן...“

דידאָזיקע ווערטער ראַטעווען אים דאָס לעבן. ראָבערט קורטיס וואַרפט אַוועק די האַק און רוקט זיך אַוועק אויף דער

צחייטער זיט פאַראָס, אַ בלאַסער און אַן אומעטיקער.

זיינע אַראָפּגעלאָזטע הענט ציטערן אים. מיר לאָזן אים צורו.

XXXIX

6—5 יאַנואַר.

איך דריק הייס אַנדרעס האַנט. איך דאַנק אים פאַר־דעם, וואָס ער האָט מיר געראַטעוועט דאָס לעבן.

„אַנדרע,“—זאָג איך,—„מיין דאַנק איז אָרעם און מאָגער קעגן אייער טאַט.“

און אַנדרע לאַכט.

„איר דאַנקט מיך גאָר? אַבי איך האָב געמיינט, אַז איר וועט זיין זייער בייז אויף מיר!..“

„פאַרוואָס?“

„ווייל אַזוי־אַרום,“—לאַכט אַנדרע,—„האָב איך פאַרלענגערט אייערע יסורים... איך ווייס נאָך נישט, צי פאַר אַזוינע מעשים קומט אַ דאַנק!..“

איך האָב אים אַרומגענומען און געזאָגט:

„ניין, אַנדרע, איר האָט דערפילט אייער חוב...“

מיט געראַבע איז זייער אויסגעבלייכט פון הונגער. איך איר קליידל, אַרומגעפליקט פון שטורעם און פון די פּאַראַמ־טשוועקעס, זעט זי אויס, ווי אַ יונגע צאַרטע בעטלערין, וואָס שעמט זיך צו בעטלען...

די האַלט זיך אָבער פעסט—אַן אַנדער מאַנספּיל מעג איר

מקנא זיין פאַר דערדאָזיקער אינערלעכער פעסטקייט. זי מאַכט נישט קיין גרימאַסן און קלאָגט נישט. אירע יסורים טראָגט זי איבער אינדערשטיל, מיט דער גוטסקייט פון אַ פּאַרצייטיקן צדיק...

„הער קאַזאַלאָן,״—זאָגט זי רויק אָן שום פּרעטענזיעס און טענות,—„מיר וועלן שטאַרבן פון הונגער...״

„יאָ, מיס גערביי,״—ענטפער איך אין דעמזעלבן טאָן,—„אַזוי זעט עס אויס.״

פרעגט זי אַ שטילע, אַ האַרציקע, אַ פּרוטע:

„זאָגט מיר, טייערער, וויפל צייט קען מען לעבן אָן עסן?

איך זאָג:

„אַ סך לייגער, ווי מיר מיינען. ס'איז מעגלעך, אַז מיר זאָלן אַזוי ציען, ציען אָן אַ סוף...״

„וואָס הייסט אָן אַ סוף?״

„עס רעדט זיך אַזוי, נאַטירלעך. אָבער מיר קענען זיך מוטשען זייער לאַנג, טייערע מיס גערביי!..״

„שטאַרקע מענטשן שפּירן פּיינלעכער דעם הונגער, יאָ, הער קאַזאַלאָן?״—פרעגט זי.

און איך זאָג:

„יאָ, מיין טייערע, דערפאַר אָבער שטאַרבן זיי פריער... דאָס איז אויך אַ גרויסע מעלה...״

נאָכדעם שווייגן מיר ביידע. עס דריקט מיר דאָס האַרץ. איך לייד פאַר צווייען: פאַר מיר און פאַר דער ליבער מיס גערביי. אפשר פאַר איר נאָכמער, ווי פאַר מיר. עס איז מיר שווער צו זען, ווי אַזאַ יונג צאַרט וועזן גייט אויס פון גראָבן דלות און הונגער. אַ שוואַרצער הונגערטויט קוקט איר אַרויס פון די ריינע בלויע קינדערשע אויגן.

אין אַ ווײלע אַרום רופט זי זיך אָן צו מיר:

„קאַזאַלאַן, איך האָב צו אײך אַ בקשה..."

עס ציטערט איר עטוואָס די אויבערשטע ליפּ. איך קוק זי אָן טיף מיט הונגעריקע אויגן, און איך פיל, ווי עס ציטערט מיר דאָס האַרץ.

„זאָגט, וואָס, טײערע..."

און מיס גערביי זאָגט:

„אויב איך וועל שטאַרבן פריער פון אײך,"—און דאָס קען דאָך געשען,—„זאָל מען מײן גוף אַרײנוואַרפן אין ים אַרײן... איר פאַרשטײט, הער קאַזאַלאַן? אין ים זאָל מען אים אַרײנוואַרפן... איך האָב מורא..."

זי האָט זיך פאַרהאַקט און נישט געקענט ווײטער רעדן.

אַ קאַלטער שווייס האָט מיר באַדעקט דעם שטערן. איך האָב מיך גענומען פּלאָנטערן:

„וואָס הייסט, מיס גערביי? וואָס רעדט איר?"

און זי איז שוין געווען רויק און האָט געשמייכלט מיט אַ בלאַסן הונגערשמייכל און האָט געזאָגט:

„ניין, הער קאַזאַלאַן, אָט אַזוי איז עס. לאָמיר רעדן מונטער און פשוט: איר גיט מיר אײער וואָרט, אַז נאָך מײן טויט וועט איך אַרײנגעוואָרפן זײן אין ים אַרײן? מער ווי דאָס פאַרלאַנג איך נישט פון אײך... איך שרעק מיך פאַר קײן זאַך נישט נאָר בלויז פאַר דעם... איר פאַרשטײט דאָך... עס עקלט מיר. פוי!"

זי האָט גערעדט אַזוי קינדיש-רײן און קלאָר, אַז אַ האָב איר אָן שום שהיות געגעבן דאָס וואָרט...

מיר האָבן זיך ביידע לאַנג געדריקט די אָפּגעצערטע הענט.

עס איז צוגעפאַלן די נאַכט. אַ שווערע, אַ פּיינלעכע. עס האָט געשטאָכן אין מאָגן, און מען האָט אים געפּילט, ווי אַ קראַנקן צאָן... אין די מינוטן, ווען ער פלעגט נאָכלאָזן, פלעג איך איינדרעמלען מיט קאַשמאַרן און שדים...

עס איז עפּעס געווען אַ צושטאַנד פון אַ לאַנגער אי־נערלעכער מחלה, ביי וועלכער מען האָט זיך געקענט באַוועגן, רעדן און שמייכלען מיט ווייסע ליפּן.

אָבער דאָס האַרץ איז אַלץ שוואַכער געוואָרן. די כוחות זענען אויסגעגאַנגען.

אינדערפרי, אַז איך עפן די אויגן, זע איך אָבער, צו מיין גרויסן וואונדער, ווי אַלע לעבן נאָך...

אַ מערקווירדיקע זאַך: אונדזער בופעט־אויפזעער, האָבאַר־זעט אויס פּריש און מונטער, ווי ער וואָלט זיך געפּאַשעט ערגעץ אויף אַ דאַטשע...

ער שפּרייזט זיך אַזוי ברייט אַרום איבערן דעק פון פּאַ־ראָם און אַמאָל הער איך אַ זמרל, וואָס ער וואַרפט אַרויס פון דער נאָז...

טיילמאָל באַפאַלט אים עפּעס אַ פּלעצלעכער פּחד, קאָר־טשעט ער זיך צוזאַמען און נעמט שרייען מיט אימהדיקע קולות איבערן גאַנצן פּאַראָם, אַז ער שטאַרבט פון הונגער, אַז דאָס לעבן עקט זיך אים...

די קולות זענען אָבער פאַלשע, געמאַכטע, און קיינעם רירן זיי נישט.

דאָסדאָזיקע מענטשל ווערט מיר עפּעס מאָדנע פאַרדעכטיק און איך שפּיר אים נאָך... איך היט אים מיט די אויגן פון אַ

חיה און פאַרגעס מיך אַ ווײַלע אין די אייגענע יסורים.

פאַרנאַכט האָט מיך דער אַלטער לעטורנער גענומען אונ-טערן אָרעם, צוגעפירט מיך צום ברעג פון פאַראָם און דאָרט שטיל געזאָגט:

„הער קאַזאַלאָן, מײַן אַנדרע איז זייער שוואַך! ער שטאַרבט פון הונגער. איך קען נישט צוזען זײַנע יסורים. דאָס האַרץ פּלאַצט מיר אַוועק...״

אין זײַן טאָן פיל איך טרערן, אין זײַנע שטילע זשעסטן זע איך די העכסטע פאַרצווייפלונג. דער אַלטער האַלט זיך קוים אויף די פיס.

איך זאָג:

„מײַן פריינט, מײַן ליבער לעטורנער... אָבער מען קען דאָך נישט... מעגלעך אַ שיף... מיר וועלן זיך ראַטעווען...״

און ער שלאָגט מיך איבער:

„וואָס רעדט איר, הער קאַזאַלאָן? אַזוי רעדט מען בעת עס איז שלעכט... אָבער אַז דער טויט ליגט אויף דער נאָז... צי קען מען דאַן הערן באַנאַלע טרייסטווערטער?...״

איך האָב אַראָפּגעלאָזט די אויגן. הער לעטורנער האָט ווײַטער געזאָגט:

„איר זענט אָבער מײַן איינציקער פריינט אויפן פאַראָם און איך מוז אײַך פאַרטרויען: איר אַלע הונגערט אויפן פאַראָם דעם פערטן טאָג און איך, מײַן טייערער, הונגער שוין גאַנצע אַכט טעג...״

„וואָס הייסט?״—האָב איך אים נישט פאַרשטאַנען.

און דער אַלטער שעפּטשעט:

איך האָב דאָך געמוזט מאַכן אַ שטיקעלע זאַפּאַס פאַר אַנד-רען. אַלע טאָג קריגט ער אַ שטיקל סוכאַר...״

דערהערט, אז אַ מענטש קריגט אַלע טאָג אַ שטיקעלע סוכאַר אויפן פּאַראָם, ווער איך אויפגערעגט, אָבער איך באַרויק מיך באַלד.

„הער לעטורנער,״—זאָג איך,—„אָבער מיט וואָס קען איך אייך דינען? וואָס פאַרלאַנגט איר פון מיר?״

דער אַלטער בויגט זיך אָן צו מיר און זאָגט:

„הער קאַזאַלאָן, לאָמיר רעדן שטיל... אַנדרע האָט פאַר־שטרייקט... ער וויל נישט עסן... ער זאָגט, אַז ס׳איז מיין חלק... אַז ס׳איז אַ גרויסער פאַרברעך צו עסן דאָס, וואָס עס געהערט צו אַן עלטערן מענטשן און בפרט נאָך צו אַ טאַטן...״

דער אַלטער האָט זיך נאָכמער אויסגעבויגט צו מיר, פּונקט ווי ער וואָלט אַרויפגעפאַלן אויף מיר און זאָגט קוים צום הערן:

„הער קאַזאַלאָן, טייערער... גיט איר אים די פּאָרציע, די קליינטשקע טראַגישע פּאָרציע... און נאַרט אים אָפּ... זאָגט, אַז איר פאַרמאָגט נאָך אַ ביסל סוכאַרעס און איר זענט אים מכבד... איר פאַרשטייט, טייערער?״

און ביי די ווערטער רוקט ער מיר אַריין עפּעס אין דער האַנט אַריין.

„עסט אַליין אויך אַ פּיצעלע... טייערער... דאָס איז שוין מיין מתנה... עסט אָבער אַז קיינער זאָל נישט זען... גאָט זאָל אויסהיטן! איר פאַרשטייט, וואָס הייסט אַ שטיקל סוכאַר צווישן טויט־אויסגעהונגערטע מענטשן? מען מוז זיין זייער פאָרזיכ־טיק!..״

„הער לעטורנער!״—האָט איך געזאָגט.

„רעדט נישט מער, איך בעט אייך!״—האָט זיך דער אַל־טער געצאַפּלט. — „איר מוזט עס מיר טאָן... דאָס איז אַ פראַ־

גע פון לעבן און טויט. ניין, איר וועט עס מיר זיכער טאָן!"

און ער האָט מיר אַריינגעלייגט אין האַנט אַריין נאָך אַ שטיקעלע סוכאַר...

„דאָס וועט איר אָפּגעבן דעם זון, טייערער," — האָט ער זיך אַלץ געצאַפּלט. — „איך האָב נאָך אויף אַ פּאָר טעג צו פּיצע-לען פּאָרציעס פאַר אים..."

די האַנט, אין וועלכער עס איז געלעגן דאָס שטיקעלע סוכאַר, האָט מיר גענומען ציטערן, און איך האָב עס שיער צו-געטראָגן צום מויל. דער אַלטער, דער גוטער אַלטער האָט מיך אָבער געהיט... ער האָט מיר נישט געטרויט דאָס שטיקעלע סוכאַר!... אָט צו וואָס מיר זענען דערגאַנגען!

און ער האָט מיר געמעגט נישט טרויען, וואָרים עס האָט מיר געקאָסט אַ סך מי און אָנשטרענגונג ביז איך האָב ביי זיך געפּועלט, איך זאָל נישט צוטראָגן דאָס ברעקעלע סוכאַר צום מויל...

שפּעטער, אַז ס'איז שוין געוואָרן גוט פינסטער, בין איך צוגעקראָכן צו אַנדרען און אים איבערגעגעבן דאָסדאָזיקע קליינע אוצרל.

דער יונג האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אויפן ברעקעלע, ווי אַ חיה, אָבער באַלד דערויף איז ער געבליבן זיצן, ווי אַ פאַר-שטיינערטער.

„איז דער טאַטע?..." — האָט ער געפרעגט.

„דער טאַטע האָט שוין באַקומען זיין חלק," — באַרויק איך אים.

אַנדרע גלויבט מיר נישט, אָבער ער עסט...

ער עסט שטיל, בגניבה, אַז קיינער זאָל נישט הערן...

פון קנאה און הונגער דערשפיר איך א זייטיק אין מאגן.
איך רוק מיך אוועק פון דעם ליבן ייִנגל און קוק, ווי משוגע, אין דער נאכט אריין.

און מיר דאכט זיך, אז מען קען עסן דעם הימל, די שטערן, יעדן פלעק, וואס איך זע פון ווייטן אינדערפינסטער...

אך, עסן, עסן!

XL

זיאנואר.

די געזאלצענע כוואליעס פארגיסן ווײלעוויילעז דעם פאראם. דערפון ליידן די נאקעטע פיס פון די מאטראזן. דאס געזאלצענע וואסער מאכט זיי ווונדן אויף די פיס. מער פון אלעמען פייניקט זיך אונדזער „רעוואלוציאנער" אווען, וואס שטייט א צוגעבונדענער צום מאסטבוים זינט פון דער מרידה.

נישט געקוקט דערויף, וואס מיר זענען געווען שטארק בייז אויף אים, האבן מיר זיך איינגעשטעלט פאר אים, און מען האט אים אפגעלאזט.

מיר, פאסאזשירן, האבן נאך דערווייל נישט געליטן אויף דערדאזיקער מחלה, פשוט דערפאר, ווייל דער הינטערשטער טייל פון פאראם איז געווען העכער פארן פאדערשטן, און ער איז נישט אזוי אפט פארגאסן געווארן מיט וואסער.

איך קוק זיך נאר צו, ווי עס ווערט אלץ ערגער און ערגער. די קייט פון יסורים כאפט אונדז ארום, ווי א רינגעלע, אלץ

איינגער און איינגער.

היינט האָט דער באָצמאַן, אַ שטאַרקער מענטש, מיט אַ געזונטן מאַגן, וואָס וויל עסן ווי אַן אָקס, זיך אַרויפגעוואָרפן מיטן מויל אויף די שטיקלעך זעגל, וואָס וואַלגערן זיך אויפן דעק פון פּראָם און נאָכדעם האָט ער גענומען גריזשען האָלץ...

דער אומגליקלעכער קען מער נישט אויסהאַלטן. מען זעט, אַז דער מענטש ווערט משוגע פון הונגער.

ער וואַרפט זיך אויף האָלץ און אויף שטריק און אויף לעדער. ער בייסט עס אַלץ מיט ציין פון אַ טיגער און עס מאַכט דעם איינדרוק, ווי ער האָט הנאה פון עסן...

איבעריקנס, לעדער עסן אַלע... מען האָט שוין אויפגעגעסן אַלץ, וואָס האָט נאָר עפּעס אַ שטיקל קרובהשאַפט מיט לעדער. אַלע לעדערנע היטלען און דאַשיקעס און גורטן און פּאַסן, אַלץ, אַלץ איז אויפגעפרעסן געוואָרן מיט דער גרעסטער הנאה...

די מענטשן אויפן פּראָם האָבן אויסגעזען, ווי ווילדע חיות. דאָס מענטשלעכע, דאָס גוטע, דאָס פיינע און געלאַסענע איז אַראָפּגעווישט געוואָרן, ווי דורך אַ כשוף.

עס האָט נאָר געפעלט אַ געדיכטער וואַלד...

און מען מוז מודה זיין, אַז דידאָזיקע לעדער-מאכלים האָבן דאָך „געשטילט" דעם הונגער. דאָס הייסט אָפּגענאַרט דעם מאָגן.

וואָס איז שייך דעם בופּעט-אויסזעער, האָט דערדאָזיקער ממש געבליט אויף אונדזערע אויגן. רויטע בעקעלעך האָט ער געהאַט און דאָס בייכל איז אים געוואַקסן. ער האָט לגמרי נישט געליטן קיין הונגער. אָבער וואָס האָט ער געגעסן ? און

וו האָט ער געגעסן? און ווען האָט ער געגעסן? ווי איך האָב נישט נאָכגעשפּירט אָט דעם העסלעכן מענטשן, דאָס איך דאָך נישט געקענט געפינען קיין ענטפער אויף די דאָזיקע פראַגן.

מען זאָגט, אַז דער פּיין פון דורשט איז שטאַרקער, ווי דער פּיין פון הונגער. צום גליק, האָבן מיר געהאַט גענוג וואַסער. ווען עס באַפאַלט אונדז אויך דער דורשט, דער הונגער, וואָלט שוין לאַנג נישט געבליבן קיין איין מענטש אויפן אומגליקלעכן פּאַראָם.

די היץ לאָזט נישט אָפּ. זי מוטשעט אונדז און דערגייט אונדז די יאָרן. מיר ליידן פון קאָפּווייטיק, פון האַרצקלאַפּעניש. קוים וואָס מיר שטייען אויף די פיס. מיר זענען קראַנק און דאַרפן ליגן אין אַ שפּיטאָל...

היינט, זיבן אַ זייגער אין אָוונט, איז לייטענאַנט וואַלטער געשטאָרבן ביי מיר אויף די הענט.

איך האָב אים נישט באַוויינט, ווייל איך האַלט, אַז דער טויט איז געווען זיין מלאך הגואל. היינט איז אים זיכער בעסער, ווי נעכטן און ווי אייערנעכטן... איצט ליידט ער שוין נישט מער.

פאַרן טויט האָט ער אויף שטום־לשון באַדאַנקט מיך און מיס גערביי...

מיר האָבן געשאָקלט בעת מעשה מיטן קאָפּ און געגלעט אים ביי דער אויסגעטריקנטער האַנט. די אויסגעטריקנטע האַנט האָט זיך אויפגעהערט צו באַוועגן. זי האָט אויפגעהערט צו לעבן...

אויפן הימל זענען אַרויסגעפאַלן שטערן, גרויסע, דרומדיקע און גלייכגילטיקע. זיי האָבן געקוקט אויף אונדזער פּאַראָם

אזוינע ווייטע, פרעמדע און יום-טובדיקע...

עמעץ האָט אָפּגעזיפּצט.

קעגן דעם ליכט פון די גלאַנציקע יום-טובדיקע שטערן איז געלעגן אַ טויטער, אָפּגעצערטער מענטש אויפן שמוציקן פּאָראָם...

XLI

8 יאַנואַר.

מיס גערבי און איך — ביידע האָבן מיר אַ גאַנצע נאַכט געהיט דעם לייטענאַנטס טויטן גוף.

אַנדערפּרי האָב איך מיך גענומען צואיילן... יאָ, איך האָב מיך געאיילט — אַריינצוּוואַרפן דעם טויטן גוף אין ים אַריין... איך האָב מורא געהאַט פאַר דעם בופעט-אויפזעער, פאַר די האָ-באַרס... עס איז מיר שווער צו רעדן וועגן דעם... און איך וואָלט זיכער נישט גערעדט, ווען איך וואָלט מיר נישט געגעבן דאָס וואָרט צו זיין אויפריכטיק אין מיין טאָגבוך. און וויל מען זיין אויפריכטיק, מוז מען אַלץ שרייבן. מען טאָר גאָרנישט פאַר-היילן.

ראָבערט קורטיס האָט מיר געהאָלפן. מיר האָבן צוגע-גרייט פאַרן לייטענאַנט זיינע שמאַטעס (קיין בעסערס האָבן מיר נישט געהאַט). די הכנות זענען געווען קורצע. מיר האָבן נישט געהאַט קיין שטיינער, וואָס זאָלן צוגעבן אַ גרעסערע וואָג זיין קערפּער. אָבער איך בין זיכער, אַז ער וועט סיי ווי נישט אַרויסשווימען, ווייל דאָס איז געווען אַ גוף בלויז פון ביי-

נער. אויף דעם מענטשן איזשוין קיין הויט אויך נישט געווען.

אָבער אַז מיר נעמען זיך צו דער אַרבעט, ווערט מיר נישט גוט און קורטיס כאַפּט זיך פאַרן קאָפּ און קריצט מיט די ציין. ביים טויטן פעלט אַ שטיק פון רעכטן פוס. עמעץ האָט עס, קענטיק, שנעל אָפּגעריסן אָדער אָפּגעהאַקט.

אָבער וועמענס אַרבעט איז עס? ווער האָט עס געטאָן? איך בין דאָך געשטאַנען און געהיט? ניין, איך האָב אַוודאי געמוזט איינדרעמלען פון וואַכקייט און פון הונגער...

קורטיס קריצט מיט די ציין, אָבער אויפן פאַראָם איז שטיל. די מאַטראָזן שלאָפן...

„פאַרשאָלטן זאָלן זיי ווערן!" ברומט דער קאַפּיטאַן. — „נישט קיין מענטשן, נאָר חיות, העפּלעכע, מיאוסע שאַקאַלן, היענעס..."

איך זאָג:

„הער קורטיס, לאָמיר עס מאַכן שנעלער! שנעלער!"

און אָט הייבן מיר אים אויף, דעם ליבן גוטן לייטענאַנט און וואַרפן אים אַריין אין ים...

דער אויסגעטריקנטער ביינעקער גוף ווערט תיכף ומיד אַנטרונען צווישן די כוואַליעס.

עמעץ זידלט זיך הינטער אונדזערע פּלייצעס:

„טפּשים, אויף די הייפיש האָט מען רחמנות און אויף מענטשן נישט? נישט געדאַכט זאָל דאָס ווערן!"

מיר דרייען זיך אויס. דער נעגער דושאַנקסטראָפּ שטייט אָן אָנגעצונדענער און קוקט צום ים און די ווייסע ציין בלישטשען אים מיט רציחה.

הינטער אים וואַקסט אויס דער באָצמאַן, ווי אַ הויכער שאָטן.

איך שריי צום נעגער:

„אויסוורף, דו האָסט אָפּגעהאַקט אַ שטיק פוס!"

שווייגט דער נעגער, אָבער דער באָצמאַן ענטפערט פאַר אים:

„פוס! פוס! וואָס דאַגהסט איר אַזוי פאַר אַ טויטן פוס? זאָרגט בעסער פאַר אַ לעבעדיקן מענטשן, וואָס שטאַרבט פאַר הונגער!..."

איך פיל, ווי עס פלאַמען מיר די באַקן, דאָס האַרץ קלאַפּט און איך קען מיך נישט באַהערשן.

„הער באָצמאַן," — שריי איך, — „איר אויך?"

„יאָ איך אויך!" — ענטפערט ער מיט רוגזה און קלאַפּט זיך מיט דער האַנט אין האַרץ אַריין.

„אויף אייך וואָלט איך נישט געגלויבט!" — רוף איך מיך אָן מיט עקל.

צעלאַכט ער זיך משונה און דורכן געלעכטער פאַלן אויף מיר, ווי הייסע שטיקער אייזן, זיינע ווערטער:

„הער קאַזאַלאַן, איר זענט אייך טועה! בעסער עסן אַ טויטן מענטשן, איידער אַ לעבעדיקן... און איך בין אייך מתרה: עס וועט צו דעם נאָך אויך קומען!..."

זיין געלעכטער שיט זיך, ווי טרוקענע שטיינדלעך איבער מיין קרענקלעכער אויסגעמוטשעטער הויט.

עס ווערט מיר הייס און קאַלט און איך טרעט אָפּ פון אים. איך גיי אַוועק און פאַרגראָב מיך, ווי אַ וואָרעם אין אַ ווינקל און סטאַרע מיך נישט צו טראַכטן. צו די אויגן טרעט מיר צו אַ וואַרעמע פייכטקייט...

בייטאָג איז מיטאַמאָל געוואָרן אַ מהומה אויפן פאַראָם. אַלע זענען אויפגעשפרונגען פון די ערטער: דער באָצמאַן האָט

געכאַפּט גאַנצע דריי פיש, וואָס יעדער איינער פון זיי האַלט אַכציק סענטימעטער.

די מאַטראָזן האָבן זיך אַרויפגעוואָרפן אויף זיי מיט ווילדע געשרייען און געוואַלדן, פּונקט ווי מען גייט אין אַן אַטאַקע. דעם קאַפּיטאַן, פּאַלסטענען און מיר איז מיט גרויס מי געלונגען צו באַרויקן די צעווילדעוועטע און רויבערישע מאַטראָזן.

די דריי פישלעך זענען צעטיילט געוואָרן אויף פערצן מענטשן און יעדער איינער האָט באַקומען אַ חלק, וואָס ער האָט באַלד אויפגעפרעסן רויערהייט. איך בין מיך מודה, אַז איך האָב אויך אַזוי געטאָן... בלויז דריי מענטשן—קורטיס, מיס גערביי און אנדרע האָבן אויפגעקאָכט זייער חלק פיש און האָבן געהאַט כוח צו וואַרטן, ביז עס וועט אויפקאָכן...

דער באָצמאַן איז ממש משוגע פון שמחה. ער שפּרינגט אַרום איבערן פאַראָם מיט צעשפּרייטע הענט און האַלט אַלץ אין איין שרייען, אַז מען וועט מער נישט ליידן קיין הונגער.

„מיר וועלן פאַנגען פיש!"—האָט ער געשריען. — „מיר וועלן פאַנגען פיש!"

„פאַרוואָס אַרבעט איר איצט נישט מיט דער ווענדקע?"— האָט אים עמעץ געפרעגט.—„אַ שאָד די צייט!"

דער באָצמאַן האָט געזאָגט:

„איצט טויג נישט. בעסער ביינאַכט. ביינאַכט גייט עס בעסער."

פלוצלונג ווערט ער בלאַס און אומרויק. ער פּאַטשט זיך אין שטערן און שרייט:

„וואָס פאַר אַ ווילדע מענטשן מיר זענען! מיר האָבן גאָר נישט איבערגעלאָזט פאַרן האַטשיק!.. וואָס וועלן מיר איצט טאָן?

מיט וואָס וועלן מיר פאַנגען פיש?"

„מיט וואָס האָט איר פריער געפאַנגען?"

„פריער?"

אויף זיין אומרויקן פנים רייסט זיך דורך אַ שמייכל.

„פריער האָב איך געהאַט אַן אויסגעצייכנטע מתנה פאַר די פיש... איר זעט דאָך אַליין, זיי האָבן זיך נישט געלאָזט בעטן און האָבן זיך באַלד אַרויפגעוואָרפן אויף דער מתנה..."

מיינע אויגן טרעפן זיך מיט זיינע — ער שמייכלט.

„אָבער," — כאַפּט ער זיך פלוצלונג, — „עס דאַרף נאָך ערגעץ זיין אַ קליינטשיק טיילכעלע פון דערדאָזיקער מתנה... איך האָב גאָר פאַרגעסן... און דעריבער נישט געזאָרגט. חברים!"

אויפן פאַראַם איז פריילעכער געוואָרן. דער עולם שמועסט, מען הערט אַ געלעכטער. אפילו דער אַלטער לעטורנער כאַפּט אַרויף אַ שמייכל אויפן זויער־אומעטיקן פנים.

דאָס שטיקעלע פיש, וואָס יעדער איינער האָט באַקומען, ענדערט די שטימונג און פאַרוואַנדלט צוריק די חיות אין מענטשן...

ביינאַכט זיצט דער באָצמאַן מיט דער וואַנדקע ביים ברעג פון פאַראָם. איך שלאָף אָבער שלעכט, הייב איך מיך אויף פאַר־טאָג פון „געלעגער" און גיי צום באָצמאַן.

„נו, וואָס הערט זיך?" — פרעג איך. — „מיר וועלן האָבן וואָס צו עסן?"

ביים באָצמאַן ברענען די אויגן. ער איז אויפגערעגט און ברומט:

די פאַרשאָלטענע הייפיש פרעסן אַראָפּ פון האַטשיק דאָס שטיקעלע פלייש... איך וועל משוגע ווערן!"

„און איר האָט נישט מער, וואָס אנצושטעכן אויפֿן האַ־טשיק?

דער באָצמאַן ברומט נאָך בייזער:

„איך האָב נישט מער!..״

נאָכדעם הייבט ער אויף אויף מיר די טרוקן־פלאַמיקע אויגן פֿון אַ הונגעריקן מענטשן און זאָגט:

„איר פֿאַרשטייט? מען דאַרף נישט זיין סענטימענטאַל און נאַריש! אין אַזאַ צייט דאַרף מען זיין קלוג און באַרעכנט... אַז ס'איז דאָ אַ גוף...״

איך פֿאַרשטיי, וואָס ער וויל זאָגן, האַלט איך אים צו מיט דער האַנט דאָס מויל און לאָז אים נישט ענדיקן.

„גענוג, גענוג!״—זאָג איך.—איך פֿאַרשטיי אייך...״

אָרעמער, בידנער וואלטער!

XLII

10 יאַנואַר.

עס איז שטיל, די זון באַקט. דער ים איז רויק, דער פּאַראָם וויגט זיך קוים אויפֿן וואַסער.

מיר ליידן פֿון דורשט. אונדזער וואַסער־אוצר נעמט זיך אויס, מען גיט אונדז אַרויס ממש טראָפּפּעלעך...

אין מויל איז טרוקן, אין האַלדז איז טרוקן. מיר שטאַרבן אָפּ. איך האָב מיך איינגעשטעלט און בעט קורטיסן, ער זאָל אונדז אַרויסגעבן גרעסערע פּאָרציעס וואַסער. זאָל זיין, וואָס ער וויל — אַבי זיך אָנטרינקען און איינשטילן דעם דורשט.

איך זאָג אים:

„קיין אויסוועג איז סיי־ווי נישטאָ און וועט נישט זיין. צו וואָס זיך מוטשען? מיר פאַרמאָגן אַ ביסל וואַסער, לאָמיר עס אויס־טרינקען. דער מאָרגעדיקער טאָג עקזיסטירט נישט פאַר אונדז. עס קען גאַנץ גרייַלעך זיין, אַז נאָך היינט וועלן מיר אַלע אויס־ציען די פיס... צו וואָס דאַס שפּאָרן און די עקאָנאָמיע און די אָרדענונג, אַז מיר האָבן קיין שום אויסוועג נישט? אַ שעה פריער, אַ שעה שפּעטער—דער פאַראָם איז אונדזער קבר."

קורטיס שפּאַרט זיך נישט מיט מיר. ער איז, קענטיק, אויך גלייכגילטיק געוואָרן—ער, דער שטאַרקסטער און באַדאַכטסטער צווישן אונדז. ער גיט אַרויס וואַסער און מיר טרינקען. מיר טרינקען אויס די לעצטע טראָפּנס פון אונדזער לעבן...

דער טאָג איז זייער אַ שווערער. אַלע ליגן, ווי צעטראַ־טענע פליגן. אפילו די פאַרגרעסערטע פּאָרציע וואַסער מאַכט קיינעם נישט פריילעך.

שפּעטער ליגט מען שוין נישט שטיל, נאָר מען קרעכצט, ווי אין אַ שפּיטאָל. מען ליידט פון הונגער, פון דורשט, פון היץ און פון אָפּגעשוואַכקייט.

עס ציען די ביינער, אין מויל איז ביטער, דער קאָפּ שווינדלט, עס שטעכט אין די געדערים.

דער מאַטראָז אָווען קאָרטשעט זיך און דרייט זיך צונויף ווי אַ בייגל. ער ליידט פון גרויסע מאָגן־יסורים, און מען קען אים נישט העלפן. דער „רעוואָלוציאָנער" וויינט, ווי אַ קינד. איך נעם אים אָן ביי די הענט, גלעט אים ביים שטערן און וויל אים באַרויקן, אָבער עס געלינגט מיר נישט. איך זע, ווי דער מענטש ענדיקט זיך און איך קען אים נישט העלפן.

אין אַן אַנדער ווינקל קלאָגט אַן אַנדער מאַטראָז און קריכט

אויף אַלע פיר". עס איז שלעכט, עס איז זייער שלעכט!

פלוצלונג שרייט פלייפאָל נישט מיט זיין קול. זיך אַרויפ־געדראַפּעט אויפן שפּיץ פון מאַסטבוים, האָט ער געעפנט אַ ברייטע „געמבע" און שרייט:

„אַ שיף! אַ שיף!"

אַ שיף! דער עולם שפּרינגט אויף פון די ערטער, ווי משוגע. אפילו די קראַנקע, וואָס האַלטן אין איין קרעכצן, הייבן זיך אויף אויף די פיס און גלייכן זיך אויס.

איך לויף צו פלייפאָלן און דראַפּע מיך אַרויף צו אים, ווי אַ קאַץ. וויפיל כוחות איך האָב אין די אויגן, שטרענג איך זיי אָן און זוך אין ים די שיף.

ערגעץ ווייט, ווייט אין ים זע איך עפּעס אַ ווייסן אומבאַוועגלעכן פלעק... וואָס איז עס? איז עס אַ זעגל? אַ שיף? איך בין נישט קיין פאַכמאַן און דאָס האַרץ צאַפּלט זיך אין מיר. איך ווייס נישט, איר פאַרשטייט, גאָרנישט...

נאָר אָט גייט קורטיס צום מאַסטבוים. איך לאָז אים אַרויף אויף מיין אָרט. ער קריכט אַרויף און וואַרפט אַריין די אויגן אין ים אַריין. לאַנג און שאַרף קוקט ער אויפן ווייטן ווייסן פלעק און שאָקלט מיטן קאָפּ.

„ניין,"—זאָגט ער,—„ס'איז גאָרנישט... גאָרנישט..."

אַ שוואַרצע פאַרצווייפלונג כאַפּט אַרום די לייט פון פּאַראָם. צי וואָס האָט מען עס באַדאַרפט הערן דאָס וואָרט „שיף", וואָס האָט פלוצלונג אויפגעפלאַמט אין דמיון, ווי אַ ראַקעט און איצט איז עס אַזוי ביטער און שוואַרץ אויסגעלאָשן געוואָרן?

פון פאַרצווייפלונג האָט מען זיך אויסגעדרייט מיטן פּלייצע צו אײנאַנדער, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. מען רעדט נישט צווישן זיך, מען שווייגט, מען איז אײַנער דעם צווייטן אַ דם־

שינא, מען האָט זיך פיינט...

און אָט האָט גענומען אָוועןְ און האָט גאָר געמאַכט אַ שטאַרב...

דערדאָזיקער טויט איז אַדורכגעגאַנגען ביי דער אַלגע-מיינער פאַרצווייפלונג און ביי דער שרעקלעכסטער גלייכגילטיקייט. נאָכמער: איך האָב געזען בליקן מיט קנאה—מיט קנאה צום מת...

אָוועןְ איז געשטאָרבן אין גרויסע יסורים, אָבער ער איז געשטאָרבן—און דאָס איז געווען גוט...

אין טויט האָט מען איצט געפונען אַן ענטפער אויף אַלע האַרבע קשיות. ער האָט פאַרענטפערט און באַפרידיקט הונגער און דורשט און יסורים און אפילו דעם אַמעריקאַנישן ברעג... ער האָט אַלץ פאַרענטפערט און באַפרידיקט און האָט געשענקט די מידע ביינער אייביקע מנוחה...

וואָס פעלט איצט אָוועןְ?

מען איז געווען אַזוי פאַרצווייפלט, אַז קיינער האָט נישט געריסן און נישט געפליקט פון אים לעבעדיקע שטיקער. מען האָט אים נישט באַדאַרפט היטן. אַ פּאָר מענטשן האָבן אים אויפגעהייבן און האָבן אים אַריינגעוואָרפן אין ים אַריין...

איך האָב מיך דערמאָנט אין זיין אומרויקער נשמה, אין זיינע „בונטן", וואָס ער האָט אויפגעהייבן אויפן דעק פון „שאַנסעלאָר" און פון פאַראָם, און איך האָב אים אַלץ מוחל געווען...

איך האָב איצט פאַרשטאַנען, אַז דאָס אַלץ איז געווען אַ פועל-יוצא פון זיין פּסיכישן צושטאַנד און פון דער שווערער לאַגע: דער מענטש האָט געהאַט אַ ווייב מיט קינדער, פאַרדינט האָט ער גראָשנס, ביי די ערגסטע באַדינגונגען, שטייענדיק

תמיד אויפן שוועל פון טויט. ער האָט גוט געוווּסט, אַז פריער אָדער שפּעטער וועט דער ים אים פאַרשלינגען אין זיינע אָרעמס...

עס פרעגט זיך: ווי קען מען זיין רויק אין אַזאַ לאַגע? ווי קען מען נישט בונטעווען?

איך וואָלט זיכער באַגלייט מיט אַ טרער זיין אָרעמען טויטן גוף מיט די ווונדיקע פיס, ווען איך וואָלט נישט זיין אַזוי גלייכגילטיק צו אַלץ און צו אַלעם...

XLIII

11—14 יאַנואַר.

מיר האָבן נישט קיין וואַסער. דער לעצטער טראָפּן איז שוין אויסגעטרונקען געוואָרן. איצט האָבן מיר הונגער און דורשט צוזאַמען. אין צווייען, זאָגט מען, איז שטאַרקער.

מיר ליגן אויפן פּאַראָם האַלב טויטע און בראָטן זיך אין ער אומדערבאַרעמלעכער זון. קיינער האָט נישט קיין רחמנות יבער אונדז—נישט דער הימל, נישט די ערד, נישט דער ים...

און מיר אַליין האָבן אויך נישט קיין רחמנות איבער יך: עס איז שוין אַלצאיינס. נישטאָ זיך וואָס צו שאַנעווען און ו היטן. מען שאַנעוועט זיך אין לעבן, אָבער נישט אין טויט...

דאָס געזאַלצענע ים-וואַסער האָט זיך שוין אויך אָנגע-זעצט אויף מיינע פיס. ביז אַהער האָב איך זיי גאָך ווי עס יז אָפּגעהיט און נישט דערלאָזט, אַז אויף זיי זאָלן זיך אויס-עצן רויטע העסלעכע ווונדן. איך האָב אָבער אַ מאָל געטאָן

מיט דער האַנט אויף דאָס ביסעלע ציטריקע לעבן, וואָס טליעט נאָך אין מיר, און מײַנע פיס זענען באַדעקט געוואָרן מיט וווּנדן...

די מאַטראָזן, וואָס קענען נישט אויסהאַלטן די היץ, וואַרפן זיך אין ים אַרײַן, נישט געקוקט אויף די העסלעכע הײַפיש, וואָס דרייען זיך אַרום אונדז. איך מוז אָבער מודה זײַן, אַז דאָס באָדן זיך אין ים, אפילו בײַ אַזאַ לאַגע, ווי אונדזערע, פרישט דאָך אָפּ און שטאַרקט עטוואָס דעם האַלב טויטן אָר־גאַניזם.

איך פרעג מיך: ווײַבאַלד אַז ס׳איז מיר אַלצאיינס, טאָ למאי זאָל איך מיך אויך נישט אויסבאָדן אויף די בייזע אויגן פון די הײַפיש? וואָס שרעק איך מיך? איך קען אָבער נישט שווימען, וואַרט מען מיר צו אַ שטריק און ראָבערט קורטיס זיצט בײַם ברעג פון פּאַראָם און היט מיך אָפּ פאַר די הײַפיש. איך באָד מיך און עס ווערט מיר עפּעס לינדער אין די רעיונות, און די זון, די אומבאַוועגלעכע זון האָט שוין נישט אַזאַ שליטה איבער מיר.

דאָס באָדן זיך ווערט אָבער אַנשטעקנדיק: אַלע וואַרפן זיך אין ים אַרײַן. בלויז מיס גערבײַ, אַ בלאַסע, אַן אָפּגע־צערטע, מיט אַ פּנים פון אַ הײליקער יונגפרוי, שרעקט זיך פאַרן וואַסער. זיצט זי אויפן פּאַראָם אונטער די פײַערדיקע שמיץ פון דער זון און אָטעמט שווער, ווי אַ חולה...

„טײַערע,״—רוף איך מיך אָן צו איר, אַרויפקריכנדיק מיט אַלע פיר אויפן פּאַראָם,—„אין אונדזער שוואַרצער נויט, וואָס האָט קיין גרענעץ נישט, איז פאַראַן איין קלײניטשקער תענוג: דאָס באָדן זיך. געניסט אויך פון אים, מיס... איך רעד צו אײַך, ווי אַ ברודער...״

שווייגט זי אָבער, מיס גערביי, און הייבט אַפילו נישט אויף דעם קאָפּ. נעמט זי אַנדרע ביי דער האַנט און קוקט איר ווייך אין די אויגן אַריין.

„מיס גערביי,״ — זאָגט ער,—„הער קאַזאַלאַן איז גערעכט. פאָלגט אים און פאָלגט מיך... איך וויל אויך רעדן צו אייך, ווי אַ ברודער... וואָס קען זיין נענטער און האַרציקער... מיס גערביי...״

און זי שעפּטשעט:

„ס׳איז מיר אַלצאיינס. מיר איז אַזוי אויך גוט.״

אַך, ווי איך וואָלט געוואָלט, עס זאָל איר באמת זיין גוט. זי איז דערווייל דער איינציקער געגנשטאַנד אויפן פּאַראָם, צו וועלכן איך בין נאָך נישט אינגאַנצן גלייכגילטיק...

דעם 14-טן יאַנואַר, עלף אַ זייגער אינדערפרי, האָט מיר דער קאַפּיטאַן פאַרטרויט אויפן אויער:

„הער קאַזאַלאַן, מאַכט זיך האַרץ און ווערט נישט אויפגערעגט: איך האָב אייך וואָס צו זאָגן...״

איך האָב אויפגעהייבן די אויגן אויפן קאַפּיטאַן. דאָס האַרץ האָט מיר שטאַרק געקלאַפּט. וואָס קען ער מיר זאָגן? איך האָב אָבער פאַרביסן די אונטערשטע ליפּ און געמאַכט אַן אָנשטעל פון אַ מענטשן, וואָס קען אַלץ אויסהערן מיט דער גרעסטער קאַלטקייט און רויקייט.

און דער קאַפּיטאַן זאָגט ווייטער קוים צום הערן:

„הער קאַזאַלאַן, דאָס איז אַ געוואַלדיקע בשורה: איך זע אַ שיף...״

„וואָס הייסט?״—פרעג איך שטיל און וויל מיך בעת מעשה שטאַרק באַוועגן, אָבער איך האַלט מיך איין.

און ער שעפּטשעט:

„איר מוזט אָבער שווייגן... מיט אַזוינע זאַכן מוז מען זיין זייער פּאָרזיכטיק... איצט קען אונדז אַ גענאַרטע האָפענונג פּשוט מיט איין קלאַפּ אַוועקלייגן אויפן אָרט... מיט איין קלאַפּ... איר פאַרשטייט ? אַז מיר וועלן זיך עטוואָס דערנענטערן צו דער שיף, דאָס הייסט, אַז די האָפענונג וועט זיך מער בינדן מיט דערווירקלעכקייט, וועלן מיר אַלעמען איבערגעבן דידאָזיקע בשורה... אַלעמען! איר פאַרשטייט, הער קאַזאַלאָנז׳׳

דאָס האַרץ קלאַפּט מיר שטאַרקער, אָבער איך פרעג מיט כלומרשטער גבורה:

„ווו זעט איר די שיף ?״

און ער נעמט מיך אָן ביי דער האַנט, בויגט זיך אָן צו מיר און שעפּטשעט, ווייזנדיק בלויז מיטן אויג:

„קוקט אַהין... איר זעט ? איך בין זיכער, אַז דאָס איז אַ שיף...״

איך קוק מיט גרויס אָנשטרענגונג אין דער אָנגעוויזענער ריכטונג. מיין ראיה איז אַפילו נישט אַזאַ שאַרפע, אָבער איך פיל, ווי די וווּנדיקע פּיס מיינע רייסן זיך פון אָרט, ווו זיי שטייען: מיין אויג כאַפּט אַרום דעם סילועט פון אַ ווייטער שיף...״

„אַ שיף ! אַ שיף !״—קלאַפּט מיר דאָס אויפגערעגטע בלוט אין די שלייפן.

און אין דער אייגענער רגע הער איך, ווי דער באַצמאַן שרייט נישט מיט זיין קול:

„אַ שיף ! אַ שיף ! מאַטראָזן און פּאַסאַזשירן, אַ שיף ! אַ שיף !״

די בשורה, וואָס האָט דערווייל באַדאַרפט זיין אַ סוד צווישן צוויי מענטשן, איז פּלוצלונג אַרויסגעשוומען אויפן פּאַראָם און

האָט אויסגעשאָסן מיט אַ קנאַל פון אַ האַרמאַט.

דער באָצמאַן האָט אויך אַזוינע גוטע אויגן, ווי דער קאַפּיטאַן און נישטערנדיק כסדר מיט זיי איבער די אומהיימלעכע מדבריות פון אָקעאַן, האָט ער דערזען דעם סילועט פון דער שיף. אָבער אַז מען דאַרף שווייגן — דאָס איז אים נישט איינגעפאַלן. דערויף איז ער דאָך אַ באָצמאַן, נישט קיין קאַפּיטאַן.

אויפן שיף האָט זיך אויפגעהייבן אַ געשריי, אויסגעמישט מיט אַ געיאָמער. ראָבערט קורטיס האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ און האָט זיך פאַרקרימט. עס האָבן געשריען די מאַטראָזן און עס האָבן געשריען די „פּאַסאַזשירן". עס האָט געשריען דאָס שטיקעלע כלל-לעבן, וואָס האָט נישט געוואָלט שטאַרבן.

„שטילער זאָל זיין!" — האָט ראָבערט קורטיס בייז און שטרענג צוגעדעקט מיט זיין קול אַלעמענס קולות. — לאָזט זיך באַדאַכטן, צו אַלדי שוואַרציאָר! אויב דאָס איז אַ שיף, האָבן מיר דאָך אַ וויכטיקע אַרבעט! אָבער ווי אַזוי וועלן מיר אַרבעטן, אַז איר וועט שרייען?"

אין אַ ווינקל פון פּאַראָם איז באַלד צונויפגערופן געוואָרן אַ קליינע זיצונג. די אַנטיילנעמער: קאַפּיטאַן קורטיס, דער באָצמאַן, אינזשינער פאַלסטען, דאָולאַס און איך. עס איז געשטעלט געוואָרן בלויז איין-איינציקע פראַגע: פון וועלכער עס האָט אָבער געקילט דאָס בלוט: וואָס טוט מען, אַז די שיף זאָל אונדז באַמערקן?

דערצו איז גוט, אַז מען זאָל שיסן פון אונדזער זייט — האָבן מיר אָבער נישט קיין געווער. דערצו איז גוט, אַז מען זאָל טרייבן שטאַרקער דעם פּאַראָם, קען ער אָבער נישט גיין אָן דער הילף פון ווינט. דערצו זענען גוט קאָלירטע פייערן,

סיגנאַלן, ראַקעטן...

מיר האָבן אָבער גאָרנישט, מיר זענען אָרעם. יעדער איי־גער פון אונדז שאַרפט דעם מוח און וויל אויסגעפינען עפּעס אַ מיטל, ווי אַזוי די שיף זאָל אונדז באַמערקן, אָבער אומזיסט. מענטשן, וואָס וואַלגערן זיך אויף צונויפגעבונדענע ברעטער־ האָבן קיין מיטלען נישט.

און ראָבערט קורטיס זאָגט נאָך אַ לאַנגן שווייגן:

„מיינע ליבע נויט־חברים, ס'איז אומזיסט אייער טראַכטן, וואָס איר טראַכט: איר וועט גאָרנישט אויסזויגן פון פינגער. אין אונדזער רשות איז פאַראַן בלויז איין מיטל: אויפהענגען אַ פענדל אויפן מאַסטבוים. עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל קענען בעסער ווירקן, האָבן מיר נישט... לאָמיר אויספּרוּוון אָט דאָס מיטל."

„אָבער מיר האָבן דאָך אַפילו נישט קיין שטיקל שטוף פאַר אַ פענדל,"—רופט זיך אָן דאָולאַס, — פון וואָס וועלן מיר עס מאַכן, קאַפּיטאַן?"

קורטיס באַמערקט רויק:

„לאָמיר ווייניקער רעדן. מיס גערבײַ האָט אָן אַלט רויט קלײדל. זי וועט אונדז זיכער שענקען צו דעם צוועק אַ שטיקל פונם דאָזיקן קלײדל."

מיר הייבן זיך אויף פון די ערטער און טראַכטן, אַז דאָס איז באמת דאָס איינציקע מיטל. וואָס האָבן מיר בעסערס דערפון?

מיס גערבײַ גיט אָן שום ווערטער אַוועק איר אַלט קלײדל און אין אַ ווײַלע אַרום שפּילט שוין דאָס שוואַכע ווינטל דער־ מיט אויפן שפּיץ מאַסטבוים.

דער עולם שפּרינגט אַרום איבערן פּאַראָם. מען איז אויפ־

גערעגט פון שמחה און פון פחד. די שמחה איז א פארשטענד־לעכע און דער פחד: טאמער, חלילה, גייט אוועק די שיף און באמערקט אונדז נישט...

מען קוקט כסדר צו דער שיף. מען אטעמט, מען לעבט מיט איר. אט דאכט זיך, אז זי גייט צו אונדז, אז זי דער־נענטערט זיך און אט רוקט זי זיך צוריק און וויל אנטרונען ווערן פון די אויגן.

עס קלאפט דאס הארץ, וואס דא איז עס פול מיט שמחה און דא מיט פארצווייפלונג. מיר זענען נאך קיינמאל נישט גע־ווען אזא שונא דעם וועטער, דעם ווינט, ווי דאסמאל. למאי טרייבט ער נישט די זעגלען פון דער שיף, פון אונדזער רע־טער, צו אונדז? למאי איז ער אזוי שוואך און פויל? למאי גייט ער נישט אריין אין אונדזער לאגע!..

דאס זען מיט די אויגן די שיף, וואס קען אונדז רא־טעווען און ראטעוועט נישט, נעמט אונדז צו דאס לעצטע ביסל געזונט, און קורטיס איז הונדערט מאל גערעכט, ווען ער זאגט, אז מיט אזא בשורה דארף מען זיין זייער פארזיכטיק: אונד־זערע נערוון זענען אזוי געשפאנט און אנגעצויגן, אז די פאר־צווייפלונג קען אונדז באמת אוועקלייגן מיט איין קלאפ...

אבער דאס שוואכע ווינטעלע הערט אויף אויך צו בלאזן אויף אונדזער ביטערן מזל, און דער ים גלעט זיך אויס, ווי א שפיגל. דער ים און דער הימל — ביידע זענען מיטאמאל פארגליווערט געווארן...

אין זען מיך אנידער אן כוחות לעבן די לעטורנערס און מיט געבערס. אלע קוקן אויפן קאפיטאן און אויף דער שיף. און דער קאפיטאן מיטן באצמאן שטייען אומבאוועגלעך, צוגע־שפארט צום מאסטבוים, און נעמען נישט אראפ די אויגן פון

אונדזער רעטער.

מאַנכע מאַטראָזן פאַלן אויף די קני און צלמען זיך. מאַנכע שעפטשען הייסע תפילות צו דעם אַלמעכטיקן. דער אַל-טער לעטורנער ציטערט מיטן גאַנצן גוף...

און פלוצלונג שרייט דאַולאַס:

די שיף גייט אַוועק! זי גייט אַוועק! זי זעט אונדז נישט!"

די רויטע שמאַטע, וואָס הענגט אויפן מאַסטבוים, איז, קענטיק, נישט קיין גוטער סיגנאַל. מען זעט זי נישט, מען באַ-מערקט זי נישט. און דעם פּאַראָם קען מען דאָך אַוודאי נישט באַמערקן: ער ליגט אויפן וואַסער, ווי אַ פלאַכער ברעט, צונויפגעגאָסן מיטן ים אונטער דער שטראַלנגעק פון דער זון...

ראָבערט קורטיס רייסט זיך אַוועק פון מאַסטבוים, טופּעט מיט די פיס און כאַפּט זיך פאַרן קאָפּ. די אויגן זענען אים אַרויסגעשפּאַרט. דאָס ערשטע מאָל זע איך איצט דעמדאָזיקן אייזערנעם מענטשן און דער פּאָזע פון אַ פאַרצווייפלטן... אויך קורטיס ווייזט אַרויס סימנים פון טיפן אינערלעכן אַנגסט און צעטרייסלונג — צי האָט ער צומאָל נישט פאַרלאָרן די לעצטע האָפענונג?...

אַלע שווייגן אויפן פּאַראָם און ער, קורטיס, שרייט:

„פייער! פייער! פייער גיט אַהער! לאָמיר ברענען די פעסער פון פּאַראָם! וואָס שטייט איר?! ברענען די פעסער! זיי מוזן אונדז באַמערקן! פייער! פייער!"

קאָלוואָלסיווע הענט נעמען רייסן די פעסער פון פּאַראָם, מען שלעפּט ברעטער, שטעקנס. עמעץ פאַרלייגט אַ פייער. די נאַ-סע פעסער ברענען מער מיט רויך, ווי מיט פייער, אָבער רויך

איז אויך אַ גוטער סיגנאַל און אַ שטאַרקער געשריי פון אונדזער פּאַראָם. אין דער שטייענדיקער פאַרגליווערטער לופט הייבט זיך אויף אַ שוואַרצער צאָפּ רויך צום הימל. די קניענדיקע פאַלן צו מיט די שטערנס צום דעק, די שעפּטשענדיקע רופן כסדר:

„גאָט! גאָט! גאָט!"

עס איז די העכסטע מינוט פון אָנשטרענגונג. עפּעס צווינגט האָבן מיר נאָך קיינמאָל נישט איבערגעלעבט אין אונדזערע לאַנגע שווערע טעג און נעכט פון יסורים. מען האָפט, ווער מיטן האַרץ, ווער מיטן שכל און ווער מיט גאָט די נערוון זענען אַזוי ווי אויפגעשניטענע, נאַקעטע...

אָבער עס קוועטשט זיך אדורך א שעה און נאָך א שעה, דער רויך פאַלט און לאָזט זיך אַראָפּ...

די לעצטע האָפענונג לעשט זיך אויס צוזאַמען מיטן רויך...

איך פיל, ווי עס ברענט מיר דער קאָפּ. איך ווער משוגע, און איך שריי. איך שעלט גאָט פאַרן גאַנצן פּאַראָם, פאַר דער ברענענדיקער זון.

„ער איז אַן אַכזר!"—שריי איך.—„קיין שום רחמנות איז נישטאָ אין הימל! שעפּטשעט נישט, בעט נישט, זענט נישט מתפלל צו אים, וואָרים עס איז נישטאָ וועמען צו בעטן און וועמען צו לויבן! פאַר אכזריות קניט מען נישט!"

איך הער נישט, וואָס איך שריי און דערקען נישט מיין איי־גענעם קול. איך פיל נאָר, אַז דאָס צעטריקנטע מויל איז מיר אָפן און פון האַלדז פליען קולות אַן מיין קאָנטראָלע...

דערהערט, אַז איך שעלט דעם אַלמעכטיקן און שריי אי־בערן גאַנצן פּאַראָם מיט קולי־קולות, שפּרינגט אַרויס דער ריז, דער באָצמאַן, און העלפּט מיר צו. ער שרייט אויך און שטעלט אויס צום הימל אַ פּאָר גרויסע געבייניקטע פויסטן,

דער באַצמאַן וויל זיך שלאָגן מיט גאָט.

„דו האָסט אַ גיהנם!"—שרייט ער.—„אָבער איך שפּיי אויף דעם! אויב דיין גוטסקייט איז קיין גוטסקייט נישט, איז דיין גיהנם קיין גיהנם נישט!..."

מיט געריבעניש, וואָס איז זייער אַ ריינע און אַ פרומע ענגלענדערין, וואַרפט אַרויף די הענט אויפן פּנים און צעכליפּעט זיך, ווי אַ קינד, מיט שאָקלענדיקע אַקסלען...

זי קען נישט הערן, ווי מען לעסטערט נאַריש דעם אַלמעכטיקן...

אפשר זענען מיר אַלע אויף אַן אמת משוגע געוואָרן אין דערדאָזיקער שרעקלעכער מינוט?

אַ פּאַראָם מיט קראַנקע משוגעים.

XLIV

15 יאַנואַר.

די היץ איז מיטאַמאָל געפאַלן — מיר האָבן גוט געשלאָפן ביינאַכט. די לופט האָט אונדז מחיה געווען. עס פייניקט שוין נישט אַזוי דער הונגער, עס ברענט אונדז נישט דער דורשט.

מיר עסן די קילע לופט—מיר עסן און טרינקען זי. דער קאָפּ ברענט נישט אַזוי.

אַרום אונדז דרייען זיך הייפיש. מיט וואָס פאַר אַ כוח זיי שניידן די מאַסיווע כוואַליעס מיט זייערע פלוספעדערן. זיי באַוועגן זיך זיכער אַרום פּאַראָם, פונקט ווי עס וואָלט שוין פאַר זיי געווען אַ באַשלאָסענע זאַך, אַז דאָס ביסל לעבנס, וואָס אָטעמט אויף

די צונויפֿגעבונדענע בעלקעס, געהערט צו זיי.

די שוואַרצע הייפֿיש, זעט אויס, זענען אונדזערע לעבעדיקע באַוועגלעכע קברים.

זיי האַלטן זיך אַזוי נאָענט פֿון פֿאַראָם, אַז פֿליפֿאַל האָט זיך שיער באַצאָלט מיטן לעבן. זיי האָבן אים אַ כאַפּ געטאָן פֿאַר די הייזן פֿון ברעג פֿאַראָם, און ווען נישט דער באָצמאַן, וואָס האָט געגעבן דעם וואַסער־רוצח מיט אַ גראָבן שטעקן איבערן פּיסק, וואָלט פֿליפֿאַל געווען די ערשטע הייפֿיש־כּפּרה.

דער באָצמאַן איז הויך און גרויס און ברייט, און אַ מאָגן האָט ער, קענטיק, זייער אַ גרויסן און עסן וויל ער מער פֿאַר אַלעמען. ער איז אַליין אויך ענלעך צו אַ הייפֿיש.

אַרויסגעראַטעוועט פֿליפֿאַלן, קוקט ער אויף די שוואַרצע ריזן מיט אַן אָפֿן מויל און מיט גרויסע ווייסע בלישטשעדיקע ציין. דאָס פֿלייש פֿון אַ הייפֿיש איז נישט געשמאַק, אָבער דער באָצמאַן וואָלט זיך איצט זייער מחיה געווען מיט דעמדאָזיקן פֿלייש...

קוקט ער אויף די הייפֿיש און איך זע, ווי עס דרייט זיך אַרום אין זיינע ברייט אויפֿגעריסענע אויגן אַ פֿײַנלעכע עס־מחשבה...

ער וויל פֿאַנגען אַ הייפֿיש. אָנשטאָט דעם, אַז זיי זאָלן אים פּרעסן, וויל ער בעסער זיי פּרעסן. ער האַלט, אַז ס'איז גלייכער אַזוי. עס האַנדלט זיך קלאָר וועגן דעם — ווער וועמען עס זאָל פּרעסן...

קורטיס, דאָולאַס, פֿאַלסטען און איך האַלטן אויך, אַז ס'איז אַ סך גלייכער, דער באָצמאַן זאָל עסן דעם הייפֿיש, אײדער דער הייפֿיש דעם באָצמאַן, און מיר פֿילן אים שטאַרק מיט.

קיין סך טראַכט ער אָבער נישט, דער באָצמאַן. דאָס איז

אַ מענטש פון פראַצע און נישט פון רעיונות. ער כאַפּט אַ גרויסן טשוואָק און מאַכט פון אים אַ האַטשיק. אַזוי ווי אַלע פּילן אים מיט, דאָס הייסט, אַז ער זאָל בעסער עסן דעם הייפיש, איי- דער דער הייפיש אים, העלפט מען אים צו. עס העלפט אים קורטיס, דאולאַס, פאלסטען. מען שלעפּט שטריק, שטעקנס. עס ווערן געמאַכט אַלע בייטיקע הכנות. עס איז אָבער נישטאָ מיט וואָס צו פאַרנאַרן דעם הייפיש.

דער באָצמאַן קוקט זיך אַרום: אפשר איז עמעץ גע- שטאָרבן אויפן פּאַראָם... צום אומגליק, לעבן נאָך אַלע, און דער באָצמאַן, אַ בייזער, אַן אומגעדולדיקער, שטעכט אָן אויפן האַטשיק אַ שטיקל רויטן שטאָף פון מיס גערבייס קליידל (אַלץ מיס גערבייס קליידל!) און לאָזט אַראָפּ דעם האַטשיק אין ים אַריין, צוגעפעסטיקט איז דער האַטשיק צו אַ דיקן שטריק.

דאָס וואַסער אין ים איז דורכזיכטיק און קלאָר. און אין דערדאָזיקער קלאָרקייט רויטלט זיך שאַרף דאָס שמאַטקעלע, פונקט ווי אונטער אַ געשלייפטן גלאָז.

אויפן פּאַראָם איז מען ווידער אָנגעשטרענגט. אַלע ווילן זען, ווי אַזוי און מיט וואָס דאָסדאָזיקע שפּיל וועט זיך ענ- דיקן.

און אָט שווימט צו אַ מוראדיקער שוואַרצער הייפיש, ווי אַ שד. דער באָצמאַן טרייסלט פאַוואָליע דעם שטריק און מאַכט עס אַזוי, אַז דאָס שמאַטקעלע אין וואַסער נעמט זיך צאַפּלען, ווי אַ לעבעדיק באַשעפעניש...

דער הייפיש דערנענטערט זיך, זיינע אויגן שיסן מיט פייער. דער מוראדיקער פּיסק איז אָפן און איז פאַרזייט מיט שאַרפע בלישטשעדיקע ציין...

עמעץ האָט אויסגעשריען פון אָנשטרענגונג און פחד,

דער באָצמאַן האָט זיך אַ וואַקל געטאָן אויף די ריזיקע פיס און איז בלאַס געוואָרן. ער האָט זיך אויסגעדרייט, אַ כעסדיקער, צום פּאַראָם-עולם און מיט רציחה געזאָגט:

„אויב עמעץ וועט מיר גאָכאַמאָל שטערן אין דער אַר-בעט דורך געשרייען, וועל איך אים תיכּף ומיד דערהרגענען אויפן אָרט!... איר זאָלט עס וויסן. קיין שום רחמנות וועט דאָ נישט אָנגיין!..“

אויפן פּאַראָם ווערט טויט-שטיל. אַלע שווייגן מיט אַ פּאַר-האַלטענעם אָטעם. דער באָצמאַן שפּילט ווייטער מיטן שמאַט-קעלע אין וואַסער. דורך זיינע באַוועגונגען באַקומט דאָס שמאַט-קעלע די געשטאַלט פון אַ רויטן טייבעלע, וואָס וויל נישט דער-טרונקען ווערן. דער באָצמאַן טוט עס לאַנג, אָן הפסקות, מיט דער געדולט פון אַ חיה. הינטער אים שטייט דער עולם און שווייגט: מען שטערט אים נישט. מען האָט מורא...

און אָט גיט פּלוצלונג אַ שפּרונג דער שטריק ביי אים אין די הענט. צום גליק, איז דער עק פון שטריק צוגעבונדן צום פּאַראָם. דער באָצמאַן לאָזט אַרויס דעם שטריק. דער פּאַראָם כאַפּט אַ ציטער.

עס איז קלאָר: דער האַטשיק האָט געפּאַקט דעם היי-פיש...

איצט מעג מען שוין שרייען, און מען שרייט:

„אַ הייפיש! געפּאַקט! געפּאַקט!..“

אַלע וואַרפן זיך צו דעם שטריק. מען שלעפּט אים פון וואַסער. עס איז שווער, דער הייפיש לאָזט זיך נישט, אָבער ער גייט. אין אַ פּאָר מינוט אַרום שלעפּט מען אַרויס דעם אימה-דיקן קאָפּ פון וואַסער. דער באָצמאַן כאַפּט זיך פאַרן גרויסן שיפּהאַק. זיין פּלאַן איז אַ פּשוטער: מיט עטלעכע גוטע קלעפּ

אַדורכהאַקן דעם קאָפּ פון דעמדאָזיקן שד...

פאַרן האַטשיק איז נישטאָ, וואָס מורא צו האָבן: ער האַלט פעסט דעם הייפיש, איינעסנדיק זיך אין זיין קינבאַק...

און אָט אין דעם מאָמענט, ווען דער באָצמאַן פאַרמעסט זיך מיטן האַק, עפנט דער הייפיש זיין פּיסק, בייסט איבער פּאַראַמאָל דעם שטריק און ווערט אַנטרונען אין די טיפענישן פון ים...

„אַך!"—האָבן אַלע, ווי איין מענטש, אויסגעשריען.

דער באָצמאַן גיט זיך אָבער נישט אונטער. ער איז שרעקלעך צעהיצט, און זעט אויס, ווי אַ שיכורער. ער איז אינגאַנצן פאַרשיכורט מיטן הייפיש. ביי אים איז רעכט אַריינצושטעלן זיין אייגענעם פוס אין וואַסער און דערמיט פאַרנאַרן דעם הייפיש, האַלטנדיק אין האַנט דעם שיפהאַק...

קורטיס אָבער שרייט אָן אויף אים און שלעפּט אים אַוועק פון ברעג.

יעדעס מאָל, ווען די שוואַרצע אַנטוישונג כאַפּט אַרום די מענטשן, ווען עס פּלאַצט איין האָפענונג נאָך אַ צווייטער, לייגט מען זיך אַוועק אויפן פּאַראָם און מען ליגט, ווי אַ טויטער, אָן באַוועגונג, פאַרגראָבן מיטן קאָפּ אין די צונויפגעבונדענע געזאַלצענע ברעטער!

מען איז איצט אויך געלעגן.

מען איז געלעגן אָן לשון און אָן באַוועגונג.

און בלויז דער באָצמאַן האָט אַרומגעשפּאַנט צווישן די ליגנדיקע, אַרומגעשפּאַנט אָן הפסקות מיט זיינע ריזיקע פיס. ער האָט נישט געטראַכט. ניין, ער האָט גיכער געוואָלט עפּעס טאָן, ווי געטראַכט. צוגעשפּאַנט אַן אומגעדולדיקער צו קורטיסן, האָט ער הויך געפרעגט:

„קאַפּיטאַן, ווען וועלן מיר שוין וואַרפן גורל ?... וויפל איז דער שיער צו וואַרטן ?"

אַ קאַלטער שווידער האָט מיט קליינינקע שפּילקעלעך אַדורכגעטאַנצט איבער מיין רוקן. דער זין פון דעררעזיקער שרעקלעכער פראַגע איז געווען גענוג קלאָר פאַר אַלעמען...

XLV

16 יאַנואַר.

מיר ליגן אַלע אויפן דעק פון פּאַראָם, אויסגעצויגן, ווי מתים. נישטאָ קיין כוח אפילו צו אָטעמען.

איך לייד גרויסע יסורים. די ליפּן, די צונג, דער האַלדז — אַלץ איז ביי מיר צעפּלאַצט און צעווונדיקט, און איך ווייס נישט, צי איך וואָלט איצט געקענט עסן, ווען איך וואָלט געהאַט וואָס צו עסן.

און דאָך קוקן מיר איינער אויפן צווייטן מיט בלוטדורשטיקע אויגן און עס האַלט ביי אַ גורל...

עס איז דושנע, דער הימל איז באַדעקט מיט רעגנוואָלקנס. אפשר וועט פאָרט אַמאָל אַרויספאַלן אַ רעגן ? אפשר וועט זיך דער הימל מרחם זיין איבער אונדז ?

עס איז עלף אַ זייגער אינדערפרי. די זון גייט אַזוי ווי אונטער. אַ גרויער וואָלקן לייגט זיך אַרויף אויף איר, ווי אַ לאַטע. עס ווערט טונקל, פּונקט ווי די נאַכט דאַרף צופאַלן...

און אָט נעמען פּויקן איבערן דעק פון פּאַראָם די ערשטע

גרויסע קאַלטע רעגנטראָפּנס. גאָט האָט זיך פּאָרט מרחם געווען איבער אונדז.

אַך, ווי עס איז אַנגענעם אין די רעגנטראָפּנס און אונטער די רעגנטראָפּנס. דאָס וואַסער איז מחיה. עס מאַכט פון טויט לעבעדיק.

דער איינציקער, וואָס אַרבעט פאַר אַלעמען, איז ראָבערט קורטיס—פון אַלע פּעסער איז אונדז געבליבן בלויז איין פּעסעלע, און ראָבערט קורטיס שטעלט עס אַוועק קעגן רעגן. ער האָט אויך אויפגעהאָנגען די זעגלען, ווי אָפענע זעק—זיי זאָלן צונויפקלויבן און פאַרהאַלטן די טראָפּנס.

אָבער מיר אַלע ליגן מיטן פּנים אַרויף, מיט אָפענע מיילער און טרינקען די טראָפּנס מיט ווונדיקע גומענס אין העלדזער. אַך, ווי עס איז גוט! איך פיל, ווי איך ווער געזונט.

„אַ רעגן! אַ רעגן!"—שרייט דאָולאַס און איז זיך, קענטיק, שטאַרק מחיה מיט אים.

אינם רעגנוואַסער האָבן מיר געפילט נישט בלויז דעם טעם פון וואַסער, נאָר אַ ל ע ט ע מ י ם. עס האָט אונדז געזעטיקט דעם גוף און די נשמה צוזאַמען, און אויפגעהייבן האָבן מיר זיך גאָר אַנדערע מענטשן, נישט די, וואָס זענען געלעגן פאַרן רעגן.

אַלע דריקן איינאַנדער די הענט, מען שמועסט, מען שפּאַסט, מען לאַכט. עפּעס מענטשלעכעס האָט זיך דערוועקט אין יעדן איינעם. די בייזע בלוטדורשטיקע בליקן זענען פאַרשוווּנדן, דער טרוקענער גלאַנץ פון הונגער איז אַנטרונען געוואָרן.

מיר האָבן איצט וואַסער אין פּעסל, אין די זעגלען, אויפן פּאַראָמדעק. עס פרייט אונדז דער וואַסער-אוצר, די עשירות פון דערדאָזיקער טייערער פליסיקייט.

אָבער ראָבערט קורטיס זאָגט:

„מיטן וואַסער אין די זעגלען זענט פֿאַרזיכטיק. איך ווייס
נאָך נישט, צי מען קען עס טרינקען. איך וועל פּרוּוון."
ער פּרוּווט און פֿאַרקרימט זיך.
איך פֿרעג:
„פֿאַרוואָס טויג נישט דאָס וואַסער?"
„ווייל די זעגלען זענען דורכגעווייקט מיטן ים־וואַסער...
איך האָב מיך ערשט געכאַפּט, אַז ס'איז געווען אַן גרויסגע־
וואָרפֿענע אַרבעט מיט די זעגלען. מילא, אפשר וועלן מיר האָבן
נאָך אַ רעגן אינגיכן..."
איך פּרוּוו אויך דאָס וואַסער: ס'איז ביטער, געזאַלצן און
מען קען עס נישט טרינקען. אַ שאָד, אָבער פֿאַרפֿאַלן. אין גע־
דאַנק חזר איך איבער ראָבערט קורטיסעס ווערטער: „מילא,
אפשר וועלן מיר האָבן נאָך אַ רעגן אינגיכן!..."

XLIV

17 יאַנואַר.
וואַסער האָבן מיר, אָבער מיר גייען אויס פֿאַר הונגער.
דער הונגער האָט דערזען, אַז דער דורשט איז געשטילט, איז
ער אונדז באַפֿאַלן נאָך שטאַרקער, ווי פֿריער. מיר ליידן גרויסע
שווערע יסורים.
מיר קומען אַלץ מער און מער צו דעם רעיון, אַז מען
דאַרף כאַפּן אַ הייפֿיש. אָבער ווי אַזוי כאַפּט מען אים?
נישטאָ קיין אַנדער עצה: מען מוז אים כאַפּן אין האַ־
פֿער, מכבד זיין אים דאָרטן גוט מיטן לאַנגן שיפֿמעסער און

אַרויפשלעפּן אים דערנאָך אויפן פּאַראַמדעק... אַזוי זענען זיך נוהג די לייט פון אינדיע, וואָס זוכן פּערל אין ים.

ראָבערט קורטיס האָט געזאָגט:

„איך וועל מיך פּרווון!"

אָבער אַלע זענען געווען קעגן דעם. אַרום אונדז האָבן זיך געדרייט צענדליקער הייפיש און אַ מענטש האָט זיך בשום אופן נישט געקענט ראַנגלען מיט זיי. אַזאַ געראַנגל האָט זיך באַדאַרפט ענדיקן זייער שלעכט פאַרן מענטשן.

מיטן הונגער איז סוף־כל־סוף טויזנטער מאָל ערגער, ווי מיטן דורשט. דער דורשט לאָזט זיך טיילמאָל אָפּנאַרן אָדער דורך באָדן זיך אָדער דורך האַלטן אַ שטיקל קאַלטן מעטאַל אין מויל, אונטער דעם פאַרטריקנטן גומען. חוצדעם, פאַלט דאָך טאַקע אַרויס אַ רעגן, אַ שלל מיט וואַסער, וואָס ענדערט מיטאַמאָל די גאַנצע לאַגע. מיטן הונגער אָבער קען מען זיך קיין שום עצה נישט געבן. נישטאָ וואָס צו עסן—און דערמיט איז אַלץ געזאָגט.

די וואָלקנס זענען צעשפּרייט געוואָרן און דהאָבן אָפּגעליידיקט דעם הימל, די זון האָט פאַרפלייצט דעם ים מיט ליכט, אַ ווינט האָט גענומען דעם פאַראָם אין דער אַרבעט, אָבער וואָס קומט אונדז אַרויס דערפון?

אונדז איז אַלצאיינס — צי מיר שטייען, צי מיר גייען, ווייל מיר ווייסן דאָך נישט סיי־ווי, ווו מיר געפינען זיך און ווי ווייט מיר זענען פון אַ ברעג.

עסן ווילן מיר!—אָט וואָס ס'איז פיינלעך קלאָר פאַר אונדז, ווי דאָס לעבן, אָדער ווי דער טויט, און ווייטער מעג דער פאַראָם גיין אָדער שטיין—ס'איז אונדז אַלצאיינס.

ביינאַכט שטאַרקט זיך אַלעמאָל דער הונגער. מען קען

נישט שלאָפן פון די מאָגן-יסורים און פון עפּעס אַ געהיימען פּחד...

מען ליגט און מען קוקט מיט אָפענע אויגן. אויפן הימל פּאַלט אַרויס די לבנה, פאַרשלייערט מיט אַ צאַרטן ווייס-געלן נעבל. עס איז קיל. דער ים אָטעמט אין פּנים אַריין מיט די שאַרפע ריחות פון פיש און זאַלץ...

איך בין אָבער געוואַלדיק אָפּגעשוואַכט, און די אויגן קלעבן זיך מיר, כאָטש אין שלאָף נישט. און איך פאַרשטיי גאָרנישט, און מיין געדאַנק איז עפּעס פאַרנעבלט און איך באַנעם נישט, וואָס איך זע און איך ווייס נישט, למאי ליג איך דאָ און וואָס טו איך דאָ אויף דעמדאָזיקן שאָקלדיקן דעק. ווער בין איך? און ווער איז מיין טאַטע-מאַמע? איך ווייס נישט און איך קען אויף דידאָזיקע פראַגן נישט ענטפערן און איך ווייס נישט אפילו, ווי איך הייס, ווי איז מיין נאָמען...

און אָט אין דעמדאָזיקן האַלבטויט און האַלבלעבן, האַלבקלאָרקייט און האַלבמשוגעת, דערשפּיר איך פּלוצלונג אַ ריח, וואָס שלעפּט מיך באַלד אַרויס פון מיין אויסטערלישן צושטאַנד. עפּעס אַ באַקאַנטער ריח, וואָס קיצלט מיר די נאָז, דעם גומען און דעם מאָגן... וואָס איז עס פאַר אַ ריח? ווו האָב איך געשפּירט אַמאָל?

אַך, יאָ, דאָס איז דער ריח פון געבראָטנס!.. אינסטינקטיוו שפּרינג איך נישט אויף פון אָרט און שריי נישט, נאָר איך נעם פּאַוואָליע קריכן אויף אַלע פיר, ווי אַ חיה, ווי אַ קאַץ, וואָס האָט דערשמעקט פּוטער... איך קריך אָן אַ שום שאָרך, מיט דער גרעסטער אָפּגעהיטקייט און פאָרזיכטיקייט. איך פאַרהאַלט דעם אָטעם און זוך מיט די אויגן אין אַלע זייטן...

אָבער אַלע שלאָפן אָדער ליגן אומבאַוועגלעך און עס פאַלט מיר איין: אפשר איז דער גאַנצער ענין נישט מער ווי אַ חלום? אָבער איך פיל דאָך פאָרט, ווי איך קריך אויף אַלע פיר, ווי איך סטאַרע מיך איינצעהאַלטן דעם אָטעם און ווי דער ריח רייצט מיר די נאָז...

ניין, ס'איז דאָך וואָר, ס'איז דאָך אמתער לעבעדיקער וואָר, סיידן איך בין משוגע... איך ציִ מיט דער נאָז, ווי אַ שפּירהונט און רוק מיך פּאַוואָליע אויף אַלע פיר. איך גיי נאָכן שטראָם פון ריח, וואָס אַמאָל ווערט ער פּלוצלונג פאַרפאַלן, אַוועק־געשלעפּט פון ווינט, און אַמאָל רייסט ער זיך אַרויס נאָך שטאַר־קער, ווי פריער...

און אָט פירט מיך צו דער ריח צו אַ פּעקעלע, וואָס ליגט אין אַ ווינקל ביי באָרט... מיט גיריקע פינגער גיב איך עס אַ שלעפּ פון אָרט און פאַרן שיין פון דער לבנה זע איך: גע־וויענזלט פּעטס... גאָט אין הימל, דאָס עסט מען דאָך, דערמיט דערקוויקט מען דאָך דעם מאָגן, מען איז מחיה די אויסגעטריקנטע ביינער!...

בלויז איין רגע טראַכט איך — און די גיריקע פינגער לויפן דערמיט צום פאַרשמאַכטן מויל...

אָבער אין דער אייגענער רגע כאַפּט מיך עמעץ ביי דער האַנט. וואַרף איך אָפּ די האַנט און הייב אָן ריטשען אינדער־שטיל, ווי אַ הונט, וואָס מען וויל אים אַרויסרייסן דעם ביסן פון די ציין...

איך קוק מיך אָבער אום: איבער מיר שטייט אונדזער געוועזענער בופעט־אויסזעער האָבאַר... עס ווערט מיר קלאָר מיט־אַמאָל, פאַרוואָס דערדאָזיקער מענטש זעט אויס אַזוי גוט און

פאַרוואָס ער שרייט און קלאָגט אַלעמאָל מיט אַזאַ פאַלשן נישט גאַטירלעכן קול...

ער איז מיר שוין לאַנג געווען פאַרדעכטיק, אָבער איך האָב אים קיינמאָל נישט געקענט פאַקן... דערדאָזיקער אויסוורף האָט זיך געקענט באַהאַלטן, פאַרבאָרגן, פאַרגראָבן מיט זיין קליינעם פראָוויאַנט-אוצר אויף אַזאַ קליינעם שטח, ווי דער דער פאַראָ□, אונטער תמיד זוכנדיקע און טויט - הונגעריקע אויגן!

דאָס איז באמת גאונות!

איך האָב אים אָבער געכאַפּט און דעריבער וועל איך עסן דאָס פעטס. האָבאַר לאָזט אָבער נישט און ער רייסט מיר דאָס פעטס פון די הענט. ראַנגלען מיר זיך ביידע, און דערדאָזיקער געראַנגל שפּילט זיך אָפּ ביי דעם גרעסטן שטילשווייגן... מיר טאָרן נישט אויפוועקן די חברים...

פון גרויס פאַרצווייפלונג שעפּטשעט ער, דער אויסוורף:

„גיט עס מיר אַוועק, ס'איז מיין לעצט שטיקל !... מער האָב איך נישט!...‟ אָבער איך הער אים, ווי דעם קאָטער. מיר ראַנגלען זיך. דער הונגער מאַכט מיך שטאַרקער און העלדישער פאַר אים. מיט פאַרביסענע ציין וואַרף איך מיך אַרויף אויף זיין האַלדז און נעם אים ווערגן. איך פיל, ווי ער לאָזט נאָך און גיט זיך אונטער.

יאָ, געזיגט האָב איך!...

און אַז איך האָב געזיגט, נעם איך מיך תיכף ומיד צו דעם פעטס. מיט איין האַנט האַלט איך צו דע□ אָפּגעהלשטן האָבאַרן און מיט דער אַנדערער שטופּ איך אין מויל אַריין שטיקער געווייענזלטן חזיר-פעטס...

אויף דער גיך אויפגעגעסן און אויסגעלעקט אפילו דאָס שמאַטקעלע, אין וועלכן דאָס פּעטס איז געווען איינגעוויקלט, האָב איך האָבּאַרן געלאָזט ליגן און אליין בין איך שאַ, שטיל אַוועקגעקראָכן אויף מיין אַלטן אָרט.

קיינער האָט מיך נישט געזען. אַלע זענען, קענטיק, גע-לעגן אָפּגעחלשטע און האַלוציגירנדיקע, ווי איך בין פריער גע-לעגן.

פון אויבן האָט מיך נאָכגעקוקט אַ בלאַסע אומעטיקע לבנה...

XLVII

18 יאַנואַר.

איך ליג און עס טוט מיר עפּעס הנאה, וואָס איך האָב אַרויסגעריסן ביים אויסוואורף אַ פּעטן ביסן פון מויל. אמת, טייל-מאָל בין איך אַ ביסל אומרויק: ווי אַזוי וועל איך מיך באַגעגע-נען מיט האָבּאַרן? אָבער וואָס מער איך טראַכט וועגן דערדאָ-זיקער באַגעגעניש, אַלץ מער באַרויק איך מיך. וואָס קען ער מיר טאָן? ווען איך זאָל דערציילן, ווי אַזוי ער האָט געגנבעט פּעטס און האָט פאַר זיך געמאַכט זאַפּאַסן דערפון, קיינעם גאָר-נישט געבנדיק און מאַכנדיק נאָך דערצו אַן אָנשטעל פון אַ טויט-הונגעריקן, וועט ער זיכער שלעכט אָפּשניידן: מען וועט אים באַלד דערהרגענען אויפן אָרט.

באַרויקט זיך מיט האָבּאַרן, נעמט מיך אָבער פּייניקן אַן אַנדער געדאַנק: פאַר די אויגן שווינדלען מיר די שאַטנס פון

די לעטורנערס, פון מיס גערביי... ווי אזוי האָב איך עס פאַר זיי נישט איבערגעלאָזט קיין ברעקל פונם אויסגעקעמפטן פעטס. שוין זשע בין איך אזוי טיף געפאַלן ?...

עס רייסט און עס נאָגט מיר דאָס האַרץ, אָבער די זאַט־קייט באַרויקט מיך ביסלעכווייז. און עס טוט מיר ווידער הנאה: אַרויסגעריסן ביים אויסוווּרף אַ פעטן ביסן פון די ציין!...

פאַרטאָג הייב איך מיך אויף: איך וויל זען, וואָס טוט ער, דער אויסוווּרף? איז ער שוין געקומען צו זיך, אָדער נאָך נישט? ליגט ער נאָך אַלץ אַן אָפּגעהלשטער אויפן דעק?

זוך איך מיט די אויגן אין גרינעם באַגינען־ליכט און געפין אים נישט. ווערט מיר קשה די זאַך. ווו האָט ער זיך איצט פאַרבאָרגן? איך האָב גאָרנישט געהערט זיין באַוועגונג אַפילו. דערדאָזיקער מענטש איז עפּעס אַ מערקווירדי־קער בריה: אויף שטילע באַוועגונגען און אויף קונציקע סודות..

איך הייב מיך אויף אויף די שפּיץ פינגער און גיי פאַ־וואָליע צום פאָדערשטן טייל פון פּאַראָם, און דאָ, אין דעם גרי־נעם ליכט פונם ים־באַגינען, זע איך, ווי האָבאַר, אונדזער בו־פעט־אויפזעער הענגט אויפן מאַסטבוים!...

איך מאַך אַ געוואַלד און שריי נישט מיט מיין קול. דער אָפּגעהלשטער פּאַראָם־עולם שפּרינגט אויף פון די ערטער און מיר נעמט קלאַפּן אין די שלייפן: „דו, דו ביזט זיין רוצח! צוליב דיר!...“

דער ריזיקער באָצמאַן שניידט איבער דעם שטריק פון געהאָנגענעם, און ער נעמט דעם בופעט־אויפזעער צו זיך אויף די קני... דאָולאַס, דזשאַנקסטראָפּ, פּאַלסטען זעצן זיך אַרום באָצמאַן... מען קוקט מיט פאַרליבטע אויגן אויפן געוועזענעם

בופעט-אויפזעער און מען באַטאַפּט זיינע זייטן...

עס ווערט מיר נישט גוט און איך קער מיך אָפּ.

אַלע זענען שוין אויפגעשטאַנען. דער אַלטער לעטורנער געגעצט פון הונגער, אַנדרע ציטערט פון קעלט און פון אַ פּיינ-לעכער שפּירונג. אַלע ווייסן שוין, וואָס דאָס קליינע געזעמל וועט טאָן מיטן בופעט-אויפזעער. מיס גערביי איז בלאַסער פון באַגינען. איך באַרויק מיך אָבער ווידער (די אַנגענעמע זאַטקייט באַרויקט מיך אַלץ) און איך טראַכט שוין נישט מער, אַז איך בין די סיבה פון דעם, וואָס האָבאַר האָט זיך אויפגעהאָנגען אויפן מאַסטבוים... עמעץ פון אונדז ביידע ד־האָט, קענטיק, געדאַרפט שטאַרבן, און ס׳איז גראָד געשען אַזוי, אַז דאָסמאָל איז ער גע-שטאָרבן, נישט איך...

האָבאַר איז געווען געזינטער פון אונדז אַלע אויפן פּאַ-ראָם. ער האָט די גאַנצע צייט געגעסן און האָט נישט געוווסט פון ד־הונגער-יסורים. דעריבער איז ער געווען געזונט און. פ ט.

צו אונדזער ווינקל דערפליען שטילע, אָבער גליקלע-כע קולות. מען רעדט ליידנשאַפטלעך, ווי מען רעדט וועגן אַ פ־וי.

דאָולאַס זאָגט:

„פונם ים-וואַסער וועלן מיר אַרויסבאַקומען דאָס זאַלץ און וועלן אים אַ ביסעלע באַזאַלצן... ס׳וועט זיין באַטעמטער, מיין איך... זאַלץ איז אַ גוטע זאַך...״

און דער באָצמאַן וואַרפט צו אַלע ווייַלע:

„אַוודאי! אַוודאי! מיט זאַלץ איז עס בעסער!...״

מיס גערביי פאַרשטעלט זיך די אויגן מיט די הענט.

עס ווערט שטיל אויפן פּאַראָם.

XLVIII

19 יאַנ. אַר.

עס איז ווידער געפּערלעך הייס. מיר אָטעמען, ווי פיש, וואָס עמעצער האָט זיי אַרויסגעשלעפּט פון וואַסער און אַוועקגעלייגט אויף אַ זאַמדיקן ברעג. און הייס זענען אפילו אויך די נעכט. מען קען נישט שלאָפן, נישט זיצן, נישט ליגן, נישט אַרומשפּאַנען הין און צוריק.

אינדערפרי איז אַ מהומה אויפן פּאַראָם. מען שרייט. עס שרייט דער באָצמאַן, דאַולאַס און די מאַטראָזן.

ראָבערט קורטיס באַרויקט זיי.

איך לייג צו אַן אויער צו די געשרייען: עס האַנדלט זיך וועגן אַ גרויסער גניבה. די מאַטראָזן זאָלן האָבן אַוועקגעגנבעט דעם גאַנצן ד״האָבאַרן ביים באָצמאַן מיט דאַולאַסן.

דאַולאַס שטייט און טרייסלט זיך פון די אייגענע געשרייען:

„מיר וועלן כאַפּן דעם גנב! מיר וועלן אים זיכער כאַפּן! ער וועט זיך נישט אַרויסדרייען פון אונדזערע לאַפּעס!...“

און דער באָצמאַן פּאָכעט מיט זיינע פּודיקע פויסטן.

„יאָ, יאָ!“—שרייט ער.—„מיר מוזן זיך אָפּרעכענען מיטן גנב!“

מאַנכע זוכן די גניבה: מען טאַפּט און מען שאַרט און

מען נישטערט אדורך דעם גאַנצן פּאַראָם, אָבער עס העלפט נישט: נישטאָ קיין זכר פון דער גניבה.

דער באָצמאַן שפּרינגט פון דער הויט. עס ברענט אים דאָס פּנים, די אויגן. ער וואַרפט זיך צו מיר.

„איר מוזט אַוודאי וויסן, ווער איז דער גנב! רעדט ווערטער!"

איך בין אָבער תּמעוואַטע אין דעם גאַנצן ענין, זאָג איך:

„איך פאַרשטיי נישט, וואָס איר פאַרלאַנגט פון מיר!.."

גייט צו דאָולאַס און דערקלערט:

„לאָמיר רעדן ניכטער: מען האָט אונדז געלטן באַגנבעט דאָס גאַנצע... איר פאַרשטייט? מיר האָבן לכתּחילה געמיינט, אַז ס'איז אַ מאַטראָזיש שטיקל אַרבעט און האָבן גענומען אויפן צימבל די מאַטראָזן. זיי לייקענען אָבער שטיין און ביין. אויפן פּאַראָם האָט מען געמאַכט אַן ערנסטע רעוויזיע: וואָס מיר זוכן, האָבן מיר אָבער נישט געפונען... אויב אַזוי, מוזן מיר מאַכן אַ שטיקל רעוויזיע ביי אייך אין געצעלט..."

דער באָצמאַן איז מוסיף:

„נאַטירלעך, מיר קענען נישט האָבן קיין טענות צו די פּאַסאַזשירן, אויב זיי ווילן זיך נעמען אַ חלק: הונגערן זיי דאָך צוגלייך מיט אונדז... אָבער צונעמען דאָס גאַנצע?!... איר פאַרשטייט? צונעמען דאָס גאַנצע?!"

איך זאָג:

„לאָזט צורו אונדזער געצעלטל! טויטע מענטשן ליגן דאָך דאָרטן. וואָס וועט איר זוכן ביי זיי?"

די מאַטראָזן, וואָס ווילן זיך רייניוואַשן פון חשד, שרייען און פאַרשרייען אַלץ און אַלע:

„זאָל מען טאַקע זוכן אין געצעלטל! נאָר אין געצעלטל! לאָמיר זען, ווער איז דער גנב!“

עס ווערט מיר פּלוצלונג הייס און קאַלט און די קני ברעכן זיך מיר אונטער. עס פאַלט מיר איין: אפשר איז עס דעם אַלטן לעטורנערס אַ שטיקל אַרבעט? נישט פאַר זיך, נאַ-טירלעך, נאָר פאַרן זון, פאַר וועלכן ער וואָלט געקראָכן אין פייער און אין וואַסער? אויב מען וועט געפינען די גניבה ביי דעם אַלטן לעטורנער, וועט מען אים זיכער צעפליקן אויף שטי-קער. עס גיסט מיך אָפּ מיט אַ שווייס און איך וואַרף מיך צו קורטיסן. איך רעד נישט מיט קורטיסן, איך שווייג, אָבער איך בעט אים מיט די אויגן. קורטיס פאַרדריקט די ציין, ווי זיין טבע איז, און לאָזט אַראָפּ די האַנט אין קעשענע. ער מוז זיין באַוואָפנט, קורטיס...

אין געצעלט איז אַ רעוויזיע, די לעטורנערס און מיס גערביי זענען באַזייטיקט פון דאָרטן. מען זוכט און מען נישטערט אין געצעלטל. אָבער מען געפינט גאָרנישט. דאָולאַס איז פאַרצווייפלט, דער באַצמאַן קען זיך גאָרנישט באַרויקן.

ווער האָט זיי באַגנבעט? איך קוק אויף מיס גערביי און אויפן אַלטן לעטורנערן. צוויי טויטע אומשולדיקע פּנימער. זיי ווייסן פון גאָרנישט. אָבער אַנדרע, דער יונגער ליבער אַנדרע האַלט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, פּונקט ווי ער וואָלט זיך גע-שעמט...

איך פאַרשטיי: אויב ער האָט געמאַכט די גניבה, איז עס נישט געווען פאַר דער אייגענער טובה וועגן. נישט פאַרן הונ-געריקן מאָגן, נאָר פאַרן ים... האָבאַרס שריים האָט ער, מסתמא אַלס פּראָטעסט, אַריינגעוואָרפן אין ים אַריין...

XLIX

20—21 יאַנואַר.

וואָס אַ טאָג, וואָס אַ טאָג, איז אַלץ ערגער: הונגער און דורשט און פּחד אויפגעגעסן צו ווערן פון די פּאַראָם-לייט. ניין, נישט פּאַראָם-לייט, נאָר פּאַראָם-חיות. מיר זענען איצט חיות, נישט קיין מענטשן, און די שטאַרקערע ווילן פאַרצוקן די שוואַכע.

עס איז מיר שווער צו שרייבן, און איך וויל נישט לעבן און ס'איז מיר שווער צו קוקן אויפן הימל, אויף דער זון און אויפן ים.

דער נעגער דזשאַנקסטראָפּ איז פון הונגער משוגע געוואָרן. ער האָט געכאַפּט אַ מעסער און איז מיט הויכע ווילד-געשרייען געלאָפן שעכטן עמעצן פון די פּאַראָם-חיות. עס האָט זיך אָנגעהייבן אַ פאַרמעלער קאַמף מיט אים, ווי מיט אַ ווילדן אָקס און דער קאַמף איז געווען אַ שווערער: אַ משוגענער נעגער, האָט געהאַלטן אַ מעסער אין האַנט אויף אַזאַ קליינעם שטח, ווי דער פּאַראָם...

אָבער דער באַצמאַן האָט זיך שטאַרק געפרייט מיט דעם דאָזיקן צופאַל און דאַולאַס האָט זיך געפרייט.

„עס וועט שוין ווידער זיין, וואָס צו פרעסן!"—האָבן זיי צוגעוווּנקען איינאַנדער

אינמיטן געראנגל האָט דער משוגענער נעגער בליצשנעל זיך א שניט געטאָן אַ שטיק לייב ביי די קני און גענומען טרינ־קען דאָס אייגענע בלוט...

אין דעם מאָמענט האָט זיך אַ חברה אַ וואָרף געטאָן אויף אים פון הינטן. מען האָט אים געחאַפּט בינדן און דערשטיקן. אָבער דזשאַנקסטראָפּ האָט ווילד אַ געשריי געטאָן אויף נעג־ריש:

„האַליק! האַלאָק!"

און איז אַריינגעשפּרונגען אין ים אַריין...

חברה וואַרפט זיך נאָך אים אין ים אַריין. מען וויל אים אַרויפשלעפּן צוריק אויפן פּאַראָם און דאָרט פאַרענדיקן מיט אים, אָבער עס מישן פּלוצלונג אַריין די הייפיש: זיי זענען, קענטיק, בילכער. עס עפענען זיך מוראדיקע פאַרציינערטע פּיס־קעס און די נאָענטע כוואַליעס פאַרלויפן מיט בלוט...

L

22—23 יאַנואַר.

מיר זענען עלף מענטשן אויפן פּאַראָם. עס ווערט אלץ ווייניקער און ווייניקער, עס איז שוין אייגנטליך ד ע ר ס ו ף. אין די נאָענטסטע טעג דאַרף אנטגילטיק באַשלאָסן ווערן אונדזער גורל. אויב עס וועט אונדז נישט קומען צו הילף עפּעס אַ שיף, וועלן מיר אַלע, ביז איינעם, אויסשטאַרבן.

די שטאַרקסטע מענטשן אויפן פּאַראָם זענען איצט ראָבערט קורטיס און פאַלסטען. ביידע זענען אַפּילו אויסגעדאַרט און

אויסגעקוואָרט, אָבערביידע האָבן דאָך געגוג כוחות אין זיך און ביידע האַלטן זיך גוט.

עס טוט מיר שרעקלעך וויי: מיס גערביי, די טייערע ליבע מיס גערביי, האָט שוין אינגאַנצן פאַרלאָרן דעם אָנבליק פון אַ מענטשן. אַ סקעלעט, וואָס ליגט נישט על־פּי־טעות אין קבר...

פון דעם ענערגישן אין בראַוון באַצמאַן, פון דעמדאָזיקן ריז, וואָס איז געווען דער שטאַרקסטער מענטש אויפן „שאַנסעלאָר״, איז אויך געוואָרן אַ תּל. מען קען אים שוין נישט דערקענען. די פּלייצע איז אויסגעקרימט, דאָס פּנים איז בלויז ביינער און לעכער, הענט און פיס ציטערן אים. דער מענטש קען אַ ליאַדע מינוט צו מאַכן די אויגן....

איצט איז שוין אויפן פּאַראָם באמת שטיל, ווי אויף אַ בית-עולם. קיינער רעדט נישט, קיינער שרייט נישט, קיינער יאָמערט נישט, קיינער קלאָגט נישט. יעדער איינער ווייסט, אַז וואָס ער זאָל נישט טאָן, וועט זיין אומזיסט. קיינער וועט אים נישט העלפן און וועט זיך נישט צוהערן צו זיין יאָמערן און שרייען.

אויפן פּאַראָם זיצן נישט קיין מענטשן, נאָר שאָטנס פון שאָטנס. שאָטנס פון משוגעים..

II.

24 יאַנואַר

אויפן ים איז נישטאָ קיין ווינט, אָבער דער ים איז דאָך

אומרויק. דערפון איז געדרונגען, אז ערגעץ ווייט, ווייט שפילט דער ים מיטן שטורעם...

אונדזער פאראם כאפט א טענצל. ראבערט קורטיס, פאל-מטען און דאולאס, דידאזיקע דריי מענטשן, וואס האלטן זיך נאך, ווי עס איז אויף די פיס, בינדן ווידעראמאל די צעפארע-נע בעלקעס פון פאראם. זיי ארבעטן באמת מיט דעם לעצטן שווייס.

עס איז הייס, ווי אין א גיהנם. מיר וועלן מסתמא זיכער שטארבן נישט אזוי פון הונגער, צי פון דורשט, נאר פשוט פון היץ. זי ציט אונדז ארויס דאס לעצטע ביסעלע קליי פון די דארע ביינער...

עס איז קיין שום רפואה נישטא צו דער היץ. וואס קען אונדז דא פארשטעלן און פארבארגן פון דעם קיילעכיקן שטיק גיהנם, וואס קוקט אראפ פון בלויען הימל? אונדזער פאראם איז ענלעך צו א בראטער, און אט ליגן מיר דערויף און בראטן זיך, אבער אזוי לאנגזאם, אזוי לאנגזאם...

ארום אונדז דרייען זיך הייפיש מיט אויסגעשטעלטע פיס-קעס, פונקט ווי זיי וואלטן זיך פרעגן:

„נו, ווען וועט שוין זיין א סוף מיט אייך? וויפל איז דער שיער צו לעבן?...”

נארישע הייפיש! ווען זיי, דידאזיקע פארזעעניש, וואלטן פארמאגט א ביסעלע מער שכל, וואלטן זיי שוין לאנג אונדז גע-קענט צורעכט מאכן. טפשים, מיר זענען שוין לאנג טויט, וואס שרעקט איר אייך פאר אונדז? שלעפט אונדז אראפ פון פאראם און נעמט זיך צו דער אכילה, טפשים, וואס איר זענט!

עס קלעבן זיך מיר די אויגן — דאס הארץ בלייבט שטיין, נאכדעם קלאפט עס ווידער, ווי א פארזשאווערטער זייגער און

שטעלט זיך ווידער צו...

איך פארשטיי, אז דאָס איז דער סוף. דער קאָפּ אַרבעט נאָך אפילו נישט שלעכט — בעסער, ווי דאָס האַרץ... און אָט פאַלט מיר איין, אַז מען דאַרף זיך אויסקלויבן אַן אָרט ווו צו שטאַרבן...

צום לעצטן מאָל באַטראַכט איך מיט האַלב גלעזערנע אויגן דעם פאַרשאָלטענעם פאַראָם און פאַרקריך מיר פּאַוואָליע אין אַ ווינקל, הינטער אונדזער געצעלטל. דאָ, קלער איך, וועט נישט זיין שלעכט צו שטאַרבן. קיינער וועט מיך נישט באַמערקן, קיינער וועט מיך נישט זען...

איך ווייס נישט, ווי לאַנג איך ליג. מיינע אויגן זענען פאַרהילט אין אַ נעבעל, דאָס האַרץ שטייט, דער אָטעם האַקט זיך אָפּ...

אַז דאָס האַרץ נעמט ווידער קלאַפּן, הער איך ווי פּליי־פאַל שרייט. דער מענטש איז משוגע.

„בהמה, לאָמיר זיך איינע די אַנדערע פונדעווען !... דו שטעל מיר אַ פּלעשעלע משקה און איך שטעל דיר אַ פּלעשע־לע משקה. איך — דיר, דו — מיר, בהמה ! נו, און נאָכדעם וועלן מיר גיין אין האַפן... וואָס קוקסטו, וואָס, בהמה ? כאַ־כאַ־כאַ !...״

איך הער דידאָזיקע ווילדע קולות און טראַכט מיר בעת מעשה:

„ס׳איז מיר אַלצאיינס : משוגע, קלאָר, לעבן, טויט, אַלצ־איינס ! אַלצאיינס!...״

LII

25 יאַנואַר.

מיר לעבן נאָך אַלץ, צו אַלדי שוואַרציאַר. עס שטאַרבט זיך נישט, כאָטש נעם און צערייס זיך...

עס איז אַ נעבלדיקע נאַכט. דער פּאַראָם זיצט אויפן וואַסער אָן באַוועגונג

איך האָב נישט וואָס צו טאָן, הייב איך מיך עטוואָס אונטער און צייל די נפשות, וואָס זיי איז נאָך באַשערט צו אָטעמען אויפן פּאַראָם. עלף מענטשן צייל איך איבער, אָבער איך בין נישט זיכער אין דער ציפער. עס פינטלט מיר אין די אויגן און איך מוז מיך אַוודאי טועה זיין.

צייל איך נאָכאַמאָל, פאַלט שוין אויס לויט מיין חשבון ניין מענטשן, זעקס מענטשן, פיר מענטשן און צען מענטשן... עס פּלאָנטערט זיך מיר אין קאָפּ. מען דאַרף נישט ציילן. דער קאָפּ ווערט אַזוי שוואַך, ווי דאָס האַרץ.

„דער סוף... דער סוף...״—שעפּטשע איך. — „ס׳איז גוט... ס׳איז דאָס בעסטע...״

אין נעבל זע איך מיין מוטערס פּנים, די גאַסן פון אונדזער שטאָט, אַ שוועסטער, וואָס האָט נישט לאַנג חתונה געהאַט, דער טאַטע..

און מיינע ליפּן שעפּטשען נאָך אַלץ:

„ס'איז גוט... דער סוף..."

און אַלץ בלייבט שטיין אין מיר—דאָס האַרץ, דער געדאַנק, דער ווילן. איך הייב אָן צו גליווערן...

אָבער אַ מערקווירדיקע זאַך: אינדערפרי קום איך ווידער צו זיך און עפן די אויגן. און איך זע מיט די אויגן און הער מיט די אויערן און דאָס האַרץ קלאַפּט און דער געדאַנק אַרבעט. איך לעב, איך שטאַרב נישט, צו אַלדי שוואַרץ-יאָר!...

דעמאָלט באַשליס איך ביי זיך, צו מאַכן אַליין אַ סוף! ווייבאַלד, אַז דער טויט איז אַזאַ שלים-מזל, אַזאַ טויגעניכטס, אַזאַ פוילער און קריכער, באַדאַרף מען אים צו העלפן. ס'איז פּשוט אַ מצווה-אַרבעט, אַ הייליקער חוב צו העלפן דעם אָרעמען עלנטן טויט, וואָס האָט געבען אַזוינע שוואַכע הענט און קען זיך, קיין עצה נישט געבן מיט אונדז.

ביי דידאָזיקע רעיונות שאַרט זיך צו צו מיר ראָבערט קורטיס. איצט איז ער ענלעך צו אַ קליין שדעלע, וואָס איז דאָס גאַנצע לעבן געווען פאַרשפּאַרט אין אַ שטייגל...

„נו, ווי פילט איר זיך?"—פרעגט ער.

איך קוק מיך איין אין אים און געפין נאָך אין זיינע אויגן אַ ביסל קאַפּיטאַנישע עקשנות.

„נישט גוט,—זאָג איך."—„איר ווייסט, הער קורטיס? היינט איז דער לעצטער טאָג. מער „לעב" איך נישט. איך מאַך אַליין אַ סוף... צו וואָס זיך אַזוי מוטשען?—צו וואָס?"

און ראָבערט קורטיס שאָקלט מיטן קאָפּ.

„דאָס איז אַ געדאַנק,"—זאָגט ער.—„איך וואָלט עס אפשר אויך געטאָן, אָבער אַלס קאַפּיטאַן מוז איך שטאַרבן דער לעצטער... איר פאַרשטייט? איך מוז לעבן! און,"—שמייכלט ער, —

און האָב נאָך די האָפענונג נישט אויפגעגעבן... באַטירלעך, פאַר אייך איז עס אַ פוסטער קלאַנג, און איר זענט אויך גע־רעכט, אָבער איך שפיר נאָך רעטונג אין יעדן גערויש פון אַ כוואַליע, און יעדער באַוועגונג פון ווינט...״

ער זיצט לעבן מיר און רעדט, איך הער אים נישט.

דער נעבל צעשפרייט זיך, דער ים ווערט אויפגעדעקט, עס הערט זיך דאָס פאָכן פון פליגלען, איבער אונדז דרייען זיך פריילעכע ים-פייגל...

ראָבערט קורטיס פאַרוואַרפט דעם קאָפּ אַהינטער און שיקט די אויגן צום הימל.

„פייגל,״—שעפּטשעט ער,—„וואָס הייסט? מסתמא איז נאָענט דער ברעג...״

אָט איז אַ גלויביקער מענטש, דער קורטיס. ער דהאַלט נאָך אַלץ אין איין גלויבן און האָפן... וואָס איז שייך צו מיר, בין איך שוין לאַנג איבערצייגט, אַז אויף דער וועלט איז קיין שום יבשה און קיין שום ברעג נישט פאַראַן. נאַרישע מענטשן האָבן עס אויסגעטראַכט! אפילו קינדער אין די וויגן ווייסן, אַז די גאַנצע וועלט באַשטייט פון ים, פון גאָלע ים, און איבערן ים טראָגן זיך אַרום שיפן און פאַראָמען. די וואָס גייען, שטייען, שפּאַצירן און שלאָפן אויף די שיפן, לעבן און קענען נאָך בלייבן לעבן. זיי האָבן אַ באָדן אונטער די פיס. אָבער די, וואָס ליגן אויף די פאַראָמען, מוזן שטאַרבן, ווי דשאַנקסטראָפּ, ווי האָבאַר, ווי אָווען אָדער ווי... קאַזאַלאָן.

די פאַראָמען מוזן אונטערגיין...

און קורטיס קוקט נאָך אַלץ אויף די פייגל און זייבע ליפן שעפּטשען. די פייגל דערווייטערן זיך אָבער פון אונדז און דאָס וואַקסט פלוצלונג אויס אין מיין ווינקעלע און רעדט

צו קורטיסן האַרבע דבורים:

„קאַפּיטאַן",—זאָגט ער, — „מיר וואַרפן באַלד גורל..."

איך הער מיך צו צו דידאָזיקע ווערטער און בלייב נאָך אַלץ לעבן... אפשר איז עס בלויז נייגיר? עס ווילט זיך דאָך נישט איבעררייסן דאָס, וואָס דיין אויג זעט און דיין אויער הערט?...

LII

אין דעם אייגענעם טאָג.

עס האָט באמת בײַ אַ גורל, און אַלע שווייגן. קיינער פּראָטעסטירט נישט קעגן דעם.

אַנדרע לעטורנער האָט זיך אָנגערופן צו די טויטע פון פּאַראָם:

„יאָ, אַז אַ גורל, איז אַ גורל. איין זאַך אָבער פאַרלאַנג איך: לאָמיר אויסשליסן פון גורל אונדזער ליבע מיס גערבײַ..."

דאָלאַס איז אַרויסגעטרעטן קעגן דעם. ער האָט געזאָגט:

„מיר זענען עלף מענטשן אויפן פּאַראָם. יעדער איינער פון אונדז האָט אַזויאַרום צען שאַנסן קעגן איינעם. שליסן מיר אָבער אויס די מיס גערבײַ, ווערט דערמיט פאַרקלענערט די פּראָפּאָרציע..."

אַנדרע שווייגט, מיס גערבײַ פאַלט אויך אַריין אין גורל.

דער באָצמאַן, וואָס איז שוין געלעגן מיט אויסגעצויגענע פאַרגליווערטע פיס, האָט פּלוצלונג אויפגעהייבן דעם קאָפּ און גענומען שרייען:

„וואָס צעגערט איר אָבער אַזוי, אַ רוח אין אייער טאַטנס טאַטן אַריין! מאַכט עס שנעלער אַ ביסעל!...״

קיינער קען נישט שטאַרבן, אַלע לעבן. אַ מערקווירדיקע זאַך!

און אָט זע איך, ווי מען פאַרעט זיך מיטן גורל. טויטע מענטשן ווילן עסן און טויטע מענטשן אַרבעטן. אויפן פאַראָם האָט זיך באַוויזן אַ קאַפּעלוש און אין קאַפּעלוש ליגן צעטעלעך מיט נעמען. דאָס איז שוין פאלסטענס איינפאַל און זיין טעכניק... ער האָט דאָך אַלעמאָל געהאַט פאַפיר און בלייפעדער.

מען האָט באַשלאָסן: מען ציט צעטעלעך און דער לעצטער נאָמען איז די כפּרה. דער לעצטער נאָמען פון אַ צעטעלע איז אַ בילעט אויף יענער וועלט. ניין, נאָך ערגער...

עס פרעגט זיך גאָר: ווער איז דער צ י ע ר? ווען טוויט מען אָן דידאָזיקע אַרבעט?

דער אַלטער לעטורנער רופט זיך פּליצלונג אָן:

„לאָזט מיך, איך וועל זיין דער ציער!..״

איך זע, ווי ער שטייט און בעט זיך: הויט און ביין, ווייסע האָר, כמעט אויסגעלאָשענע אויגן...

דער באָצמאַן, וואָס איז נאָר וואָס אויפגעשטאַנען תחית המתים צוליב דעם גערודער פון גורל, שטעלט זיך אויף (אָבער נישט אַזוי געשיקט, ווי אַמאָל) און זאָגט:

„איך האָב גאָרנישט קעגן דעם... אויב איר ווילט...״

און דער אַלטער חיל. באַטירלעך. אָן שום אויפרעגונג. „רויק״ קוק איך מיך צו, ווי דער אַלטער לאָזט אַראָפּ די ציטער-

דיקע האַנט אין קאַפּעלוש און ציט אַרויס אַ פֿאַרוויקלט צעטעלע. דאָס פּאַפּירל ווערט פּאַוואָליע אָפּגעוויקלט און דער אַלטער לייענט מיט אַ שטיק, ווי פֿון דער ערד אַרויס:

„בערק!..."

בערק איז דער ערשטער, וואָס געהערט צו די „גליקלעכע". ער פֿרייט זיך אָבער ניט—ער איז נאָר צעפֿרידן, אינסטינקטיוו צעפֿרידן, נישט מער.

דעם אַלטנס ציטעריקע האַנט קריכט ווידער אין קאַפּעלוש נאָך אַ פּאַפּירל שאַרכעט צווישן זיינע אויסגעטריקנטע פֿינגער.

„פליישאַל!"

און עס גייט אַזוי כּסדר.

דער דריטער איז דער באָצמאַן.

דער פערטער—פּאָלסטען.

דער פינפטער—קורטיס.

דער זעקסטער—כענדאָן.

מיין נאָמען הער איך נאָך אַלץ נישט, אָבער עס קימערט מיך נישט, פּונקט ווי עס פֿרייט נישט די „גליקלעכע."

דער אַלטער ציט ווייטער.

„מיס גערביי!"

און—

„קאַזאַלאָן!"

מיין נאָמען, אָבער איך האָב אַ טויט האַרץ—עס נעמט מיך נישט. אַז קאַזאַלאָן, טאָ זאָל זיין קאַזאַלאָן. ס'איז מיר אַלצאיינס.

נאָכדעם הער איך:

„לעטורנער!"

„וועלכער לעטורנער?"—פֿרעגט דער באָצמאַן.

„אַנדרעו!"—ענטפערט דער אַלטער.

אַלע קוקן זיך איבער אויפן פּראָם. דעם יונגן לעטור־נער ווערט נישט גוט.

עס זענען געבליבן בלויז צוויי קאַנדידאַטן, צוויי נעמען: לעטורנער און דאָולאַס.

דאָולאַס שרייט מיט גלייכגילטיקער רשעות:

„וואָס קוקסטו, אַלטער? שלעפּ ווייטער!"

צום לעצטן מאָל פּאָרט דער אַלטער פּראַנצויז מיט דער האַנט אין דעם שרעקלעכן קאַפּעלוש, פון וועלכן ער דאַרף אַרויסשלעפּן אָדער אַ שטיקעלע צרהדיק לעבן אָדער אַ גרויסן, גרויסן טויט!.. דער אַלטער טוט עס לאַנגזאַם. ער שלעפּט אַרויס אַ פּאַפּירל, אַ קליין פּאַפּירל און לייענט:

„דאָולאַס!"

דער טשעסלער שמייכלט: דער גורל איז אויסגעפאַלן אויף דעם אַלטן לעטורנער...

דער אַלטער שטייט אַ ווײַלע אַ פּאַרטראַכטער, און קנייטשט מיטן שטערן. נאָכדעם שלעפּט ער אַרויס דאָס לעצטע צעטעלע, צערײַסט עס אויף קלייניטשקע שטיקעלעך און וואַרפט עס אַרײַן אין ים. אַ קליין שטיקעלע פּאַפּיר האָט נישט געהאַט קיין כוח צו דערפליען אין ים אַרײַן און האָט זיך אוועקגע־לייגט אויפן דעק פון פּאַראָם...

איך פאַרשטיי דעם אַלטנס מאַנעוור: דער גורל איז אייגנטלעך אויסגעפאַלן אויפן יונגן לעטורנער, אָבער דער טאַטע האָט אומישנע פאַרדרייט די יוצרות און גייט פאַרן זון...

פאָרזיכטיק הייב איך אויף פון דעק דאָס שטיקעלע פּאַ־פּיר און לייען דערויף: „אַנד..."

דער אַלטער לעטורנער, שטאַרק אויפגערעגט, רייסט עס מיר אַרויס פון די הענט און וואַרפט עס אין ים אַריין.

און איך זאָג אים בלויז מיט די ליפן, אָן אַ שום קלאַנג:

„שרעקט זיך נישט, ליבער לעטורנער!..״

LIV

ווינטער אין דעם אייגענעם טאָג.

נאָכן גורל ווערט דער עולם זייער אומגעדולדיק. אויפן אַלטן לעטורנער קוקט מען שוין נישט, ווי אויף אַ מענטשן, וואָס זיין לעבן איז הייליק און אומבאַרירלעך, נאָר ווי אויף אַ קהלשער זאַך, וואָס געהערט צו אַלעמען...

דאָולאַס גרייט צו די האַק, דער באָצמאַן מאַכט אָן אָרט פאַר אַ שעכטהויז...

אָבער אין דער מינוט געשיט עפּעס אומגעווייגלעכס. מיס גערביי שטייט אויף פון איר אָרט, ווי אַ שאָטן פון יענער וועלט און רופט זיך אָן מיט אַ שטילער פיינלעכער שטים, וואָס קלינגט ווי נביאות אויפן פּאַראָם:

„לאָמיר וואַרטן ביז מאָרגן... וואַרפט אַוועק די האַק! האַלט אָפּ! איין טאָג לאָמיר וואַרטן! מיר זאָגט דאָס האַרץ און מיין טיפער פיין, אַז מאָרגן וועלן מיר אויסגעלייזט ווערן!... האַלט אָפּ! האַלט אָפּ!״

און אַ מערקווירדיקע זאַך: דידאָזיקע שטים ווירקט. אַלע הערן זיך צו צו איר. מען ווערט מיטאַמאָל עפּעס מענטשלעכער,

הארציקער, געהאָרזאַמער. און מען פאָלגט דער מיס גערביי...
דאַולאַס ווארפט אַוועק די האַק, דער באַצמאַן זאָגט:
„לאָמיר נאָך ווארטן אַ טאָג!"
די מאַטראָזן שאָקלען מיט די קעפּ:
„לאָמיר נאָך ווארטן אַ טאָג!"
דער אַלטער לעטורנער קושט דעם זון, דער זון קושט דעם פאָטער. מיס גערבייס אויגן גרעסערן זיך: איך זע אין זיי באמת נבואה, אַ געטלעכן אויסדרוק, עפּעס אַזוינס, וואָס איז העכער פון מענטשלעכן לעבן, און עס באַרויקט מיך...
גאָט אין הימל, איך האַלט מיך נאָך אַלץ אויף די פיס. איך לעב נאָך.

LV

26 יאַנואַר.
אונדזער פראַם באַוועגט זיך שנעל. מיר ווייסן אָבער נישט, וווהין מיר גייען—צי צום ברעג, צי טיפער אין ים.
עס איז שרעקלעך אומעטיק און עס נאָגט פסדר ביי דער נשמה. עס נאָגט און עס נאָגט און עס וויל נישט אויפהערן.
היינט איז שוין אייגנטלעך דער מאָרגן, מיס גערבייס מאָרגן, און מיר זעען נישט אין קיין שום ענדערונג אין אונדזער לאַגע. איר נבואה איז דערווייל נישט מקוים געוואָרן.
דאַולאַס ווערט שוין בייז, דער באַצמאַן זוכט שוין ווידער אַן אָרט פאַרן שעלטהויז...
אויפן פראַם איז אומרויק.

דער יונגער לעטורנער האַלט זיך אויפן פּאָטערס האַלדז, דער אַלטער זאָגט:

„שרעק זיך נישט, טייערער... פאַל נישט פון מוט... מיר זאָגט דאָס האַרץ, אַז דו וועסט בלייבן לעבן...״

און דאַולאַס שרייט:

„וויפל איז דער שיער צו וואַרטן, פאַרשטיי איך נישט!..״

ער גייט מיט דער האַק פאָרויס און שלעפט מיט זיך אַ פראָצעסיעלע פון מאַטראָזן. דער באָצמאַן שאַרט אַרום מיטן פוס אַ ווינקעלע פון פאַראָם.

מיס גערבײַ שווייגט. איך הער, ווי עס קנאַקן קורטיסעס ציין. זיי זענען פאַרדריקט. אין אַ ווײַלע אַרום ברומט ער:

„חיות, נישט קיין מענטשן!״

דאַולאַס דערנענט זיך צו דעם אַלטן פראַנצויז. ער נעמט אָן דעם אַלטן פאַר דער האַנט און וויל אים שלעפן צום באָצמאַן.

„קום,״—זאָגט ער,—„עס איז שוין די העכסטע צייט. אַ גורל איז אַ גורל!״

דער אַלטער ווישט זיך איבער בעת מעשה דעם שטערן, אָטעמט זיך אָפּ און זאָגט:

„הערט, דאַולאַס, איך האָב אַ נייעם פּלאַן. מיטאַמאָל וועט איר דאָך מיך נישט אויפעסן. אַלזאָ, הייַנט האַקט מיר אָפּ די הענט... מאָרגן אַן אַנדער טייל... און אַזוי ווייטער...״

דאַולאַס שמייכלט מיט עפעס אַ שדיש שמייכעלע.

„ס׳איז געמאַכט,״—זאָגט ער.—„איך גיי איין דערויף.״

איך הער נאָך אַלץ, ווי קורטיסעס ציין קנאַקן. פּלוצלונג וואַרפט ער זיך אַריין אינם קלײנעם געזעמל, וואָס פאַרעט זיך אַרום לעטורנערן און נעמט שרייען אויף זיין אַלטן קאַפּיטאַנישן

שטייגער שטאָלץ און באַפעלעריש:

„ניין, איר וועט דאָ קיין מענטשן נישט שעכטן! ניין, ניין! ניין!"

עס ווערט אַ מוראדיקע בהלה און פון דער בהלה ברעכט אויס אַ געשלעג. איך וואַרף מיר צו הילף קורטיסן, וואָס ראַנגלט זיך, ווי אַ לייב. דערדאָזיקער מענטש האָט נאָך אַלץ כוחות אין זיך. מען ראַנגלט זיך אויף טויט און אויף לעבן.

עמעץ פון די מאַטראָזן כאַפּט מיך אַרום ביים אָרעם, דריקט מיך צו צו זיך, הייבט מיך אויף און שליידערט מיך אַריין, ווי אַ שטיין, אין ים אַריין...

דאָס וואַסער קילט מיך באַלד אָפּ. אַ כוואַליע פאַרגיסט מיר דאָס מויל... אָבער, גאָט אין הימל, וואָס איז געשען: די כוואַליע איז אַ זיסע!...

ווי קומען מיר צו זיס וואַסער? ווו זענען מיר אין דער וועלט?

איך קוק מיך אַרום: נישטאָ קיין זכר פון אַ הייפיש.

אַ ווײַלע ווערט מיר נישט גוט פון דער זשמעניע רעיונות, וואָס טוט מיר מיטאַמאָל אַ זעץ אין דעם אָרעמען שוואַכן קאָפּ. איך וויל שרייען, אָבער ביז וואַנען וואָס, ווען, וואַרף איך מיך אַרויף אויפ׳ן פרישן, זיסן וואַסער...

LVI

27 יאַנואַר. המשך.

אַך, איך טרינק! איך טרינק!

איך טרינק נישט קיין וואַסער, נאָר לעבן, געזונט, כּוחות טרינק איך. און איצט שריי איך און וויל פאַרשרייען די גאַנצע וועלט!

אויפן פּאַראָם שלאָגט מען זיך נאָך, אָבער מיינע קולות מאַכן אַ סוף צום געשלעג.

קורטיס וואַרפט מיר צו אַ שטריק און איך כאַפּ מיך אַרויף אויפן פּאַראָם.

און איך שריי ווייטער:

„זיס וואַסער! זיס וואַסער! ווער וויל טרינקען?"

מען לאָזט צורו דעם אַלטן לעטורנערן און מען וואַרפט זיך אין ים אַריין. אויסגעטריקנטע ביינער, שאָטנס שפּרינגען פון פּאַראָם אין וואַסער.

און ראָבערט קורטיס זעצט אַריין, ווי טשוועקעס, אין די דאַזיקע שאָטנס:

„ווו זיס וואַסער, דאָרט איז אונבאַדינגט יבשה!"...

אָבער אַלע טרינקען, ווי פאַרשמאַכטע געוויינט. מיס גערביי ליגט אויסגעצויגן אויפן פּאַראָם, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט צום וואַסער, און זי טרינקט... איך שטיי דערביי און פּיל, ווי

זי טרינקט אויך נישט קיין וואַסער. נאָר שטיקער לעבן און געזונט.

זיך גוט אָנגעטרונקען, ווייס נישט דער עולם ווייס וואָס צו טאָן פון שמחה, פון עקסטאַז, פון פריידיקער משוגעת...

איך פרעג קורטיסן:

„ווו זענען מיר אין דער וועלט?"

און ער ענטפערט:

„ביי אַ צוואַנציק מייל פון ברעג... נישט מער?"

„וואָס רעדט איר?"—וואַרפן זיך אַלע צו אים.

קיינער גלויבט אים נישט. אַרום אומדו איז נישטאָ קיין סימן פון יבשה. נאָר הימל און וואַסער, הימל און וואַסער. אָבער עס פרעגט זיך: ווי קומט אַהער זיס וואַסער? קיינער קען נישט פאַרענטפערן דיזאָזיקע האַרבע קשיה.

קורטיס טענהט דאָס זייניקע:

„יאָ, מיר זענען זי נישט, די יבשה, אָבער זי איז באַוענט..."

עמעץ פרעגט גראָב און מיט כעס:

„אָבער וואָסער יבשה? וואָס האַקט איר אין קאָפּ אַריין מיט יבשה?

און קורטיס ענטפערט רויק:

„נו, יאָ, אַמעריקע..."

„וואָס הייסט אַמעריקע?"

קורטיס שמייכלט און זאָגט ווייטער:

„מיר טרינקען דאָס וואַסער פון דער אַמאַזאָנקע... די אַמאַזאָנקע איז דער איינציקער טייך אין דער וועלט, וואָס האָט אַזאַ כוח, אַז ער רייסט זיך אַריין אין ים אַריין אויף אַ שטח פון גאַנצע צוואַנציק מייל און מישט נישט אויס זיין וואַסער

מיטן וואַסער פון ים... קיין אַנדער זיס וואַסער איז נישטאָ אין אַטלאַנטישן אָקעאַן."

דער עולם פאַרלירט די חוצפה. מען הערט קורפיסן. מיט געריבי פאַרלייגט די הענט אויפן האַרצן, קלעפּט צו די אויגן צום הימל און נעמט שעפּטשען...

LVII

27 יאַנואַר. המשך.

ראָבערט קורטיס איז גערעכט. דאָס זיסע וואַסער, וואָס מיר טרינקען אַלע ווײַלע, געהערט דער אַמאַזאָנקע.

און דער ברעג איז נאָענט. מיר פילן עס אין דער לופט, אין דעם גאַנג פון ווינט, אין די געשרייען פון ים־פייגל און מיר פילן עס אויף די פנימער פון די טויטע חברים...

זיי לעבן אויף, זיי קומען צו די כוחות בלויז פון דער לופט־ענדערונג, פון דעם, וואָס דער ברעג איז נאָענט...

און אין אַ שעה אַרום שרייט שוין קורטיס מיט גרויס נצחון איבערן גאַנצן פּאַראָם:

„ערד! ערד!..."

דערויף ענדיקט זיך מיין טאָגבוך, וואָס איז דורכגעווייקט מיט אַזויפיל יסורים און פּיין. איצט וועל איך נאָר צוגעבן עטלעכע פּרטים, וואָס האָבן אַ שייכות צום פינאַל פון אונדזער העכסט טראַגישער נסיעה.

עלף אָ זייגער אינדערפרי האָבן מיר זיך ווי עס איז דערשלאָגן צום קאַפּ מאַגוראַ, ביי דער אינדזל מאַראַפאַ, די

ברעגלייט האָבן זיך דערבאַרעמט איבער אונדז און מען האָט אונדז געגעבן צו עסן.

איך וויל דאָ נישט שילדערן, וואָס מיר האָבן געפילט, בשעת מיר האָבן צום ערשטן מאָל געהאַלטן אין די הענט ברויט, גאָפל, מעסער, און יעדער איינער האָט זיך גענומען צו זיין חלק געבראָטנס... ס׳איז איבער מיינע כּוחות!...

אויפן פּאַראָם זענען מיר געווען שווערע חולאים, אויף דער יבשה זענען מיר באַלד געקומען צו זיך.

ווי עס שטעלט זיך אַרויס, האָט אונדז געראַטעוועט דער גאָלפשטראָם. אַ דאַנק אים זענען מיר פאַרטראָגן געוואָרן צו דעם אַמעריקאַנישן ברעג.

דאָס איז אַ זעלטענער צופאַל, און מען מוז זאָגן, אַז עס האָט אונדז „אָפּגעגליקט”. ווען נישט דערדאָזיקער צופאַל, וואָלטן מיר זיכער אומגעקומען אין אָקעאַן.

איצט לאָזט זיך אונטערציען דעם טרויעריקן סך-הכּל, וואָס פאַרדריקט מיר טיילמאָל דאָס האַרץ ביז טרערן: פון ז ע ק ס-א ו נ צ וו אַ נ צ י ק נפשות, דערין אַכט פּאַסאַזשירן, זענען פאַר-בליבן בלויז ע ל ף נפשות — פינף פּאַסאַזשירן און זעקס ים-לייט... די גרעסטע העלפט איז אומגעקומען פון הונגער, נויט און דורשט.

די בראַזילישע מאַכט האָט צונויפגעשטעלט אַ פּראָטאָקאָל, וואָס איז אונטערגעחתמעט געוואָרן פון מיס גערביי, קאַזאַלאָן, ביידע לעטורנערס, פלאַסטען, באָצמאַן גוויד, דאָולאַס, בערק, פליפאָל, סענדאָן און ראָבערט קורטיס, דער קאַפּיטאַן. ער האָט זיך געחתמעט דער לעצטער.

אויף דער אינדזל מאַראַפּאָ האָט מען אונדז געשאַפט

אַ ביסל געלט און מען האָט אונדז געגעבן די מעגלעכקייט זיך אומצוקערן אַהיים.

אַ שיף מיטן נאָמען „די שטאָט סען-נאַזאַר" האָט אונדז געפירט אַהיים.

די ערשטע צייט האָבן מיר זיך געשראָקן פאַרן ים. אויף זיינע ברייטע, בייזע כוואַליעס האָבן מיר תמיד געזען די שאָטנס פון די אומגעקומענע חברים און דעם אָפּגלאַנץ פון אונדזערע אייגענע גרויסע יסורים. ביסלעכווייז אָבער זענען מיר געקומען צו די נאָרמאַלע כוחות און די שרעק האָט פאַרלאָרן איר שאַרפ־קייט...

עס איז, נאַטירלעך, איבעריק צו זאָגן, אַז די עלף נפשות, וואָס דער טויט איז זיי נישט בייגעקומען אויף דעם טראַגישן פּאַראָם, זענען שטאַרק געבונדן צווישן זיך. מיר זענען הייסע פריינט, און מיר וועלן עס זיין ביזן טויט.

מיר ווייסן תמיד, ווי יעדער איינער פון אונז געפינט זיך, וואָס ער טוט און ווי ער לעבט. און אויב עמעץ פון אונדז געפינט זיך אין אַ נויט, קומען מיר אים צוהילף, ווי טרייע ברידער. אַזוי־אַרום האָט דער ים געשאַפן אַ וואַרעמע משפחה פון ווילד־פרעמדע מענטשן, וואָס איר ראש איז נאָך אויך איצט נישט קיין אַנדערער, ווי ראָבערט קורטיס...

מיס גערביי האָט זיך געוואָלט אָפּזאָגן פון איר פּערזענ־לעכן לעבן און זיך אָפּגעבן מיט קראַנקע און ליידנדיקע.

„עס איז דאָ אַזאַ וועלט פון נויט!..." — האָט זי גע־זאָגט.

עס איז איר אָבער געשטאַנען אין וועג דער יונגער לע־טורנער מיט זיין ליבע, מיט זיין גרויסער ליבע, און פון אַ באַ־

רעמהאַרציקער שוועסטער איז זי געוואָרען אַ ליבע פרוי און אַ מוטער...

די איינציקע דאַמע פון אונדזער פאַראָם האָט זיך אויף אייביק פאַרקניפּט און פאַרבונדן מיט דעם יינגסטן פון אונדזער פאַראָם-משפחה...

און איך מוז צוגעבן, אַז מיר האָבן זיי אָפּגעשפּילט אַ פריילעכע חתונה מיט מוזיק און טענץ...